STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04781

# VELT UN MENTSH

Malka Locker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לאָקער

# וועלט און מענטש

פון דער אויסגאבע
זיינען געדרוקט געוואָרן
500 נומערירטע לוקס
עקזעמפּליארן אויף
ווערזשע פּאַפּיר

עקזעמפּליאר נומער

Printed in France
Copyright by
Malka Locker

מלכה לאקער

# וועלט און מענטש

## לידער

פֿאָרוואָרט פֿון חיים ליבערמאַן.

פֿערלאַג „טריאַנגל“ פּאַריז

מלכה לאָקער איז געקומען אין דער פּאָעזיע, — אַן איבעררײַשונג פֿאַר זיך, אַן אַנטפּלעקונג פֿאַר אונז. ביז איר מיטעלן עלטער, אַן ערך אַ יאָר צוריק, האָט זי קיין לידער ניט געשריבן און ניט געוואוסט אַז זי דאַרף זיי שרייבן. נאָר אַ פֿריינט וואָס פֿלעגט דערהאַלטן פֿון איר בריוו האָט איר אויפֿמערקזאַם געמאַכט אַז אירע בריוו זיינען אמתע פּאָעזיע און אַז זי וואָלט געדאַרפֿט פּרוּוון שרײַבן לידער.

זי האָט געפּרוּווט און די־דאָזיקע פּראָבע איז געווען אַ מין עפֿענען פֿון אַ קוואַל. פֿון דעמאָלט אָן הערן די לידער ניט אויף צו קומען און זיי גייען מיט אַ שפֿע און מיט אַ שטראָם און מיט אַ קראַפֿט וואָס קענען באַדײַטן נאָר איין זאַך — אַן אמתן און רײַכן דיכטערישן טאַלענט.

אַז אַמענטש זאָל אַזוי פּלוצים אויפֿטרעטן אין אַ ליטעראַטור איז אַ זעלטענע און זייער מערקווירדיקע דערשיינונג. דער גאַנצער שעפֿעריש פּראָצעס איז אַ געהיימניס אין דער נאַטור, אָבער ווען ער ברעכט אויס אומגעריכט אין אַ מענטשן אין פֿול־רײַפֿן עלטער איז עס אַ געהיימניס אין אַ געהיימניס. אַזאַ דערשיינונג האָט גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס און איינגנאַרטיקן רייץ. ביי אַזאַ קינסטלער איז ניטאָ די מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן זיינע ערשטע שריט, נאָכצוגיין זיין אויפֿשפּראָצן, זיין פֿונאַנ־דערבליען און זיין אויסוואַקסן. דאָ זענען אַלע פּראָצעסן פֿאָרגעקומען אין דער שטיל און אין דער פֿינסטער און מיר דערזעען פֿאַר זיך מיט איינמאָל, ווי אַ נס, אַ פֿאַרטיקן בוים אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער ערד.

אַזאַ פֿאַל איז די דיכטונג פֿון מלכה לאָקער.

מלכה לאָקערס דיכטונג איז געקומען ווי אַן ערופּציע און זי האָט די גאַנצע הערלעכקייט און פֿאַרכאַפּנדיקן צויבער פֿון אַ פּלוצים פֿונאַנדער־געשפּילטן וואולקאַן. און זי טראָגט אויך אַלע סימנים פֿון אַ גוואַלט־אויסברוך: עס שלאָגט פֿון דעם קראַטער פֿייער און עס שלאָגט רויך, עס פֿליען שטיקער גאָלד און בלאָקן שטיין, זאַכן קאַפּריזנע אויסגעפֿורעמט ווי אַ שנייבלום אויף אַשויב, און שטאָף ווי צעפּלאָסענער, צעשמאָלצענער

ערץ. עס קווילערן זיך אין אירע לידער איינס איבערן אנדערן, איינס אונטערן אַנדערן, איינס אין און דורכן אַנדערן מענטשן, שטעט, גלעטשערס, געפילן, ים׳ען, אורציַיטן, רוי־אינסטינקטן און שפּיץ־געדאַנקען, וועגוס און אַמניבוסן, כאַאָס און געאָמעטריע, מאַשינען, נשמה, יאַהווע און דיאָניסוס, לייב, וויטאַגן און געביידן, זייד און שיקזאַל, בערג און בענקשאַפטן — אַלץ אַנגעוואָרפן, אַנגעשליידערט ווי אויף עפּיס אַ גרויסן, הערליכן, בלענדינגן נאַטור־יאַריד.

אין פּלוצימדיגן דיכטערישן דערוואַכן האָט זי זיך אַנגעכאַפּט מיט אַמאָל אין אַלע זייטן פון דער וועלט, ווי אַן איבערראַשט קינד מיט ביידע הענט אָן אַ שפּילצייג. זי איז פול מיט באַוואונדערונג, פול מיט פאַרחידושטקייט און קשיות. יעדע קלייניקייט, אַ לייכטע רעגונג פון אַ ווינט, אַ בויג פון אַ בלומענקעפל, אַ פּינטל פון אויג פון טאָג, ווערט דערהויבן צו דער וויכטיקייט פון אַן אַנטפּלעקונג. און די גרעסטע זאַכן זענען איר ניט צו גרויס. זי ציט אויס די האַנט נאָך דער זון ווי נאָך אַ שפּילבאַל אין שוידפענסטער און גייט פאָרן אויף אַ שטורמווינט מיט דערזעלבער גרייטקייט און באַגייסטערונג ווי אויף אַ קאַרוסעל. און די אייגענע גלידער, די הענט און די פּיס און די אויגן אין קאָפּ, ווען זיי זענען געזונט און ווען זיי פיבערן אין קרענק — אַלץ איז פאַר איר אַ טעמע צו באַטראַכטן און זיך צו חידושן דעריבער. ווי אַ קינד מוז זי אַלץ אָנרירן און באַטאַפּן כדי צו זעטיגן דעם אור־הונגער פון אירע חושים נאָך וועלט און וועלט־דערקענטניש.

דאָס האָט אַרויפגעלעגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף איר און באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אירע לידער אין זייער איצטיגער ערשטער פאַזע. אין דער פּלוצימדיגער ערדציטערניש וואָס איז פאָרגעקומען אין איר נשמה האָט נאָך די דיכטערן קיין צייט ניט געהאַט זיך איינגאַנצן צו געפינען און געווינען הערשאַפט איבער איר קונסט. זי טראָגט נאָך ניט איר פּאָעזיע נאָר ווערט פון איר געטראָגן. אין דעם ערשטן רויש פון איר דערוואַכן האָט זי נאָך, קודם כל, ניט באַוויזן צו ציכטיגן איר שפּראַך. זי פאַרמאָגט אַ געוואַלדיגן שאַץ פון ווערטער, געהויבענע, קרעפטיגע און פיין נואַנסירטע, און זי קען זיי אויסשטעלן אין שטילע, אַטמאָספערישע פראַזן און אין מעכטיגע, גרויס־געוועלבטע שורות. אָבער אין איר רייכן שאַץ פון שפּראַך לויפן נאָך אום צופיל פרעמד־ווערטער וואָס גיבן איר ליד צו אָפט אַ האַרטקייט פון דיקציע און קלאַנג פון אומלירישקייט. מלכה לאָקערס לידער אונטערשיידן זיך פון דער אַלגעמיינער אידישער פּאָעזיע דערמיט וואָס זיי וואָרצלען ניט, ווי זי, אין דער פאָלק־שפּראַך. זיי האָבן דערפאַר די מעלה וואָס זיי זענען ניט באַלאָדן מיט באַנאַלע און אָפּגעבליצטע ווערטער. איר שפּראַך בלאַנקט ווי נייע מעטערס. אָבער זיי האָבן אויך

דעם חסרון וואָס זייענדיג אָפּגערוקט פון דער גרינגער, זאַרגלאָזער און ניכטערער אומגאַנגס־שפּראַך, קלינגען זיי אַמאָל צופיל ווי שווערע קונסט.

אין אומגעריכטן אויסברוך פון לאַנג אָנגעזאַמלטער קראַפט איז עס דער דיכטערין נאָך ניט געלונגען צו געווינען פולע קאָנטראָל איבער פאָרם. פאָרם, מער אפשר ווי יעדער אַנדער עלעמענט פון דער קונסט, ווערט באַשאַפן אין שטילער, געדולדיגער איינזאַמקייט. אָבער אַ דיכטונג וואָס יאָגט מיטן ווילדן אימפּעט פון אַ שטורמווינט קען זיך ניט אויספּוצן אין שטרענגע, געלאַסענע, דין־געצווינגענע ליניעס. בנינים פון גרויסער געוואַלט פאַרטראָגן ניט קיין איידל־צירליכע אָרנאַמענטן. דעריבער האָבן אירע לידער ניט קיין פעסט־שטייענדיגן מעטרישן געבוי, קיין געבונדענע פערזן און קיין צוזאַמענקלינגענדיגע גראַמען. זי לאָזט זיך איינגאַנצן דיקטירן פון אַ אינערליכן ריטם, באַשטימט דורכן עקסטאַז אַליין. אָבער דאָס גייט פאַר איר ניט אַריבער אָן שטראָף. אַדאַנק איר גלייכגילטיקייט צו פאָרם פאַלט זי אָפט אַריין אין אַ צומישונג פון פאָרמען און מיר געפינען ניט זעלטן ביי איר געפּאָרט ראָמאַנטישע שטימונג מיט קלאַסישער שפּראַך און עקספּרעסיאָניסטישער און אַנדערש מאָדערנער פאָרם. צוליב דער צעשויבערטקייט פון זייער פאָרם קען מען אָפט ביי אירע לידער, ניט געקוקט אויף זייער גאַנצער שיינקייט און שטורמישער קראַפט, זיך ניט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז זיי ליידן פון אַן אינערליכער אומפאַרטייט. וואָרום פאַרטיקייט איז פאַרענדיגטע פאָרם. און וואָס כאַאָטישער דער שטאָף, אַלץ גרעסער איז זיין בענקשאַפט נאָך פאָרם. און גראָד אין דער געמאָסטענער געשטאַלטונג פון דעם מאָסלאָזן אַנטפּלעקט זיך די אמתע מייסטערשאַפט.

נאָר דאָס זענען זייטיגע באַטראַכטונגען. דער עיקר איז דער אַנטפּלעקטער, פּאָעטישער כוח, דער דיכטערישער קוואַל וואָס האָט גענומען שלאָגן מיט אַזאַ שפע און קראַפט נאָכדעם ווי דער שטיין איז איינמאָל אָפּגערוקט געוואָרן. און דער קוואַל איז אַמאָל שפּילעוודיגער פאָנטאַן, אַמאָל שטורמישער אָקעאַן. מלכה לאָקער איז ליריקערין און דראַמאַטיקערין. זי קען דעם שטילן ציטער פון איידעלע מחשבות און זי קען דאָס קראַכיגע הילכן פון פאַלנדיגע וועלטן. איר סקאַלאַ פון געפילן איז אומגעהויער גרויס און דער קרייז פון אירע טעמעס ווייס ניט קיין גרעניץ. זי נעמט די לעצטע שטיק סאָציאַלע נייעס פון דער צייטונג און זי גייט אויך אַהין וואו די ערשטע ענערגיעץ פון דער וועלט ליגן נאָך אין אומגעגילדערטן כאַאָס. זי מאָלט אַפּאָקאַליפּטישע בילדער פון צוקונפט און שילדערט דאָס געשריי און רעווען פון ערשטער וועלט־באַשאַפונג. זי האָט לידער וואָס פאַרלויפן ווייט פאָראויס און לידער וואָס גייען גרויסע וועלט־שטרעקעס צוריק. לידער אינטימע, וואָס זינגען דאָס האַרץ פון אַ בלימל, און לידער פון ניו־יאָרק וואָס זענען ריזיגע סימפאָנישע מאַסן. זי זינגט כאַאָס און הימל־געוועלב, בעטאָן און

פֿאַרצעליי, טאַנקען און פֿיליגראַן, בריקן און שמעטערלינגען. זי זינגט אַלץ: ערשטע מאַטעריעס וואָס זענען יסוד פֿון באַשאַף, אורגרונטיקע אינסטינקטן וואָס טרייבן דורכן לעבן, נשמה וואָס בענקט צו גאָט, גייסט וואָס נעמט אַרום די וועלטן.

איר ערשטע פֿרייד איז שטאָף און די עלעמענטאַרע זאַכן פֿון דער וועלט אין זייערע ליניעס און פֿאַרבן. די מאַטעריע פֿון ווייכן זייד און שווערן וועלור אַזוי גוט ווי דער שטאָף פֿון בלומען־בלעטער, די מאַטעריע פֿון שטראָלן, פֿון בלויען גלעטשער־אייז, די פֿאַרבן פֿון אַלערליי בלעטער און גראָזן, פֿון אַלערליי מאַרגנס און פֿאַרנאַכטן און אַלערליי וואָלקנס און וואַסערן אין אַלערליי צייטן פֿון יאָר. און זי פֿאַרשטייט יעדן שטאָף און יעדן ליכט און האַלב־ליכט צו געבן זיין באַזונדערן און זעלטענעם ווערט.

וואָרום זי פֿאַרמאָגט אַ גרויסע סימבאָלישע אויסדרוקס־קראַפֿט, אַ גרויסן כּח פֿון בילד. אפֿשר אַן איבערגרויסן כּח, וואָס וועגט איבער אַנדערע אייגנשאַפֿטן. איר טבע איז אַנצורייען סימבאָל אויף סימבאָל, בילד אויף בילד ביז אַ ליד ווערט אַ טאַנץ פֿון בילדער, אַ וואַלד פֿון בילדער, אַ ווירבל פֿון איינפֿאַלן, אַזוי אַז אָפֿט ווערט אַ ליד דערדריקט אונטער דער איבער־רייכער לאַסט פֿון בילדער. אָט איז אַ לאַנדשאַפֿט. זי איז אויפֿגענומען מיט טייערע דעטאַל־אויפֿנאַמען, אָבער דאָס פֿיזישע אויסזען פֿון לאַנדשאַפֿט קומט אַרויס שאַרפֿער ווי איר זין. און אָט איז אַ לירישער אויסגוס: בילד נאָך בילד, בילד נאָך בילד, און דער זשאַנר, דער לייכטער דערציילערישער מאָ־טיוו וואָס דאָס לירישע געדיכט האָט ליב, איז ניטאָ. אַזוי פֿאַרשכורט איז אונזער דיכטערן מיט דער בלויזער דערשיינונג פֿון זאַכן, אַז אירע מאַלערי־שע שטימונגען זוייגן־אויף די מוזיקאַלישע. מלכה לאָקערס טאַלענט איז בכלל מער אַ מאַלערישער ווי אַ מוזיקאַלישער.

אירע בילדער זענען פֿון גרויסער שיינקייט און געפּילפּולקייט. מיט שאַרפֿע אַקצענטן און אײַדעלע, מיט אינטענסיווע פֿאַרבן און שטילע. איר בילד קען זיין דין ווי דער שאָטן פֿון אַ געשפּאָלטענעם האָר, און מעכטיק און געזונט ווי אַ מאָנומענטאַלער בלאָק. זי האָט דעם אויסדרוק פֿאַר די האַרטערע טאַקטן פֿון דער לײַדנשאַפֿט אַזוי גוט ווי פֿאַר די זאַנפֿטערע ריטמען פֿון דעם לעבנס־געפֿיל. און זי צייכנט הימל און ערד, לאַנדשאַפֿט און שטאָטשאַפֿט, אַמאָל, מיט שמאָלן פּינזל, אין צאַרטע בלײַשטיפֿט־ליניעס וואָס פֿאַרשווועבן דיכטעריש אין רוים, און אַמאָל אין מעכטיקע פֿרעסקאָס פֿון עפּישער נעוואַלט.

מלכה לאָקער האָט אַ חוש פֿאַר גרויסע מאָטיוון. איר דיכטונג איז פֿול מיט גרויס־געזעענע און ווייט־געשפּאַנטע לאַנדשאַפֿטן. איר וועלט איז בונט, ברענענדיק, אומגעהויערליך. איר ליד איז אַ ליד פֿון הויכגעפֿילן. אין אַ צייט ווען איר פּאָעזיע האָט אין איר טעמע אַריינגענומען לומפּ און לאָפּן וויקלט די לאָקער אירע לידער אין זייד און פּערל און זי זינגט פֿון

ווענוס און וואולקאַנ'ס ליבע צו איר. די קליינע זאַכן אין דער נאַטור ווי די גרויסע, קומען ביי איר אַרויס עפּעס ווי געאַדלט, גערייניגט, ווי פּאַר אַ גרויסער געלעגנהייט צוגעגרייט, פּאַר עפּעס אַ הייליגן יום־טוב גע'כשר'ט. אפילו די געמיינע זאַכן פון לעבן, אַן איינגעפּאַלענער פּלויט, אַ הורבע דזשאַנק, קומען ביי איר אַרויס דערהויבן אין הויכגעפּ לן. אַלץ איז וויכ־טיג, אַלץ איז הייליג, דאָס קליינע אין גרויסן, דאָס גרויסע אַ ן קליינעם. יעדע זאַך האָט ערגיץ־וואו אַ שייכות צום אַל. אַ פויגל־רוף, אַ גרעזל, אַ שטראַל, דאָס רוישן פון אַ קליין טייכל באַדייט שוין די וועלט.

אָט דאָס געפיל פון גרויסער וועלט, אַ טיפער באַוואוסטזיין פון דעם קאָסמישן, גייט דורך אַלע לידער פון מלכה לאָקער. פון דעם דאָז קן קאָס־מישן באַוואוסטזיין איז באַזעלט, קודם כל, איר נאַטור ־ דיכטונג. די שטילערע לידער, די לידער וואָס באַזינגען די מילדערע און פריינדליכע אַספּעקטן פון דער נאַטור, זענען אין צאַרטן מעטאַפיזישן הויך איינ־געה לט; די רוישיגע לידער יענע וואָס שילדערן די ווילדע מאָמענטן פון דער נאַטור, זיינען ביי איר מיט געטער־מעכטיגע ליידנשאַפטן אָנגעגאָסן. אַן אומגעהויערע פּאָעטישע קראַפט באַווייזט מלכה לאָקער ווען זי קומט צו שילדערן און באַזינגען דעם גרויסן וועלט־שוישפּ ל פון די גרויסע, באַר־באַרישע נאַטור־כחות. די בונטע, פאַנטאַסטישע, גרויזאַמע דראַמע פון דער נאַטור, די ווילדע געשעהנישן פון ים־שטורעמען, פון געאָלאָג שע קאַטאַס־טראָפן פון גלעטשער־וואַנדערונגען, פון ערד־ציטערנישן, דעם גלוט פון די טראָפּן, די מעסער־שניידיגע קעלטן פון די פּאָלן, הימלישע פּאַזשאַרן— דאָס אַלץ מאָלט זי אין אַ געוואַלדיגער לעבעדיקייט און באַזעלטקייט. מיט אַ באַזונדערער פרייד און קראַפט ליבט זי די נאַטור־כחות וואָס יאָגן אין פרייען שטאָלץ אין די רוימען, און זי לאָזט זיך אַראָפּ אין די אָפּגרונטן פון וואַנען עס שטראָמען די לעבנס־מאַכטן פון דער וועלט, יענע אַל־געוואַל־טיגע עראָטיק וואָס באַלעבט צוגלייך אַ שליים־געוויקס און אַ ווענוס: זי זינגט דעם האַרבן צויבער פון קאָסמישע שנויים, דעם פלאַמען־טויט פון שטערן, און די מיסט שע פרייד, פון נאַטור עקזסטענץ, די זינגענדיגע גלוטן פון לעבן. די גאַנצע נאַטור אירע איז דורכגעפּולסט פון עראָס אַזוי ווי פון אַן עלעקטרישן שטראָם, אָנגעזאַפּט מיט אַן אַנימאַלישן דראַנג וואָס ציט זיך פון כאַאָס ביז גייסט און פאַרשמעלצט עלעמענט, לעבן און זעל אין איין געהיימניספולן, אומענדליכן אַל־אייביגן קיום.

און אָט דעם קאָסמישן רויש, דעם טונקעלן תוך פון עלעמענטן, זינגט זי אויס מיט אַ שיר ניט דעמאָנישער ריטמיק. און עס בלייבט נאָר אַ חידוש ווי אַזוי עס קומט אַזאַ מענליכע קראַפט אין אַ ווייב. און אַ ווייב איז זי אפילו אינמיטן פון מעכטיגסטן שוואונג. זי בלייבט עלעגאַנט אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, קאָקעט ש אינמיטן ציקלאָן. און קאַפּריזנע. אָט זינגט זי אַרגיעס פון באַקכישער באַגייסטערונג. און אָט — אייביגע קשיות פון יאַהווישער געהיימניספולקייט. נאָר וואָס — פּאַנישע דעמאָניע און אָט

שוין — אידישע צניעות. אָט דיאָניסוס אין פרייד, אָט — די שכינה אין צער. באַלד ליידנשאַפטן שטאַרקע, גלוטיגע, איבערשוימיגע, און אָט — שטילער שוי פאַרן לעבן. אַנימאַלישע קראַפט און געטליכער סוד געמישט, געלייטערטע קלאַסיציטעט און בויערנדיגע גריבלער־נאַטור.

נאָר אין העכסטען טריאומף דערגרייכט מלכה לאָקער אין דעם ציקל לידער „נויאָרק". דאָס איז אַ פּאָעטיש־העראָאישע דערגרייכונג. עס איז אַן עפּאָפּייע פון נויאָרק, אפשר די גרעסטע וואָס איז ביז איצטער געשריבן געוואָרן. עס איז אַ דיכטערישער מאָנומענט. אָט דעם פונדאַמענטאַלן קאַלאָס פון דער נייער וועלט און פון גאָר דער וועלט, די גילטיגסטע פאָרמולירונג פון נויאָרק וואָס איז פיליכט ביז איצט געשאַפן געוואָרן. נויאָרק, אָט די פוריע פון שטיין, די שטאָט וואָס איז שטענדיג אינמיטן אַ שטורם־אַטאַקע, אָט די וועלט פון ארכיטעקטור און דונער, אָט דער אייזן־געשפּענסט, די פאַטאַ מאָרגאַנאַ פון שרעק, אָט דער אָל מפוס אָן געטער, אָט דער גרויסער וואַסער־קאָפּ פון דער וועלט וואָס טאַפּט אין זיבעטן הימל — האָט געפונען זיין אמת'ן אויסדרוק דורך דער פּעדער פון אַ פרוי.

זי איז אַריינגעדרונגען אין אָט דער שטיינערנער וויסטע און אָנגעטאַפּט מעלאַנכאָליע, אַ ז אַריין אין איר ווילדער ראָטאַציע און דערפילט איר אַנגסט, האָט זיך איינגעהערט אין איר ליאַרמדיגער שלאַכט־מוזיק און פאַרנומען איר געוויין, האָט געזען איר פאַנטאַסטישן שפּ נוועבס פון בלוטיגן פייערשיין און דערפילט די פינסטערניש וואָס אין האַרצן, האָט געקוקט אויפן פאַרגאָטעטן איך פון די מענטשן און דערזען די קנעכטונג פון לעבן, אין אָט דעם פאַנטאָם וואָס הייסט נויאָרק.

זי האָט געהערט דעם רויש וואָס פאַרלייקנט די ווירקליכקייט און נאַנצקייט פון לעבן, זי האָט געזען די מאָדערנע גאָלגאָטאַ וואָס הייסט פאַבריק, די וויאַ דאָלאָראָזאַ וואָס הייסט סאָבוויי, די מיסטעריעזע קאַטעדראַלן פון אַן אומבאַקאַנטן גאָט וואָס הייסן „ראָקסי" און „קרייסלער" און „עמפּאיר סטייט בילדינג", געזען די גרויסע הייזער וואו מענטשן פילן קליין, די גרויסע מעטראָפּאָליע מיט אַ וועסטן־טאַש פילאָזאָפיע, וואו גאַסן זענען ציפער און מענטשן — נולן, זי האָט געזען דעם מאַרך וואָס ליגט פאַר אַספאַלט און אַספאַלט וואָס ליגט פאַר מאַרך, זי האָט געזען דעם ברענענדיגן שוועבל וואָס הייסט נויאָרקער לעבן — נויאָרק, אָט די גרויל־שטאָט וואָס האָט אַרומגענומען דעם מענטשן ווי די אייזערנע מויד פון מיטלאַלטערליכער שטראָף.

זי האָט געזען דעם גייסט דערשטיקט פון אַנטיגייסט, דאָס האַרץ מיט פּלאַקאַטן־פּסיכאָלאָגיע, די געוואַלטן אָן גענאָד, די שפּאַנונג, די שאַרפע עקיקייט, די לאַנגוויל, דעם פיבער, דעם גראָטעסק, די סענסאַציע אין אָט דעם בייזן קאָשמאַר וואָס איז נויאָרק.

זי האָט אָבער אויך געזען דעם אומרו פון שטיין, דעם געזאַנג פון

מאַרמאָר, דעם פּאַטאָס פון אייזן, דעם יובל־געשריי פון שטאָל, די צעברויזטע ענערגיען פון זאַכן אין אַט דעם נעסט פון צויבערן וואָס הייסט נויאָרק.

זי האָט געזען אויפגעשלאָסענע קוואַלן, געלייזטע סודות, אַלע מענטשליבע געוואַלטן קאָנצענטרירט, חכמה שרייענדיג פון אַלע ש לדן, מוסקל זיך קראַמפּנדיג צו בויען העזה'דיג גאָט גלייך אין געזיכט אַריין אין אַט דעם חידוש פון חידושים נויאָרק.

זי האָט געזען פּראָצעסיעס פון פעלקער אין שמעלץ־אויווען פאַר אַ ניי פאָלק, געהערט די שלאַכט־מוזיק אין דעם מאַרש צו אַ נייער מענטשהייט, פאַרנומען דאָס פאַרקלינגען פון אַן אַלטער וועלט און דעם אויפשריי פון אַ נייער אין אַט דעם נס פון נסים וואָס הייסט נויאָרק.

און זי איז באַנומען געוואָרן פון אַט דעם אויפגעכשופטן מאָנסטער און איז אַוועק נאָך אים אין אַ נאַכטוואַנדלערישער ליבע און שרעק און האָט אויסגעזונגען און אויסגעשריען אַט די גאַנצע מאָנסטערשע מאַיעסטעטישקייט, אַט די משוגעת וואָס א ז משוגע געוואָרן, נויאָרק, זיינע ווירוואַרגאַסן, זיינע באַרג־געביידן, זיינע וועלדער פון בריקן, זיין תהו־ובהו פון מאָטאָרן און מענטשן, זיין געדיכטע פינסטערניש און מיליאָנענפאַך געדיכטע ליכטיקייט, נויאָרק, די פוריע פון ענערגיען, אַט דער אייביגער ציקלאָן, דער וואָלקן־ברוך פון שוויים און בלוט וואָס וויים פון קיין אָפּהאַלט, נויאָרק אין זיין גאַנצן גלאַנץ און עלענד. פאַר זיין מאַטאַריש הארץ האָט זי געפונען די מאָטאָרישע שפּראַך, פאַר זיין צוצונדענער פאַנטאַזיע האָט זי געהאַט דאָס וואָרט ווי אַ פאַקלשיין, פאַר זיין וועלטן־וויטן שוואונג האָט זי פאַרמאָגט די פּראָזע מיט אָדלער פליגל. און זי האָט געגעבן אַ פלאַמען־געזאַנג פון נויאָרק, די פייער עפּאָפּייע פון נויאָרק.

און וואָס עס מאַכט דעם דאָזיגן געזאַנג פון נויאָרק, וואָס איז דער געזאַנג פון דער נייער וועלט בכלל, גרויס און וויכטיג איז ניט אַליין זיין וויזיאָנערישע פאַנטאַסטיק, די גראַנדיעזע גבורה מיט וועלכער ער איז אויפגעבויט, דער שטורמישער אימפּעט מיט וועלכן ער איז באַלעבט, נאָר אויך אַ נייער טאָן פון אַ נייער גייסטיגער באַציהונג צו דער מאַשין־קולטור. אונזער טעכנישע ציוויליזאַציע איז פון איין זייט געשאָלטן געוואָרן פון דער אַנדערער זייט געלויבט געוואָרן; פון איין זייט באַטראַכט געוואָרן ווי אונטער דער נאַטור, פון דער אַנדערער ווי איבער דער נאַטור, אָבער ביידע צדדים האָבן געקוקט דערויף ווי עפּים וואָס איז או סערהאַלב דער נאַטור, און פרעמד צו איר. אין מלכה לאָקערס געזאַנג פון „נויאָרק“ דערשיינט די מעכאַנישע קולטור ווי אַ פאָרזעצונג פון דער נאַטור. די דיכטערין שטייט פאַר די וואונדער פון דער מעכאַניק אַזוי געפּלעפּט, אַזוי פרום, אַזוי עניוות'דיג און געבויגן ווי פאַר די וואונדער פון ה מל און ערד אַליין. דער סוד פון נויאָרק איז פאַר איר אַזוי געהיימניספול ווי דער סוד פון אָקעאַן, און דער ציל פון מאַנהעטן אַזוי פאַרבאָרגן ווי דער ציל פון דעם

שטערנגאַנג. אי דאַ אי דאָרט ווערט געלעבט, און לעבן, וואו עס זאָל ניט שלאָגן, אויבן צו אונטן, און ענערגיע וואו זי זאָל ניט טרייבן, אין פולם פון אַ בלום אין פעלד ציַ אַ ן עלעקטרישן שילד אויף טיימס-סקוועך, און וואָס עס זאָל ניט געטריבן ווערן, אַ גלעטשער אויפן נאָרדפּאָל ציַ אַ צוג אין סאָבוויי — אומעטום דערזעלבער סוד, אומעטום די גרויסע געהיימנים און ווירדע פון דער נאַטור. אזוי זינגט מלכה לאָקער, אזוי באַוואונדערט זי און אזוי פ אַ ר ג י י ס ט י ג ט ז י די מעכאַנישע קולטור וואָס האָט איר העכסטן או סדרוק דערגרייכט אָפן מאַנהעטן אינזל. און דער הויפּט גאָט פון דער מעכאַנישער נאַטור איז דער מענטש, און דער מענטשן-דור פון מאַנהעטן דערשיינט אין איר געזאַנג ווי אַ נייער גאָט מיט דערזעלבער מאַכט און אָנמאַכט, מיט דערזעלבער ווירדע און טראַגיק וואָס אַלע געטער.

אין דעם דאָזיגן פּרט, מיט איר פאַרגייסטיגונג פון דער מעכאַניק און איר איינפילן אין דער אייזערנער טעכניק, קען מען זאָגן, אז מלכה לאָקערס דיכטונג עפענט „זעלישן ניילאַנד", גיט אַ סימפּטאָם פון נייעם לעבנס-געפיל.

מלכה לאָקערס געזאַנג פון נויאָרק איז ניט קיין געזאַנג פון איין גוס נאָר אַ ציקל פון אַ סך געזאַנגען, און עס איז ניט קיין עפּאָפּייע דורכ־געפלאָכטן מיט אַ דערציילערישן מאָטיוו, נאָר עס איז אַן אויפהייפונג פון איינצל-בילדער, בילדער, בילדער, ב לדער אזוי פיל ווי טראָפּנס אין אַ רעגן, אָבער פון די טראָפּנס ווערט אַ טייך, פון די בילדער — נויאָרק.

עס איז איר אייגנאַרטיגער סטיל. עס איז אַ שיינוואַרפער סטיל. אזוי שפּרינג אַ זוכנדיגער שיינוואַרפער בייַנאַכט, וואַנדערט הין און הער, פאַלט באַלד דאָ באַלד דאָרט און דעקט אויף פּונקט נאָך פּונקט. עס איז פיל־מישער סטיל. פון טויזנט באַזונדערע ברעקלאַך בויט אויף דער פילם דעם איינדרוק פון אַ גאַנצער וועלט.

און אין דעם ציקל „נויאָרק" זעען זיך אַמשאַרפסטן די באַזונדערע אייגנשאַפט און ווירקונג פון מלכה לאָקערס סטיל. עס איז אַ מעכאַניזם וואָס קומט אין שוואונג, וואַרפט בילד נאָך בילד, צעוויגט זיך, ריטמיזירט זיך דורך פאַרשטאַרקטער ווידערהאָלונג, ביז עס ציט אונז אַריין אין זיין מאַכט און פאַרזעצט אונז אין אַ שטימונג.

מלכה לאָקערס פאַרגייסטיגונג פון דער מאַשין, צוזאַמען מיט איר מאָטאָריזירטן סטיל, זענען, גליקליכערווייז, די איינציגע זאַכן מיט וועלכע זי איז „מאָדערן". אויב מאָדערניזם הייסט בלאַזירטקייט, פאַרשפּיצטער אינטעלעקטואַליזם, בייסיגע חכמה'דיקייט, איז מלכה לאָקערס ל ד ניט מאָדערן. איר ליד, באַהאַנדלענדיג מאָדערנסטן שטאָף, איז געבליבן דיכטע־ריש פ ר ו ם. אומגייענדיג מיט די שרייאַיגסטע מאָטיוון פון אונזער צייט, די מאָטיוון פון נויאָרק, איז זי דאָך ניט אַריינגעפאַלן אין דעם

הילכיגן און עקספלאָזיוון טאָן וואָס איז מאָדע אין דער היינטיגער דיכטונג, א ן דער פילם־פּאָעזיע מיט אירע גרעלע פארבן, מיט אירע קינסטליך־קולטיווירטע דיסאָנאַנסן, מעכאַניש געמאַכטע טעכניק־עפעקטן, מיט איר איבערבאַטאָנונג פון די פּראָבלעמען פון טאָג, מיט איר דעמאַגאָגן־דראַמאַט ק און „ציוויליזאַציאָנס־ליטעראַטנטום". ביי דער זייט פון די מאָדערנסטע מאָטיוון, גענומען פון דער טעכניק און פון סאָציאַלן קאַמפּס־פעלד, האָט זיך איר ליד ניט געשעמט צוצווענדן צו די אייביגע און באַשטייענדיגע מאָטיוון. און דאָ, צווישן די אייביגע ווערטן, האָט זי זיך געלערנט צו פאַרשטיין וואָס איז גאָלד און וואָס איז פסולת, און דאָ, צווישן די אייביגע וועקסלונגען האָט זי געלערנט צו באַגרייפן אַז דער גייסטיגער גהינם פון אונזער צייט איז נאָר אַ שווערער דורכגאַנג, אַ מוראַדיגער דורכבראָך צו נייעם לעבן און ליכט, וואָס דאַרפן דורך דער פּאָעזיע געאיידלט און שענער געמאַכט ווערן.

מיט מלכה לאָקער איז אַ שטראַלנדיגער און גליענדיגער מענטש אַרייַנגעטראָטן אין דער אידישער ליטעראַטור. איר בוך לידער איז אַ יום־טובדיגער מחזור אין אונזער פּאָעזיע, אַ מחזור מיט שיינע תפילות און זיין שווערן פיוט. מלכה לאָקער איז אַ פּאָעט ניט מיט קיין אַלטעגליכער פאַנטאַזיע, אַ דיכטערין ניט פאַר הויזגעברויך. איר פּאָעזיע מיינט אַ גרויסע אָנשפּאַנונג און דערשיטערונג פון דעם גאַנצן מענטשן. זי איז אַ דיכטערין מיט אַ וועלט־אָפּענעם געזיכט, מיט אַ גרויסן שוואונג פון עמפּינדונג, מיט אַן אויג פאַר הימל און ערד, מיט אַ געהער פאַר די טיפסטע טריבן און איידלסטע רעגונגען, אַ זינגערן צוגלייך פון מאַטעריע און גייסט, פון אינסטינקט און נשמה — אַ יאַהוויש און דיאָניסיש געבענטשטע דיכטערין.

נאָר פון אַפּאָלאָ, דעם גאָט פון געציכטיגטער שפּראַך, דעם גאָט פון ריינער, גאַנצער פאָרם, אַביסל פאַרזען.

זי זאָל צו אַפּאָלאָ תפילה טאָן.

**חיים ליבערמאַן.**

יולי 1931.

# ווייסע זייד

## ווייסע זייד

די לופט איז ווייך געשפינען,
ווייכע, ווייסע זייד,
הילט זי איין מיינע זינען,
קלאַנגען קומען פון ווייט...

פון פינגערשפּיצן ציט
אַ לינדע אומרו מילד,
כ׳הער זיך איין אין איר,
טוט זי וויי — און שפּילט...

אַן אומזעבאַרע ווייסע שנור,
פּערל אָן אַ שיעור,
בליסקען איינציגווייז,
בייטן די קאָליר...

פליסן דורך די הענט,
רינען זאַכט און טוען וויי,
צושיטן זיך אין ווייטן פעלד,
בלייבן ליידיג הענט...

יעדער תוך אַנטלויפט,
ווען פאָרם איז נאָך ווייט...
טעג און נעכט אין ווייסער זייד,
דעקט מיך איין
און שווייגט...

## פארבן.

שעה'ן וועבן סקארלאטענע רויט,
מילגראמען רויטע טאפען רובינען,
ברענט די ערד אין מילגראמען־רויט.

היילן שפינען בלויע געוועבן,
ענציאן־איריסן־בלוי,
הילן זיי איין מיינע טעג...
בליסקען די טעג
אין ענציאן־איריסן־בלוי...

צוגייען זיך ווענט,
אנטפלעקט זיך א שפאלט,
בלייבט ליידיג א הייל,
ציט זיך אן אומעט אין סאמעט־וועלורן,
הילן זיי איין מיינע נעכט,
ווערן נעכט טונקעל און שווער...

## צומארגנס.

דער ווינט איז היינט צערטליך
און קושט א פארטראכטער...
ס'איז זאפטיג דיין ליבע
דו יונג-ווילדער ווינט.
גלידער אין גאָלד-ברוין,
אָפטמאָל אין ליכט...
ווארטן אויף דיין ליבע דו יונג-ווילדער ווינט!

דער בלויער פרימארגן שפינט זילבערנע דעקן
און ווארט א פארבענקטער ווי איך
דער ווינט איז היינט צערטליך
און קושט א פארטראכטער...

## אַלע בלויען שלאָפן...

א גאנצע נאכט
פון ליכט צושטראַלט,
די לבנה בייט אַלעמאָל פאַרבן.
אַצינד איז זי רויט,
שיט ליכטער אין גאָלד.
אַלע בלויען שלאָפן,
לינדע שטילקייט,
סודות רופן,
שטערן זיינען נאָנט.

איינעם —
וואָלט איך זיכער
מיין ליבסטן געשאָנקען.
ווען כ'וואָלט פילן,
ער בענקט,
און הערט אַלע סודות,
און וואכט,
און טרינקט אַלע צויבער
און איז זייער פאַרטראַכט...

# די אויגן פון מיין ליבסטן...

די אויגן פון מיין ליבסטן
שימערן שווארץ ביי נאַכט,
אַז זיי קוקן צינדט זיך ליכט,
אַז ער שליסט זיי צינדט זיך פייער...

די ליפּן פון מיין ליבסטן
ברענען רויט ווי בלוט,
ווייסע ציינער, אַ ווילדע חיה,
בליצן מעסערס אין דער נאַכט...

די גלידער פון מיין ליבסטן
זיינען קיל ווי שטאָל,
אין טונקל־שווערע זומער־נעכט
שימערט ברוינער בראָנז..

## וואָלט איך האָבן טויזנט לעבנס ...

וואָלט איך האָבן טויזנט לעבנס,
וואָלטן זיי נאָך דיר געגאַרט,
וואָלט איך מוזן לעבן אייביג,
וואָלט איך אַלץ אויף דיר געוואַרט.

וואָלטן וועלטן געוועזן מיינע,
כ'וואָלט די שענסטע געבויט פאַר דיר,
וואָלט זיך אַ הימל צו מיר נייגן,
כ'וואָלט אים אויסגעשפּרייט פאַר דיר.

וואָלט ס'ליכט געוועזן אין מיין ממשלה,
וואָלט עס מוזן צו דיר דינען.
וואָלטן שטערן לויפן נאָך מיין ווילן,
וואָלט דיין וועג צו מיר געפינען.

## כ׳וואָרט...

נאָך אַלץ איז מיין לעבן
אַ וואָרטן, זיך גרייטן,
ס׳וועט ערגיץ אוודאי
זיך שפּאַלטן אַ הימל
און פּלוצים באַווייזן אַ ליכט.

פאַר איהם וועב איך שטיל
מיין ווייסע זייד,
ווייך ווי הויט,
צו הילן מיין הויט.

כ׳שמיד מיינע קרוינען
צו צירן מיין שטערן,
די גירטלען פון זילבער
צו שפּאַנען די היפטן,
ברוינע און שמאָלע,
געטאָקטע פון גאָלד.

און כ׳וואַרט ערשט דערווייל
איין לעבן לאַנג,
אויפ׳ן טאָג, אויפ׳ן ליכט,
אויפ׳ן רוף...

## אליין...

אין אַפּטמאָל לאַנגע טעג,
אומענדליכע, לאַנגע נעכט,
געפּין איך זיך ערגיץ־וואו
איינע אליין.
דערפיל איך פּלוצים, פיינליך גענוי,
אליין.
פאַרשפּאַר איך פעסטער מיין טיר,
אין אומענדליכער בענקשאַפט
נאָך מענטשליכן קול,
נאָך מענטשליכער נאָנטקייט,
פאַרשפּאַר איך די טיר...

זיצט מיר אַקעגן מיין טונקעלער דעמאָן,
מיין גוטער מלאך, מיין שלעכטער,
און האַלט באַהאַרצט מיך אין פּענטעס,
און חזר'ט אַלץ איבער אויף אַ פּשוטן אופן
אליין.
אָן פּאַטאָס. דייטליך. קנאַפּ.
אליין.

נעם איך זיך פליען,
ביז טיף אין אונזערע נעכטנס,
אין גערטנער פון ליכט און פון שאָטנס,
כ'נעם זיך יאָגן, אַ ווילדער וויכער,
איבער פלאַכע פעלדער,
צווישן סנאָפּעס בלומען, צווישן רויטן מאָן...
אליין.

לאָז איך זיך לויפן אין אַנדערע דרכים,
אין מאָרגן.
אַ ווינט שטעלט מיך אָפּ,
שאָטנס האַלטן אויף,
טיר און טויער, שוואַרצע לעכער
אינמיטן פון וועג.
ווינקען וויינגערטנער רויזן, טויזנט בלויען.
אליין, אליין...

## מיין שטוב איז פוסט.

גרויסע שטעט, הייזער גרויסע, גרויע,
פענצטער הויכע,
זיצן ברייט אין גרויע ווענט.
כ׳שטיי פארלוירן, שמאָל און קליין,
אין א ווייטער רעם,
דעם שטערן געפּרעסט צו א שויב,
איינע אליין.

דער הימל קוקט פון גרויע אויגן אראָפּ.
דער אספאלט, גליטשיג — גלאנצט,
זונטאָג, א רעגן פּאטשט.
מענטשן מעסטן לאנגע שריט,
פארבייגן פאלבאנעס אין וועג,
היפּערן איבער מחיצות...
עמיץ ווארט...

שטוב-מיידלעך זיינען פריי,
שטייען א רגע ביים טויער,
קוקן פארליבט אויף שפּוגל-נייע שוך.
און טראכטן... קרעלן א שנור...
ווען ער וואָלט זי זען...
וויינאכט פאר דער טיר...
שירעמס צושפּאנט, שפּרייזן דורכן רעגן...
א בחור קומט פון טויער.
די שליאפּע כוואצקע פאררוקט אויף אן אויער.
ציט דעם שליפּס, ליפּן געשפּיצט,
פייפט דעם רעפריין פון לעצטן קופּלעט.
— געגאנגען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין שטוב איז פוסט. כלים שווייגן.
דער שפּיגל קוקט בלייך אויף א בלייכן פּנים.
אלע שימערס זיינען גערונען....

וואָכן-טאָג און ארבעט! זייט ביידע געבענטשט.
ארבעט און גרייטן זיך, ניט פאר יום טוב.
פאר עפּעס א יום-טוב — א מאָל...

# װאַרטן.

װאַרטן.
דורכן טאָג, דורך דער נאַכט.
װאַרטן.
װאָכן, חדשים,
דורכן זומער,
דורכן װינטער,
דורכן גאַנצן יאָר,
אַ לעבן לאַנג.

אױפֿן נס,
אױף ליכטיקע טעג,
בלױע נעכט,
אױף אַ װײכן װינט,
טױזנט בליטן,
אַ װאָרט פֿון אים,
אַ נײַ לעבן...

װאַרטן
אױפֿן ברעג פֿון ים,
אױף אַן אײנזאַמען פֿעלז,
איבער אַ טיפֿן תּהום,
בײַם גאָלדענעם טױער...
אױף אַ תּשובֿה,
אױף אַ תּירוץ,
אױפֿן תּמצית,
אױפֿן זין פֿון לעבן...

װאַרטן,
מיט חשיבֿות,
מיט קראַפֿט,
מיט אמונה,

אין לױטערקײט,
געלײַטערט,
אױפֿן אומבאַדינגטן,
אױפֿן פֿאַלן פֿון אַ װאַנט...

## טאנץ.

א פיר־הויז אין פאלאץ פון זילבער און ליכט,
גרין דאס וואסער פון גראטן,
עלפנביינפארביג מארמאר־קאלאנען,
שימערן ווייך.
פענצטער קרישטאל,
ברעכן דאס ליכט, אין אלע קאלירן.
מארמאר פון טרעפן, ווי דער פון די זיילן,
עלפנביינפארביג, א ווייכער שימער.

כ'זיץ אויף דער ערשטער טרעפ,
געהילט אין ווייסער זייד.
רו. ארום און ארום.
א יונגע מיידל זיצט אויפ'ן ראנד פון א גראטע
א ברוינער גוף, דער קאפ געבויגן,
ווייך געלייזט די ליניע פון נאקן.
קוקט אין וואסער, פארלוירן,
גלידער ווייך געשפאנט, ווען זי טאנצט...
לאנגזאם ,פלאך
זויגן זיך זוילן איין אין דער ערד,
דער איידעלער גוף שטרעקט זיך,וואקסט...
דאס פנים לייכט אויף אין גאלדענעם ברוין.
עלפן ווערן געבוירן.
באוועגונגען שטייגן, פאמעליך און ווייט,
זוכן פארלוירן פארלוירענע וועלטן
אין ווייטן רוים...
פארצויבערטע שיפן, געפענטעט אין כשוף
באוועגן פארחלום'ט פארשלאפענע מאסטן,
פיקסירטע שטערן, שטיין געבליבן אין לויף
הויבן אן קרייזן אין אייביגן רוים...
אזוי פיל כח אין ריטם, אזוי פיל ריטם אין כח
פארמאגט איר עקסטאטישער גוף.

הער איך זיך איין אין א סוד,
כ'ווער פארציטערט, דערשיטערט,
כ'לעב אין איר חסד...

## צו וויסטלערס „מיידל אין ווייס“

א יונגע מיידל,
אין שווערער זייד,
אין האַרטן ווייס,
ניט געהילט,
מער באַקליידט,
ענג־געצוימט
די צאַרטע ברוסט,
קעסטן־בלאָנד
צולאָזענע האָר...

פון גירטל פּליסן ווייכע פאַלבן,
איינגעשפּאַרט און ווי פאַרהאַלטן,
טיף אַראָפּ צו די פיס....

אַן אויפגעשאָסן יונגע בלום,
איינגעשלאָסן,
איינגעשפּאַנט אין קלייד
באַטרעט א יונגע פרוי,
אַרויס פון הויז
א פרעמדע טרעפּ...
ווייך פאַלגט א שווערע שלעפּ...

ווייס און שאַרפטקע דער בראָקאַט
פון האַרטן הינטערגרונד,
פון וואו זי קומט...
אַלע ריגלען רירן זיך,
שלעסער ווערן וואַך...
בעת ס'שטייט און האָרכט פאַרטראַכט
א יונגע פרוי
אין ווייסער זייד
און וואַרט...
האַרב און צאַרט.

## מיר חלומ'ט זיך...

מיר חלומט זיך, איך בין א חלום
און האלט זיך אויף אין אלטע מויערן,
איך זיץ אין ווינקל, וואו ס'איז טונקל
און שלייך זיך שטיל דורך אלטע טויערן...

מיר חלומט זיך, איך בין א בליסק,
וואס שניידט די גראטעס פון א תפיסה,
מיר חלומט זיך, איך בין דאס ליכט,
וואס שיינט א לעצטן שיין פון גסיסה.

מיר חלומט זיך ,איך קום פון טייך,
א וואסער־רויז פון נאכט געפלאנצט,
מיר חלומט זיך, איך שוועב שניי ווייס
איבער נעכטנס ווי אין טראנס...

מיר חלומט זיך, איך בין דאס בלוי,
וואס לייכט אין עטהערס איבערן רוים,
מיר חלומט זיך איך בין דער טוי,
וואס שלייפט בריליאנטן מארגן־גרוי...

## אַלע וועלטן שיטן אוצרות...

אַלע וועלטן שיטן אוצרות,
פֿלאַך צו מיינע פֿיס,
ליבע, ליכט און אַלע בלויען,
דער ים שפּינט זילבער
פֿאַר מיין טיר...
ספּערן־טענער, צויבער־קלאַנגען
זינגען אַלע פֿאַר מיר שירה,
ווינטן טראָגן סוד און כּישוף
פֿון ווייטסטעווינקלען
נאָר פֿאַר מיר...
די זון זינגט גרוס פֿון שוועסטער־זונען
איר אייגן גאָלד איז אַלץ פֿאַר מיר...

איך עפֿן לאָדן,
אַלע אויגן,
טיר און טויער
זיינען אָפֿן,
שיט זיך גנאָד,
מיין האַרץ־בלוט ברענט
אין בלויע פֿלאַמען,
מיין הונגער ברענט,
אַ הייליג ווילדער,
בענקשאַפֿט גליט פֿון גאַנצן דור..
גלידער ברענען איינציגוויז,
אינגעווייד — פֿאַרברענט אויף שוואַרץ...
ווען קומט נאַכט,
און נאַסער טוי?
וואו איז נאַכט
און טונקעלע שאָלן?
וואו שטערן נאָנטע
זילבער־בלוי,
וואו די שאַרף
פֿון זילבערסערפּ...?

## מיינע מדינות.

ליגן מדינות אויף שפּיצן פון בערג,
אָפּטמאָל נאָך העכער פון זיי,
זיי זיינען אַלע פאַר מיר.
שוועבן פּאַלאַצן צווישן הימל און ערד,
זיינען אלע געגרייטע פאר מיר.

דער ערשטער הימל שיקט זיינע בלויען,
בויט פונדאַמענטן פאַר מיינע בנינים,
דער ערשטער פראָסט גליווערט קרישטאָלן,
צובלישטשעט די ליכטער
אַלע געצונדן פאַר מיר.

ווינטן קומען, וויקלען אַ קאַפּריז
אומענדליכע ווייטקייט פאַר מיינע מדינות,
שפּאַלט זיך אַ הימל, באַווייזט זיך אַ צווייטער,
און מורא'דיג הויך —
און בייגט זיך אַלץ טיפער צו מיר.

זוניגע גאָלדן פליסן אין טייכן,
בלומען און זאנגען
בליען אין זאַפטן,
וואסערן זילבערן,
ס'פינקן פאָנטאַנען,
בויערן ברונעמס דעמאָנישע אויגן,
אין מיינע מדינות.
וועלדער רוישן אין נאַכטיגסטן טונקל,
צויבערן מיסטעריעס, גאָלדענע נעצן,
פלאָנטען זיך סטאָפּעס
געבאָדן, געבאָוועט אין זילבערנע ראָסעס...

דער שפּיגל פון ים שפּאַנט אויס זיין רעם,
פארהילט אלע אוצרות, פארדעקט די מיסטעריעס
פון מיין ווייטער מלוכה,
גאַנץ אויבן, הויך אויבן פאַר מיר...

# מײַן גוטער מלאך, מײַן שלעכטער

מײַן גוטער מלאך, מײַן שלעכטער,
האַלט מיך בײדע ענג לעבן זיך,
האַלט װײַט פֿון מיר
סײַ ברודער סײַ שװעסטער,
איר בײדע — איר זײַנט דאָך איך.

כ'פֿאַרמאָג ניט זײער אופֿן צו לעבן,
כ'פֿיל ניט זײערע געפֿילן,
כ'טראַכט ניט זײערע געדאַנקען,
— זײַט רױִק איר בײדע,
איר זײַנט נאָר איך.

כ'געפֿין ניט קײן װעג
צו רײדן צו זײ,
פֿאַרשטײן זײ װי זײ פֿאַרשטײען,
מײַן װאָרט איז זײ פֿרעמד,
מײַן פּשטות אַ פֿרעמדע,
מאָסשטאַבן זײַנען זײער,
ניט מײַנע.

מײַן גוטער מלאך, מײַן שלעכטער,
זײַט גוט צו מיר בײדע!
איך בין דאָך איר!
מײַן שטוב איז אײנזאַם און ליכטיק,
פֿאַר אײַך שפּין איך בונטקײט צופּיסנס,
כ'דעק פֿאַר אײַך אַלע מײַנע טישן,
כ'צינד אײַך לכּבֿוד מײַנע ליכטיקסטע ליכט,
איר בײדע, זײַנט דאָך איך...

## אַלע מיינע ברכות פאַר אייך...

זיי מיר געבענטשט, טיפע, זיסע אומרואיגקייט,
פון דור־דורות גערש׳נט וואַרעם טונקל־רויט בלוט!
אייביגע בענקשאַפט, פאַרשייטע ווילדע טאַכטער פון מיין אומרו,
וואָס שפּרייזט איבער אַלע אומענדליכקייטן
פון צוריק און פאָראויס,
וואָס דרינגט דורך אַלע שיפערס פון פאַרשטיינטן געשיכט,
וואָס דערפילט און דערפליט צו ספערן
פון יענער זייט פון אַלע שטערן,
וואָס ווייסט ניט קיין גרעניצן, צילן,
זיי אייביג געבענטשט...!

טיפער ברונעם פון לייד און ליידענשאַפט,
פון פייער און פלאַמען,
פון נסיונות, נצחונות און דעם היפוך פון זיי,
באַרעניש, ראַנגלעניש מיט זיך און דעם ווידערקול פון זיך,
כ׳בענטש אייך פרום פול תמימות...

און בליציגע איינפאַלן, און לויניש־זיסע קאַפּריזן,
אימפּולזן ספּאָנטאַנע, אומגעריכטע דערלויכטונגען,
בונט פּיטאָרעסקע באַלייטער פאַר אַלץ וואָס איז ערנסט און שווער!
און זוכן און גריבלען, גנדאנקען, רעיונות,
אייביגע קשיות, דער וועלטס און אייגענע
— פאַרוואָרצלטער יסוד פאַר מיין טונקעלן איך,
איר זיינט אַלע מיר טייער, כ׳האָב אַלע אייך ליב..!

און שווערער אומעט,
און טונקעלער צער, און טיפע עצבות,
נאָנטע, נאָנטסטע פריינט מיינע,
איך האָב געקאָוועט די געוויכטן פאַר מיינע טריט,
כ׳האָב זיך געבויגן אין פּיין, פאַר יעדן האַמער־קלאַפּ,
כ׳בין פאַרגאַנגען, כ׳בין געוואָרן.
איר האָט געשמידט מיינע פעסטע קאָנטורן,
די שאַרפע, געשטאַלטע ליניעס פון מיין אור־אינערסטן בנין,
געטרייע באַשאַפער פון מיין אור־אינערסטער סטרוקטור,
אַלע מיינע ברכות פאַר אייך!

# שלאָפלאָזע נעכט.

אַלע אויגן טוען וויי.
דער קאָפּ הענגט אַ פרעמדער,
די גלידער פּאַסן ניט צו מיר.
איין האַנט איז צופיל —
פיס זיינען קאַלט.
איןביידע אויערן קלינגען גלאָקן,
דאָס קישן ליגט שלעכט,
די דעק איז פאַרדרייט.
איך בין צו פיל
פאַרן בעט.

גלידער אָן אַ שיעור...
הענגען שווער.
דער אָטעם געהאַקט.
פיין פרעסט,
יעדער צוג אַ שניט.
דאָס געלעגער קווער
אין דער ברייט.
דער קאָפּ איז האַרט
צו דאָס קישן...?
דער טאָג איז ווייט...

ליכטער זיינען אנטרונען
און ליניעס,
בילדער האָבן ניט קיין פאָרם.
אַלעס שווימט,
כ'פיל זיך פאַלן.

דער קאָפּ וואַקסט.
שפּאַלט זיך אין שטיקער.
אזוי - פיל קעפּ...

# פ י ב ע ר .

דער קאָפּ אַ הייסע רונדע קויל,
אָן שויץ.
אַנטבלויזט פון הויט.
אָן היל,
היילן אָן אַ שיעור,
ברענען רויט.

ווינטן וויען אַ העלע פלאַם.
אויגן־היילן גליען,
בויערן אין מח...
דאָס ווייסע ליכט,
אַ בלאַנקער מעסער
שניידט אין שטיקער
אויגן־ליכט.

דער גומען שווענקט,
ציינער רייסן זיך פון וואָרצלען.
אין אויערן קלינגען האַרטע גלאָקן,
שלייפן הרימען געהאַקטע קלעפּ...
שטאַרקער, שוואַכער, שטאַרקער, שוואַך...

## דער קאָפּ ליגט שטייף

דער קאָפּ ליגט שטייף.
יעדער שטריך אין פּנים פֿלאַקערט,
אויגן שפּרינגען פֿון די היילן,
דער זאַפֿט פֿון מח רינט מיט האַסט,
דער שטערן פֿלאַמט.

שלייפֿן קלעמען,
פּרעסן ד'אויגן,
פֿידלען שאַרפֿע
שפּילן אין די אויערן,
יעדער בויגן־שטריך
שניידט אויף אַ וואונדע סטרונע.
דער גוף איז ברייט,
אומגעלומפּערט, שווער.
ציט די שווערקייט
דורך אַלע פֿונקען אומרו,
וואָס טרייסלט יעדע פֿיבער.

אַ פֿליסיקער פֿייער
גיסט זיך דורך אינגעווייד,
קאָרטשעט, ברענט,
ס'צינדט זיך אַלץ.
ברענט,
אָן אַ זין
אָן אַ וועג
אָן אַ ווילן...

## כ׳קען ניט שלאָפן...

כ׳קען ניט שלאָפן,
שטילקייט וואַכט,
ס׳גיסט זיך וואַסער,
טראָפּן פאַלן פּלאַך
אויף צינערן בלעך.
פּען...
מיט אַן אָפּשטאַנד
פּען...!
ניט גלייך,
אָפּגעשטעלט.
ווידער איינער, פּען!
שטיל,
פּען! פּען! פּען...!

אַ וואָגן פאָרט אין גאַס,
פענצטער ציטערן,
מויערן ענפערן שוואַך,
דער זייגער טיקט
פאַר זיך...
זייגער פיר!
בלוי באַגינען
רעדט צו מיר...
מאָרגן גייט אַ נייער טאָג...
צווישן נאַכט און נאַכט
גאַפט אַ וואַנט !
אַ ווייסע וואַנט...

ווי מיד איך בין!
כ׳ליג ניט גוט.
דאָס ליכט איז דין,
דער נאַקן אויסגעבויגן שיף...
פּען!!!
איך בין שטיל...
כ׳בין גאַנץ רואיג...

ס'גייט פאַרביי...
פּען!!!
איצט איז שטיל
כ'שלאָף כמעט.
וויפל קולות!
ווי צורים!
ס'קראַכט.
דאָס האַלץ איז טרוקן,
ווי מיינע חושים
כ'הער מיין אָטעם,
קורץ און שווער.

ציילן!
איינס, צוויי, דריי...
פּען!
פון ווינקלען קריכן שאָטנס,
שלינגען איין דאָס ליכט.
נאַכט פאַרזינקט,
ווייך, שווער...
איך מיט איר...

# בעטערונג.

דער גוף איז לויז.
גלידער אַלע באַזונדער,
געהאַלטן פון הויט...
שרייט שלעפּן זיך,
קלאַטשן צו דער ערד,
פּאַטשן ווי אין ליים.
קלעבט זיך אָפּ איין טריט
פאַלט אַן אַנדערער איין.

הענט פאַראַן,
כדי איבריג צו זיין.
דער נאַקען לאָזט פאַלן דעם קאָפּ
וואָס הענגט אָן אַ האַלט, —
די הויט אַן אש־גרויער הויך,
אָדערלעך אין לויף
יאָגן זיך קאַפּריזנע,
בלאַסע, בלוי.
ליפּן פאַרברענט
צושפּרונגען פון גלות.
אויגן וואָס טיפער אין קאָפּ...

# ס׳גייט מיר בעסער...

זאַכן אַרום,
דער דעסק, פּיר שטולן,
די פּיאַנע,
ביכער, שטום.
מיט תּרעומות,
אַלע קוקן זיך אום,
שיי, שטיל,
תּמימות...

מיין אויג דערקענט, גריסט,
אַ טייל באַרירט די האַנט,
אַלע געוואַרט —
כ׳קום פון שטילן לאַנד,
צוריק —

אויף איין טישל בלומען,
בלאַס־בלויע וויקן,
טוליען זיך באַנומען,
אביסל דערשראָקן...
גלעטן ווייך מיינע אויגן,
ווי גוט און קיל,
קליינע טויבן,
ווי ווייט זיינט איר געפלויגן?
וואָס האָט איר מיר צו זאָגן?...

# מאט.

בלײַ,
שטויבפּיין, גרױ־בלױ בלײַ.
אויף אומזעבאַרע פליגלען,
וואָס ווערן מאַט
און ווערן אַנטרונען.

צוויי פרומע הענט
צו פליגלען דערהויבן,
פאַלן לײַדיק, פאַרמאַטערט צוריק.
— אַ לײַדיגער חלל אין אומענדליכן רוים,
פאַרלאָשענע ליכטער בלאָנדזשען אין וועג....

## עמיץ איז מיד...

אָפּגעטאָן זיך יעדע פרייד.
אָפּגעטאָן זיך ווייסע זייד,
עמיץ איז מוראַ'דיג מיד...

אָפּגעטאָן זיך גלאַנץ און גאָלד,
צוריקגעצויגן יעדער שטראַל,
עמיץ איז מוראַ'דיג מיד...

גאָטס נגונים, שיר המעלות
קלינגען, בלאָנדזשען, אָהן א היים,
גאָטס נגונים — זוכן — רופן,
עמיץ איז מיד,
מוראַ'דיג מיד...

# עפּים פֿאַראַן...

עפּים פֿאַראַן, לויפֿט פֿאַרוים,
שיקט פֿליגלען פֿאַרוים
דעקט מיך איין.

שטיין געבליבן,
שטיל געבליבן
נעמט מיך אַרום.

ערגעץ־וואו גייט אוים אַ קלאַנג
וואָס איז אין מיר,
איז ווייט פֿון מיר...

## פאַזשארן.

פאלן צו מיינע אויגן,
דערזע איך פּלוצים פאַזשארן,
ברענט עס אוודאי מיין בלוט.
צינגלען זיך פלאַמען,
זוכן זיך וועגן
אין א פארכשופטן ראַד...

בלויע חלומות,
ווי מראות אין שוים,
ווייסע מיט גאָלדענע זוימען,
אויף ווייס געגליטע לייד,
גרינע פון גרויזיגן הונגער,
וויאָלעטע אין טיפער אמונה,
און ליכטער אין גאָלד
פון א גאנצן דור.

— — — — — — — — — —

און רויטע פאַזשארן
פון בלוט און באַגער...

## פאַרשלאָסענע טויערן...

די שוועל פון אייגענעם בנין פאַרשטעלט.
עמיץ שטייט שטיל פאַר זיין טיר,
לאָזט זיך אליין ניט אריין...
אן עיגול אַרום און אַרום,
און אַליין מחוץ...
אויג אין אויג מיט זיך.
און דרינען די שפּיגלען
שפּיגלען געוואַלטן...

בלענדיגע ליכטער
אין הארטן ווייס,
פיקסירט.
פאַטאַל,
אומבאַדינגט,
אויף זאַפּטן פון מח,
פון האַרץ.

גלוטן טונקל־רויט,
בלייכע ציטערן
אַש־גרויע עצבות
און הייסער גלויבן.
און אַלץ איז דרינען
און אַלץ מחוץ...
סכנות, נסיונות,
אָנפאַלן, לאַבירינטן.
אַ רויטע ראָד...
אַ ווילדע טורבינע
קרייזט סאַטאַניש אַרום איר אייגענער אַקס...
— — — — — — — — — — — — —
די שוועל פון אייגענעם בנין פאַרשטעלט...

## אומעט.

אליין זיך אין זיך פארפלאָנטעט
און געפין קיין וועג ניט ארויס,
אליין זיך אין זיך פארשפינען,
איז געוואָרן מורא׳דיג ענג...
פארהילט אליין זיך אין שאָלן,
פענטען זיי איין אלע גלידער,
פארשטריקט אליין זיך אין אומעט
און געפין קיין וועג ניט ארויס...

# אומרו.

ארום מיר שווייגן,
טיף שווייגן,
ניט קיין רו.
שווערע שטילקייט,
טויבע טעמפּקייט,
ניט קיין רו.

אַלץ זיך פֿאַרביטן,
פֿלוצים און האַרט.
אַלע הבטחות צו וואַסער צוגאַנגען,
דאָס ליכט איז קאַלט
און שניידט.

# אַ מאָנסטער.

איבער אַ וועלט פון ליכט,
פון ווייסער זייד,
האָט זיך ערגעץ פאַרוואָגלט אַ שאָטן,
אין אַ זילבערנעם בעכער
פון העלסטער פרייד
האָט זיך ערגעץ פאַרקליבן אַ טרער...

אין אַ זעלטזאַמען פּאַלאַץ
פון אוצרות און פּראַכט,
פאַרהאַנען אַ פענצטער פון נאַכט,
אין אַ בנין פון געניעס,
פון איידעלסטע ליניעס,
האָט זיך באַוויזן אַ מאָנסטער
און שרעקט...!

# ל ו י ז ע  פ ע ד ע ם.

פליען, פלאטערן לויזע פעדעם,
וועבן שטיל זיך ארום מיר,
בויען איבער טויזנט היילן
שטייען שמירה פאר מיין טיר.

כ'בענק אוודאי א ים פון בענקשאפט,
א וועלט א ווייטע און א ציל,
טויזנט וואונדער אין איין רגע
קלויבן זיך אויף פעדעם לויזע,
פלאטערן, פרעגן נאך מיין טיר...

בייזע ווינטן שרעקן מיך,
די זון פארברענט מיין גוף,
טונקעלע שאלן שיט די נאכט,
הילן טויזנט היילן,
אויגן־היילן ברענען זאכט,
בלישטשען רויט אין טונקעלער נאכט.

# שטיל לייד.

לי איז בלאָנד און שטיל
און ליידט,
פאַרהילט אַ וואונד פאַרשעמט
און שווייגט...

און ברענט צומאָל די וואונד,
צוגליט פון זון און צייט,
ווערט שטילער לי,
און שווייגט...

דער בלאָנדער שימער
אַרום איר קאָפּ
ווערט מאַטער מיט אַ האָר,
דער בלויער בליסק פון איר אויג
ווערט טיפער מיט אַ שפור...

# רעמיניסצענצן

דער ים נעפּל און בליי.
אַ שטילער מאָרגן שטעלט פאַרשעמט
אַן ערשטן שריט אין ליכט.
רואיגע גאַסן ליגט באַחנ'ט פון יונגן יאָר.

„כ'האָב זיך געמויערט אַ מויער"
עטאַזשען, עטאַזשען די הויך...
ציט זיך דורך פּיילער אַ דינינקער שפּאַלט
פאַרלויפט ביי אַ טויער...

פּירהייזער, טרעפּן, אַלקערס און קאַמערן,
זוניגע ווינקלען,
און ווענט איינגעטונקען אין שאָטן...
פענצטער פול ליכט
און פּייערליך גאָטישע וויטראַזשן...
און פאַרבן אָהן פּליטער,
פון גורל שווער און דערלעבן...
רעמבראַנדטס זאַטע, שווערע וועלורן.

דרינגען אויגן באַהאַרצט דורך מויערן,
היפּערן איבער שיכטן און שיין,
בלאָנדזשען בליקן פון טויער צו טויער,
בלייבן ערגיץ־וואו שטיין.

אַ פאַרלוירן־קליינע מיניאַטור,
צאַרטער פאָרמאַט,
אוים דער האַנט פון אַ מייסטער,
לייכט, גראַציל,
אַ הויך פון שווערקייט, ווי אין שפּיל.
אַ קילער לייב, וואָס לייכט..
פינגער שפּיצן פרירן... זוכן
דערלאַנגען אומבאַוואוסט צו אורגעוואַלטן
פון פּייערן און קעלטן.

— — — — — — — — — — — — —

רעפלעקסן פאַרציטערן פון רוים צו רוים...

# פלאַטערט אַ טאָן...

אַן איינציגער טאָן פלאַטערט אין רוים,
לאַנג־געצויגן פון ווייט,
פון וועלטן־ווייט,
פיינגעצויגן ווייך,
האַלב זינג־זאַנג
האַלב געוויין...

בעט זיך פון ווייטן צו מיר,
זוכט מיך — און בלאָנדזשעט.
אין טונקעלע נעכט קלינגט ער פאַרלוירן.
נעמט ער מיין רו.

כ'קען ניט דערגרייכן,
ניט אויפנעמען,
מיין קלאַנג,
וואָס קלינגט אַליין
פאַר מיר אין רוים...

# וועלט און מענש

# מיינע וועגן

מיינע וועגן זיינען שווערע,
כאָטש פון ווייטן לייכטן ליכט,
מיינע וואונשען זיינען ווילדע,
כאָטש זיי גליען שטיל אין זיך...

מיינע אויגן זעען שאַרפע
דורך דומפיג שווערע ווענט,
מיינע חושים פילן וואכע
יעדן פולס-קלאַפּ פון מאָמענט...

מיינע וואָרצלען טיף פאַרפלאַנצטע,
אין די נעכטנס פון דער וועלט,
מיינע פליגלען ווייט צושפּאַנטע
פון די מאָרגנס איבערהעלט...

# לעבן...

אין קנאַפּע שעה'ן
געדרענגט דערלעבן,
פון הונדערטער יאָר...
פון צער פון דור,
פון אייגענעם צער...

אַ יאָך ווי אַ קרוין,
אַ פאַרכשופטער ראָד.
אויף דער שוועל פון יאוש,
ביים טויער פון גנאָד...
אַבסטראַקטע אידייען
געגליעט אין בלוט...
טיפקייט פון טראַגיק
און קראַפטן פון גלוט...

גליווערן און גליען
דערזעלבער געהאַלט,
אַש און פונקען
דיזעלבע מאַטערי...
צער און חסד
די זעלביגע ספערע,
קייטן און פליגלען
דער זעלבער געוויכט...

— — — — — — —

און אַלץ אינאיינעם
דער תוך פון זיין,
פון גאָט און פון קראַפט...

## טויזנט פייערן העליש גליען...

טויזנט פייערן העליש גליען,
טליעט פון אלע א פינק אין מיר,
פלאקערט אורגעוואלט אין בליען,
זינגט מיין ווידערקול א שיר....
לויערט בלייכער שרעק פארבארגן,
וואקסן זיילן גרויל אין מיר!
שלייפן כחות טעמפע שווערדן,
ריקן מחנות אויף געיעג,
פלאנצט יעדער שניט
א בלאנקע וואונד,
וואס בליט...

# דער וועג באַרג־אַרויף...

דער וועג באַרג־אַרויף
איז מיט פעלזן פאַרזייט...
דער פוס דאַרף זיך זוינן
אין ברוינער אין קערניגער ערד...

סקאַלעס און שאָטער
באַשווערן דעם שריט,
גרודעס און שטיינער
פאַרדעקן דאָס ציל,
זיגזאַגן געוויקלט
פאַרווירן דעם מאַרשרוט,
דערנער, שטאַכעטן
שינדן די הויט,
דער וועג באַרג־אַרויף
איז מיט פעלזן פאַרזייט...

און אַ קנאַפּע רגע
אַ רמז אייביקייט,
אַ קליינער ווינקל
אינקאַרנאַציע פון וועלטן,
אַ ברעג פון ים
מהות פון אַלע ימים,
אַ שטראַל פון זון
אַ ניצוץ וועלטן־פייער,
אַ בראָקן גראַניט
אַ שימער וועלטן־כאַאָס,
ס'איז ענג, ס'איז ענג, —
און דער וועג באַרג־אַרויף
איז מיט פעלזן פאַרזייט.

## זוכן.

טעמפּע זוכן,
טויב פאַרלאַנגען,
אָן אַ ציל —
ווילדע וואונשן,
שטאַרק באַנגערן,
אָן אַ וועג.

הייסער הונגער,
ערצענער ווילן,
אָן אַ יסוד —
טרייבקראַפט, טריב,
עלאָן פון לעבן
אָן אַ זין...

און די ווערט פול וואונדער,
דער חלל פול זונען,
ליכט און עטער אין רוים...
מ'הונגערט, מ'גאַרט
נאָך באַנייאונג און גאַנצקייט,
נאָך סוף, און אין סוף....

## יסודות.

טיפן.
פארבארגענע פינסטערע טיפן,
יסוד פאר מדרגות און הויכ'ן.
חושך — געדיכטער פארוואגלטער,
מיט אלע ווילדע, וויסטע נסיונות,
טראגט אין זיין ליוב
פארבארגן א ליכט...

כאאס,
מראות, פאנטאמען —
זיינען מעוברת
מיט קאנקרעטער ממשות

צוברויזן ציקלאנען, טארנאדאס
אין ווילדע מהומות אלץ און אלע,
זעצט זיך אויף חורבות
קלארקייט און לויטערקייט און רו...

און עצבות און אומעט,
יסוד פאר פרייד,
און אונטערגאנג, פטירה
יסוד פאר לעבן און בליען...

— — — — — — — — — — —

איז דא דער תירוץ פאר אלץ...?
פאר סוף און פאר אין סוף..?

## זאכן דערציילן...

אָפּטמאָל גיי איך פאַרביי
אַ שטיין, אַ הויז,
אַ צובראָכענעם פּלויט.
זאָגן זיי עפּעס צו מיר.
דערציילן פון זיך...

שטעל איך זיך אָפּ,
און הער זיך איין.
דערלאַנגען צו מיר
אותיות, קלאַנגען,
אָפּגעריסענע זיפצן
אָדער געזאַנג.

כ׳שטיי, פאַרכאַפּט,
דערשלאָגן — פול פּיין.
געהערט, מקבל געווען
און ניט דורכגעדרונגען.

בעת כ׳גיי ווייטער,
הענגט עפּעס פון מיר
אויף חפצים און כלים.
ניט אויסגעלייזט דעם פּאַנט...
ניט גרייט געווען
ניט ווערט געווען
דורכצודרינגען אַ וואַנט...
אויסצולייזן
און אויסגעלייזט ווערן...

## ווער פאַרמעסט זיך...

וויפל וואונדער ווייט אין ווינקלען,
וויפל בליען שטיל ביים וועג...
וויפל ליכט לייכט טיף פאַרבאָרגן,
וויפל פריי אויף יעדן שטעג...

וויפל אויגן קלאָר צו זען...?
ווער שטעלט שרעקן מיטן־נאַכט?
ווער פאַרפּלאָנטעט קלאָרע צילן,
בויט מכשולים אויפן טראַקט...

ווער פאַרמעסט זיך שטעלן אַקעגן
וואַגט אַ שריט אין בייזן ראָד...?

## אַלע טיפֿן רופֿן...

מײַן װעג איז אַ װײַטער,
װײַטקײַטן ציען,
װאַרפֿן אַ פֿײַל פֿון װײַט
אין מײַן זײַן,
ציט זיך פֿון ערגיץ
אַ המשך אין רויט,
איבער אַ תהום פֿון טויזנטער אײַלן
איבער אַ תהום פֿון טויזנטער מײַל...

ציען די הויכן,
זוכן מיט ליכט,
זײַדענע סטענגעס
שװעבן געװעבטע,
אין פֿעדעם פֿון גאָלד און פֿון רויט,
ציט זיך אַ המשך, גאָלדן די פֿליגלען
איבער אַ תהום פֿון טויזנטער אײַלן,
איבער אַ תהום פֿון טויזנטער מײַל...

אַלע טיפֿן רופֿן צו זיך,
אַ שטאָם אַ געזונטער
שפּריסט שײנקײט און זאַפֿט,
און קראַפּט איז פֿאַרװאָרצלט
טיף מיט דער ערד,
רופֿן די טיפֿן, רופֿן צו זיך...

# מיסטעריען...

וואָס מיינען די פייערן אינמיטן דער נאַכט,
שווער צו דערקענען אַ וועג...
טונקעלע שאָטנס פאַרווישן דאָס ליכט,
ס'בייגט זיך, ס'קרומט זיך דער וועג...

מיסטעריען גליען וואו ערגיץ אַ הייל,
רויטע פּורפּורן אין שוואַרצער נאַכט,
אין פינצטערע שפּאַלטן לויערט דער גרויל,
און סכנות הויכן פון ראַנד פון אַ תהום...

טאַפּען זיך גלוטן, טייוואָלים אויף ווייס,
טונקעלע בעכערס צו קלאָרקייט געגלייזט...
פליען פון חושך און זוכן דאָס ליכט.
ווי ווייט איז חסד?
וואוהין פירט אַ וועג?..

# האריזאנטן.

**חיים ליבערמאנ'ען אין פריינטשאפט.**

וויפל פרעריעס מאנס־הויכע גרעזער
וועל איך קיינמאל אין לעבן ניט זען?
וויפל אורוואלדס אייביגע דזשונגלען,
געשפרייטע קאבריצן, טיפגרינע טעמפלען,
וועט קיינמאל מיין שריט ניט בארירן..?

פון וויפל טייכן ס'שטראמיגע רוישן
וועט קיינמאל ניט דערגרייכן מיין אויער?
וויפל גלעטשערס הארב־זיסער אטעם, אייביגע בלויקייט
וועט קיינמאל ניט גלעטן מיין פנים?
וויפל קאסקאדן, שוימיגע שטורצן, וואסערפאלן ווייטע, ווייסע,
פארשייטע צולאזענע קינדער פון גלעזערנע גליוועס,
וועלן קיינמאל ניט דערלאנגען מיין אויג און מיין אויער?

וויפל סטעפּן פון פרעמדע מדינות,
ווייטע מרחקים וואס ציען און צינדן
וועלן קיינמאל מיין קול ניט פארנעמען?
וויפל זאמדן אין הייסע מדבריות
וועט קיינמאל מיין פוס ניט באטרעטן?

וויפל האריזאנטן פון ווייטע ימים
וועלן קיינמאל מיין ליבשאפט ניט גריסן?
וויפל בארגשפיצן, פעלזן, שראפן, שפאלטן, טיפע תהומות,
וויפל נאלפן, בוכטן פון ווייטע אקעאנען
וועלן קיינמאל ניט אויפנעמען מיין פרומסטע התפעלות,
מיין אור־אינערסט פארציטערן, מיין טיפסטע דערשיטערונג
פאר אלץ און אין סוף...

— — — — — — — — — — —

און אלע שטערן האבן זעניטן, כ'מוז זייערע זונען דערראטן..
און אלע לבנות אנדערע וועלטן, כ'וואלט וועלן דערקענען שרשים
און אלע זונען אנדערע גלוטן, כ'וואלט וועלן גראדן אויסמעסטן,
און אלע פארלאנגען אנדערע מאסן, כ'וואלט וועלן
מאס־שטאבן געפינען...

## מיר אלע ציטערן...

מיר אַלע ציטערן פאַר שרעקן זיך
פאַר דעם וואָס וואַרט,
אָפט באַפאַלט אַן אימה אונז
און מיר ווייסן ניט
פון דעם וואָס האַרט...

טיף אין אונז
זיצט גרויער גרויל,
וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג.
יעדער אופן איז אַנטלויף,
פון גרויעם גרויל
וואָס יאָגט....

מיר שרעקן זיך פאַר צייט
וואָס שטייט ניט שטיל,
ווען אַלץ אין אונז איז ווייט
און האַלט צוריק דעם שריט...

מיר שרעקן זיך פאַר ליכט,
וואָס לייכט אין רוים,
ווען ס'געניצט פינצטערניש
פון שוואַרצן תהום...

מיר זיינען ענג פאַרשפּינען
אין רונדן רינג פון זיין,
מיר ווערן שטיל אַנטרינען
אין וועגן פון געוועז...

קומען טרעפן אונז אַקעגן
מיר זעען ניט די שוועל,
רינגעלט זיך אַ קייט פון קיום
מיר זוכן אַלץ די שוועל...

## עלעמענטן מיר...

ערגיץ־וואו אויף האַלבן וועג
גייען מיר ערגיץ־וואוהין,
ביים שוועל אומענדליכקייט
אייביגקייט און סוף דער זין...

ליגן עפּאָכן שיכט נאָך שיכט,
אָנגעהויבן ביי קוואַלן,
מיר טראָגן שרשים אַלע אין זיך
און זיינען מיט בלינדקייט באַפאַלן...

מאַגישע כחות טליען אין אונז
עלעמענטן מיר — און אור־עלעמענט!
מאַטעריע פון מאַטעריע...

טויזנט־וואַלטיגע ליכט,
שטראַלט אַן דראָט
מיסטעריעזע קראַפט,
עלעקטרישע ספרים
לייענען אויפן קול !
עלעקטראָדן זויגן,
זיינען משפּיע דעם שטראָם
פון מענטשליכן בלוט,
וואונדער איבער וואונדער !
אין אונז און מחוץ...

און מיר זיינען טעמפּ.
ליגן שטום,
שיכט נאָך שיכט,
רינג נאָך רינג,
ביים שוועל פון אייביגן אָנהויב,
ביים אָנהויב פון אייביגן סוף...

## ערגיץ־וואו...

ערגיץ־וואו שפינט זיך אַ כישוף,
ערגיץ־וואו איז צויבער פאַרהילט,
אַ וועלט איז פאַרהונגערט און גאַרט

ערגיץ־וואו פלאַמט פאַרבאָרגן אַ ליכט,
דאָס אויג פון אַ וועלט איז געבלענדט —

ערגיץ־וואו ברענען הייליגע גלוטן,
אַ וועלט איז פאַרגליווערט פאַר קעלט...

ערגיץ־וואו גליט אַ נר־תמיד,
אויסצולייזן אַ וועלט...

ערגיץ־וואו...
וואו...?

# פלאמען וויסטע וואנדערן...

פלאמען וויסטע וואנדערן,
רויך שטיקט אויף וועגן,
פלאמט א ליכט אויף אין א זייט,
א מעטעאָר פארגייט...

די זון זוכט א וועג
צום רוים, צו דער צייט,
די צייט רינט אריין
אין פאָרן פון רוים.

שטראלן באהיטן
זוכן און ווערן,
רופן די טיפן,
זיינען מתפלל...
די ערד עטעמט רואיג
און ווארט....

# צווישן דור און דור.

לייכטער שטום,
ליכט אָן שבת...
בלאָנדזשען ארום — זוכן א זין...

פון נעכטן
אָבגעריסן...
פון היינט — נאָך ניט געפונען.

אָן א יסוד פון א רינג אין א קייט,
אָן א תוך פון מעלה און מטה...
אָן א יסוד פון מלכות, קדושה
אָן א שליחות פאַר שטילע פיר ווענט...

## צ י י ט .

שעה'ן פליען,
פליגלען באַשווינגט,
לאָזן די וואָגן ווייט
אונטער זיך —
שעה'ן ווי שטערן,
לייכטע ווי פונק,
פלימערן אין פלוג
עטהער אין שוואונג...

אַ גלאַנץ אַ צושיטער,
פאַרצויבערטע טריט,
געבויגענע שטערנס,
קרוינען - באַשווערט
גורל-באַלאָדן, שליחות-דערפילט,
גאָלדענע ווייזער פארהאַלטן אַ שריט...

און שטרעקן סעקונדן
צו זעלטזאַמע יאָר,
און ווייזן מינוטן
וואָס דערלעבן אַ דור,
און שטונדן גייען
אייביגע טריט...

# פון וואנען...?

אויפן ראנד פון הימל ליגן זון־פארשכורט וואָלקן.
גיסט זיך לייכטן איבער'ן רוים...
די זון שטראַלט לאַנג שוין איבער אַנדערע וועלטן,
געלאָזן אונטער זיך א ים און טרוים...

פון וואנען נעמט זיך רוישן?
פון וואנען נעמט זיך ליכט?
פון וואנען שפרייט זיך שטילקייט
פון רוישן נאָר פארטיפט...?
פון וואנען גיסט זיך שווייגן?

# מיליאַנען זונען.

מיליאַנען זונען שטייען אַצינד גראַד
אין גאָלדענעם הייסן זעניט,
מיר דאָ פאַרגייען שטיל נאָך אַ שטראַל...
מיליאַנען הימלען לייכטן
אין טיפבלויע עטערס,
אונזערע זיינען געגאָסן אין בליי.

און ימים פאַרדאָפּלען
די צאָלן פון הימלען,
עטער און ליכט צושטויביקן שטראַלן
אין פונקען שימערנדיק גאָלד,
און סעקונדן געבערן אַלץ נייע קאָלירן,
און מינוטן שיטן וואונדער אין וועג...

און אַלץ איז ווייט...
נאָך ווייטער ווי ס'גרייכט אונזער בענקשאַפט.
און אַלץ איז פאַראַן,
ווי זיכער ס'באַגערט אונזער בלוט...
און אַלץ איז אומענדליך,
ווי אומענדליך די צאָל פון פאַרלאַנגען.
און אַלץ איז אייביק,
ווי ס'איז אייביק דער אור־שורש
דער אור־פּרינציפּ...

## אין הארץ פון נאכט...

כ׳גיי אליין פון צייט צו צייט
אריין אין הארץ פון נאכט.
אויג אין אויג, אליין מיט איר,
אין איר..

טונקל און ווייך איז די נאכט,
און הילט מיינע גלידער
און וועבט מיך איין
אין איר זיין...

פיל איך פאר א ווײלע א היים.
שאטנס הילן איין,
רוים נעמט ארום,
שווייגן דעקט צו,
אומענדליכקייט ווייזט א שריט,
אייביגקייט איר שטילן טריט.

רוישן מיסטעריעס, רעטענישן אין רוים,
מיליאנען וועלטן קרייזן,
ווייזן וועלטן־לויף פון ווייטן
פאר דער נאכט...

און נאכט נעמט אויף אין זעלביגן רוים
מיך. אליין...
און מיליאנען וועלטן,
וואס לויפן באנען
ארום זיך,
ארום אנדערע וועלטן....

ווערט די נאכט אלץ טונקעלער, טיפער
ברענען וועלטן לייכטנדער, גליענדער
גליען זייער סוד אין איר תוך..

— — — — — — — — — — —

אין וועלטן־אותיות ברענט
דער סוד פון וועלט
אין נאכט אריין...

## וואָלט איך מיין גוטען מלאך געבעטען...

אַלע מיינע אויגן
צו אַלע שטערן געווענדעט,
די צאָל פון די שטערן איז נאָך גרעסער,
בלייבט הענגען אין הארץ אַ תהום...

אונזער שטערן איז אַ קליינער
און פאַרמאָגט מיליאָנען פון וועלטן,
ימים פון וועלט־געשען,
אָקעאַנען, וואָס צינדן אין שטראָמען
דעם וועלטן־פולס,
קאָכן זיי אַלע אין מיין בלוט,
בושעווען זיי אַלע אין מיין ביסל געהירן,
פאַרגראָבט זיך מיין שטערן אין שאָטנס,
לעשט אוים אויף אַ ווײַלע מיין ליכט...

וואָלט איך מיין גוטן מלאך געבעטן
ר'זאָל קלאַפן באַגעריגע פינגער,
וואָס שטרעקן זיך ציען
אין אומענדליכער בענקשאַפט,
כאַפן אָפּט איבער די מאָס...

וואָלט איך מיין גוטן מלאך געבעטן,
מיך לערנען לעבן אין ענגשאַפט —
און אפשר — געפינען אַ מאָס...

# חסד

די האַנט איז מעכטיג און ברייט
וואָס טיילט אויס מתנות
מסתמא נאָך עפּעס א זין...
דער כח שטאַרק און בלינד,
וואָס שיט די מתנות
קענטיג אָן מאָס און אָן מיין...

זיי זיינען אַלע שווער און געוויכט,
און זיינען מחייב און בינדן...
און פאַרטראָגן ווייט
אין רוים פון ליכט
און בלענדן דאָס אויג
וואָס איז ניט געגרייט...

און זייער אָפּט די וועגן ניט קלאָר...
לויערן אָפטמאָל סכנות...

# ירידה

חיים ליבערמאַן
אין פריינדשאַפט

ווער רייסט דאָס גאָט דיין גאָלדן קרוין,
ווער שאַרפעט אין שטיקער דיין גאָלדענעם זוים,
ווער טייטשט דיין וואָרט נאָך אַן אַנדערן מיין,
ווער בייט דעם עיקר, צובייט אים אויף קליין?

ווער מאַכט דיינע פליגלען פאַלן שטאָט פליען,
ווער בייט דיינע קלאַנגען, איז משנה דיין זין,
ווער שטעלט אויף ווענט אויף האַלבן וועג,
ווער שיקט די שאָטנס צו פאַרפלאָנטען דיין
שטעג..?

אבנים טובות פאַר מטבעות פון ליים,
גאָלדענע פערל געשטויסן אויף שוים...
אַן אחר פון אמת דערלאַנגט צום ציל,
די ליכטער פון שורש פאַרלאָשן ביים שוועל...

# ווער וועט ענטפערן...?

ערגיץ־וואו מוז זיין א בית־דין,
ערגיץ־וואו אן אלטער ספר,
וואס פירט פאר אונז א דין וחשבון
און סדר איבער אלץ אין זיין.
ווער וועט ענטפערן...?

פאר יענע הייזער
וואס שטייען אויף אייביג אין דער שאטן־זייט,
פאר בלייכע בלומען, פון בוים־ריזן פארשטעלט,
פאר גאסן פארלאזן, פאר טירן פארשעמט,
ווער וועט ענטפערן...?

פאר קריוודעס וואס שטערן טוען אין לויף,
וואס פארשטעלן געהאלט פון דער זון,
פאר באשטימונג פון לעבן און צאנען פון אייז,
פאר טראפן־געביטן און מדבר'ס פארוויסטע
פאר מהומות וואס קומען ווייל ערד איז באוועגט,
פאר שטורעמס וואס נישטשען די זאט...?
ווער וועט ענטפערן...?

פאס זעען, וואס רינען
אין שאכטן פון בערג
און שטיקן לעבן אין פולן ווערק,
פאר לאווינעס, וואס באגראבן
פרידליכע שטעט,
פאר טייכן, וואס שטראמען אריבער דעם ברעג,
בעת ערד איז געגרייט צו נייעם שניט
פון קראפט און ברויט...
ווער וועט ענטפערן...?

פאר פאטום פון פאלק, פאר גורל פון מענטש,
פאר פלוג פון גייסט און גרעניץ ענג,
פאר שארפן ברעג אין וועלטן־אל,
פאר'ן לעצטן תירוץ
פאר אלץ און אלע...
ווער וועט ענטפערן...?

## גאָטס הייסער אָטעם...

גאָטס הייסער אָטעם דערשיטערט די ערד,
טאָפּען די גלעטשערס גראַטעס פֿון גלאָז
באַגראָבן באַרג און פֿעלז און תהום
גאָטס גליאיִנגער אָטעם צופּלאַקערט אַ פּלאַם...

ערופּציעס רויטע, קראַכן פֿון קראַטערס,
זײַלן רויך שוואַרצע ווי נאַכט,
שטײַגן שטײַל אין שווינדליגער הויך,
פּעכשוואַרצע לאַוואַ איבערן ראַנד
קאַכט וואולקאַניש איבער גאָטס לאַנד...

אַ תקופֿה פֿון זיידן אין אַלע גראַדן,
דערשיטערט די ערד אין זעלטזאַמען רוק,
אָפּגרונט און טיפֿן פֿון אויפֿרור צואווייגט
וואַסערפֿאַלן כוואַליען אין אַנדערע וואוכטן,
קוואַלן זוכן אַן אָנהאַלט,
נאָרען זיך טיפֿער אין שטראָמיגער ערד,
וואָס גליט,
באַרירט פֿון גאָטס ליפּן...

## גלעטשערס רירן זיך...

א ווילדער מער אין ווייסן שרעק...
גלעטשערס פארלאָזן אייביגע הויכן,
די וואָרצלען דערשיטערט פון גרונט,
רירן זיך, רוקן גלעזערנע אייזבערג,
סקאַלעס און פעלזען פאַראויס —
באַריערן פאַר שטאָלצער דיסטאַנץ,
ברעקלען זיך גליטשן אין תהום.
קאָנטורן — קרעמין־געפרעסט,
אויף אייביק פאַרזיגלט, קאָנסטאַנט,
לאָקערן ליניעס, ווייסע מהומות,
כוואַליען אין רוק — באַרגאַראָפּ...
שרעקן און שיינקייט, אויף אייביק
געגליווערט אין הימלישע הויכן
זיינען מקבל — גורל און שנוי...

שרומפּן גלעטשערס. גלעזערן־בלויע
הימלישע היים פון געפרוירענע טויען
ווייס־בלוי קרישטאָל...
פון שטראָמען וואָס הענגען באַוועגט באַרג־אַראָפּ..
פון קוואַלן פאַרבאָרגן וואָס שטויסן די שטראָמען
און פערלען דעם צירונג פון זילבערנע שוימען.

אָזערעס־אויגן טיפבלויע, גרינע,
מיסטעריען פאַרבאָרגן אין שאָטן פון ריזן,
ס'רוקן זיך בערג. ס'שרומפּן די גלעטשערס,
צושטערערס און מוטערס האַרט אונטערוועגס..
קראַכן די בערג פון שפּאַלטן אין אָבדעך,
גלימערט געראַנגל פון קעלט און פון שטאָל,
שטרעקן זיך צונגען פון אייביגן אייז,
גליווערן שטורעמס מהומות אין טאָל.
ציטערט אין פיבער די ערד...
און אַלט איז דיין מער, דו גרויזיגער גלעטשער,
און ווילד,
ס'האָבן אין דיין חסד סאַהאַראַס געבליט,
זאַפטיגע בעטן און יונג־גרינע טעלער
האָט שרעקן און חורבה פאַרטיליגט.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס גרייט דיין רצון פאַר אונזערע טעג...?

# די ערד איז קראַנק.

פאַרסמ'ט אונזער ערד און שווערלט,
קראַנק אונזער ערד און ברענט.
געשווירן צורייסן ערד־איינגעווייד,
ציטערט איר רוקן פון קעלט,
ערדמיילער ברעכן אַ מבול פון שלאַם,
פאַרשווענקען די שטעט,
מיט זיי קינד און קייט.
פאַרסמ'ט אונזער ערד און שווערלט.

געבליטן פון ערד ברענען אין זשאַר,
שפריצן די סמים אין לופט.
לאַווע אין שטראָמען, טייכען פון גיפט,
נישטשען, פאַרפלייצן פעלד און שניט.
פאַרסמ'ט אונזער ערד און גליט...

אין פיבער־פאַנטאַזיעס ציטערט די ערד
קאָשמאַרן פרעסן איר לייב,
פייער און פעלז שפייט פיבעריג די ערד,
גליאיג פון וואונדן צוקווייילט.

דורשטיג די ערד, ברענט פון היץ,
גיסט גלוט און שוט פון לאַנד צו לאַנד.
שטיקט די סאַוואַניען
ווארגט דעם קאַווקאַז
וואָס פאַלן צומישטע פון פיס...
אַ ווילדע פיין
פרעסט און יערט אין איינגעווייד,
צווזעצט, צושטערט טויערן שטעט,
דורשטיג די ערד...

טאַפּען זיך גלעטשערס צו קילן איר נויף,
גליטשן זיך טיפער, דערשיטערט פון רוף,
די ערד איז פאַרסמ'ט און שווערלט...

די ערד איז פון זינען, מטורף די ערד,
אין שווערער מצידה,
גיפטיג די שווערט אין איר האנד...
משפט די ערד, די זינען צומישט
האלט געריכט...
דור און מקדש פאלט פון איר האנד,
די ערד איז קראנק, פון זינען די ערד...

עלעמענטן זידן אונטערן גרונט
אין העכסטע גראדן!
די טיפסטע מדרגה געשמאָלצן מעטאל,
די העכסטע אין הויכן פון ערד־אויבערפלאך
געפרוירענע גלאָז —
מישן זיך, טיליגן זיך אויס...

פעלזן פליסן ווי גאזן, אין שטראָמען צולאָזן,
פלוטן און כוואליעס. אונטער דער ערד,
קוואלן שפרינגען, קראכן מיט פעלז־מאטערי
הילכיג אין הויכן,
פאלן מיט וואוכט צום גרונט,
פלעכטן זיך קרייץ איבער קווער,
פלאטערנדיגע פאָנען אונטערן מער...
לויפן פאָראויס און צוריק.
קלאנג־וועלן גרייכן
צו ספערן אין פלוג
און בויערן בערג
פון אונטער דער ערד,
און פילן די פעלזן מיט פעלז !
שטילער אָקעאַן !

טויט און גרויל
דיין הייל
פון שרעקן די היים,
די ערד איז געפרעסט פון דיין לאסט!
פון דיינע קייטן געפענט
פון דיינע וואולקאנען געניזוקט,
פון דיינע וואוכטן געשטורעמט...!
אָפענע מיילער שטרעקן די צונגען

פאַרשרפ'עט פון גלות,
די הרי חושך פון דיינע טיפן,
געשליידערט אין גרים, ביז איבער די הויכן
ברעכן, צוזעצן די ערד...

ווער זיינען מיר, אויב דו ביזט?
וואו זיינען מיר — ווען דו האַרשסט?
וואָס זיינען מיר, ווען דו ברויזט?
מיר —
און בלומען צאַרטע,
און באַרג־גיגאַנטן,
און בלויע שטערן,
מיליאָנען ליכט־יאָר ווייט פון אונז!
מיר —
דער צענטער,
דער מיטעלפונקט מיר,
און איבער אונז די וועלט־סיסטעמען
זונען, לבנות,
מילך־וועג ווייסער
מיט שיי עולמות,
ווער און וואו זיינען מיר...?
אויפן ווייטן וועג פון דערקענען?
אויפן שווערן וועג פון געוועלטיגן?
אויפן וועג פון אין סוף,
פון אויפגיין און פאַרגיין...?

# אין אַ קליינער רגע.

שטערן שטראַלן אין אַלע שימערן,
שטערן שטראַלן אין אַלע ליכטן,
לויפן שטערן זייער אייביגן לויף
אין אייביגן רוים...

זונען גליען אין אייביגע גאָלדן,
אין בריליאַנטענע זילבער
לבנות אין חלל,
פאַרוואַנדלען אייביג דאָס וועלטן־בילד...

אין אַ קליינער רגע פון מיין אייביגקייט
נעמט אויף מיין אויג,
באַגרעניצט אין אַ רעם —,
די גאַנצע, ווייטע אומענדליכקייט,
דעם אייביגן רוים אין זיך...

## ווייל איך ווייס

מיליאָנען שטערן,
מיליאָנען ליכט־יאָר,
וועלטן מיליאָנען,
אַלע בולט, קאָנקרעט ארום מיר.
זיי זיינען,
ווייל איך ווייס: זיי זיינען.

אויפן מילך־וועג ערגיץ
גליט טונקל אַ פונק,
אונזער פלאנעט, די ערד.
נים אפילו קיין שטערן.
נים זייער וויכטיג אין וועלטן־רינג...

לעבן נפשות אויף אונזער פלאנעט,
געקרוינט מיט געהירן.
מלכים!
אין חסד פון זייער באוואוסטזיין
זיינען מיליאָנען שטערן
דערוויטערט מיליאָנען ליכט־יאָר
פון מיליאָנען וועלטן...

# טאג און נאכט

## טאָג־איין — טאָג־אויס...

יעדער טאָג איז ניי,
יעדער טאָג — איז טאָג,
איז ליכט,
גרייטן זיך צו ליכט...

יעדער טאָג איז טאַט,
יעדער טאָג איז זיין.
און יונג,
און אונטערוועגס...

און יעדן טאָג
שטייט אויף א מאָרגן,
א בעכער בלוי,
וואָס וויקעלט שעה׳ן אוים
פון ראנד,
און וואָס ס׳קען זיין — דערוואַכט,
און וואָס וועט זיין — ביים שוועל.

דעם מאָרגן אקעגן
גייט העל מיטן־טאָג,
מיט קוישן געפילטע
מיט זון...
אָפּטמאָל געשלאָסן
און מייסטענס געשפּרענגט...
שטראָמענדיג רחבות אין זיין...
אין פולער קראפט,
א פייל געשפּאַנט,
בייגט יעדער טאָג
א שטאָלצן קאָפּ
טיף צו דער ערד,
פאר דער נאַכט...

## די שייד־וואַנט...

אין בלויע פּאַרטאָגן, ווען אַלע סודות
האַלטן אויפן וועג צוריק, צום בלויען מיסטעריום,
ווען ס׳שטייט דער מאָרגן געגרייט
צווישן נאַכט און טאָג,
רוקט זיך דער ים ווייט אָפּ פון ברעג,
און לאָזט בסוד־סודות פאַרהויכן אַ שאָטן...
ווערט פייערליך שטיל...

ווערט אַ שאָטן נתגלה אין ווייכע שלייערס,
פאַרדעקן זיי אַלע דעם ים־האָריזאָנט,
גליטשט זיך אַ שאַרף־געשפּאַנטע סטרונע
געלאָקערט צום גרונט...
ווערט דער הימל פאַרגאָסן אין טיפקייט,
און דער ים לאָזט פאַרקלינגען נאַכטליכע קלאַנגען,
גייען זיי אויס אין שטילע אַקאָרדן...
ווערט דער ים דערטראַנקען אין שווייגן...
שווייגט אַלץ אַרום און אַרום...

ציען דערווײַלע זיך צוויבער צום הימל
און שימערן ווייס אויף אַ בלויעם גרונט.
און רויט,
ציננאָבער־רויט.
די זון נאָך טיף פאַרבאַהאַלטן,
פאַרשפּינט אַלע צוויבער אין בלאַס־גאָלד.

---

דער מאָרגן דערווײַלע
איז אַריבער די וואַנט...

# טאָג־געבורט.

די נאַכט גייט אויס
אין זילבער און ליכט,
די טונקעלע סאַמעטענע נאַכט,
פאַרבענקט זיך די נאַכט
נאָך אַ ווייסן בליסק
וועבט זיך אַ וואונדער אין ווייס...

האָט אַ נאַכט פול חסד
געבוירן אַ ליכטיגן טאָג,
גערינגלטע פלאַמען איבערן ברעג,
בלויע אַזורן פאַרגיסן
חפצים און כלים,
רעפלעקסן וואַקסן פון ליכט צו ליכט.

— — — — — — — — — — —

ס'האָט אַ נאַכט פול חסד
געבוירן אַ ליכטיגן טאָג...

# גאנץ פרי.

גרויסע טראָפּנס טוי־בריליאַנטן,
הענגען איבערן מאָרגן,
בלאַסע שטראַלן קושן בלעטער,
זילבער־גלאָקן גרויע
טראָגן בלוי באַהעפט אין זיך....

די זון איז טיף,
געלבליך ווייס,
די גאַס ליגט שטיל.
מענטשן איינזאַם,
שוויינגן,
נאָך האלב פאַרשפּונען
אין נאַכטליכן צויבער,
נעמען אויף דאָס וואונדער פון ליכט,
אַביסל פאַרטויבט....

די ערד דעקט אָב זיך די ערשטע,
פאַרפּוצט אין ראָסע בריליאַנטן,
איז מקבל דאָס ליכט, די זון,
דעם יונגן טאָג.

## אלע הילן פאלן.

אלע הילן פאלן,
ליגן אין פאלבן אויף דער ערד,
בראָקאָט און טיולן,
מייסטנס טיולן פון דער נאכט.

ווייסע סטאָפּעס זינקען איין,
ווערן נאַס,
הויך־געוועבן, צאַרטע שלייערס,
אין בריליאַנטן איינגעפאַסט,
ליבע־קלאַנגען אויך פאַרנאַנגען
אלע שלייערס פאלן, פאלן...

# שטילער מארגן.

פארוואונדערטע הייזער
די אויגן ווייט אפן,
טשעקאווע פארקוקט
אויף נייגרויעם גלאנץ...

פארקאוועטע ריגלען,
זאוויסעם פארזשאווערט,
פארוואונשענע שלעסער אין טראנס...

בלאס־בלויע כמארעס
מיט זילבער־גלאנץ
שפיגלען זיך אפ
אויף שווארצן אספאלט.
קנאספן פון ווייכן זיד־ווינט געקושט
עפענען בלעטער און בליטן בארוישט,
גערדיכט געצווייג מיט בלאטווערק און צווייט
באהעפטן זיך שטיל מיט מארגנליכט...

# א ניט אנטשלאָסנקייט
# איבערן מאָרגן

דער ים שפּילט אין ליכט און אין גרוי,
דער האָריזאָנט ווייס ווי שניי,
שיפן גליטשן זיך אויף גלאָז.
כמאַרעס רויטלען די צורה,
די זון איז ווייס,
שליידערט בונטן רויט אין מערב־זייט.

דאָס ליכט איז מאַט.
שפּילט.
וואָלקן ווערן אומרואיג,
שטויסן זיך אָן,
ערטערווייז בלוי...

א ניט אנטשלאָסנקייט איבערן מאָרגן.
שטראַלן שפּאַלטן די כמאַרעס.
א ווייסער בליסק
וואַקסט,
די מעכטיגע זון
ווידער באַדעקט.

# פאַרטאָג אין פאָרשטאָט

א גרויע דעמערונג האָט טיף זיך פאַרצויגן,
ביז ווייט אין ווייסן פרימאָרגן...
פילט זיך דער מאָרגן קיל ווען ס'דעמערט,
שווייגט און וואַרט,
דערווײַלע פאַרבאָרגן.

ראָסע און רעגן באַפייכטן די לופט,
ים און הימל פראַווען פאַרטאָג,
דער אַספאַלט צוגלאַנצט, לוסטערט דעם הימל,
גוס אין גרוי און עלפנביין־שימער.

געשעפטיגע מענטשן צורייסן די שטילקייט,
חיות און פייגל — יעדע גאָטס קרעאַטור
קוקן דערשטוינטע, זוכן פאַרשלאָפן
חיונה און ליבע...
פלויטן ווערן פאַריכט.
יעדער צוים א מחיצה.
מילך־וועגן פאָרן אין מעסיגן טראַב,
קינדער וויינען אויפן קול,
אַנדערע קולות פון ווייטן...

— — — — — — — — — — — — — —

דער מאָרגן דערווײַלע
האָט זיך איינגעבעט אין טאָג.

## מאָרגן בײַם ברעג.

דער ים ליגט גלאַט און שטיל
און בלוי.
טרינקט טיף דאָס הימלס־ליכט,
שטראַלט עס פֿאַרזונקען צוריק.

א בריזע איבערן ים,
גלעט נאָר זיין הויט,
דער מאָרגן גליט רויט
שוין גאָר אין דער פֿרי.

באָדט זיך דער ים,
אין זון און אין גרין
און אין בלוי...
ווערט פֿאַמעליך פֿאַרצויבערט,
פֿון זון און פֿון גרין
און פֿון בלוי פֿון רוים.

פֿון רגע צו רגע
וואַקסט אויף א קלאַנג,
קלינגט רייף און רויט.
גרויסער טאָג אין גאַנג...

## פרעמד היינט די זון...

פרעמד היינט די זון,
און בייט אַלץ די קאָלירן,
אַליין איז זי בלענדנדיג ווייס.

דער הימל פאַרשטעלט,
שפּינט איין דעם מאָרגן,
דעקט איין אים ביז צו די פּיס.

א ווינט זוכט זיך וועגן,
באַזעצט זיך אין צווייגן,
הויכט אין די בלעטער א ליד.

הערט זיך רוישן
מאַט און אַן קלאַנג.

— — — — — — — —

וואו זינגט אונזער רוישן
היינט אין דער פרי...?

# מאטער מאָרגן.

מעש און קופּער געטאָפּעט
גיסט זיך אין שווערע וואָלומען,
אין אַרומיגע פענצטער,
גליען זיי רויט.

דער ים בויט אַ וואַנט
פון פייכטקייט און פילץ,
לאָזט זיך אַ שווערקייט
אַראָפּ אויפן ברעג.

די זון ערגיץ טיף,
צושטויביגט וואַקסערנע ליכט,
ליגט איבערן מאָרגן
און פּרעסט.

## נעפּליגער מאָרגן.

א ווייסער מאָרגן.
פייכט.
דער הימל אין שטיקער,
צויטן און ריסן
דערלאנגען הייזער־קאָלאָסן,
וואָס גלאָצן אוים שטיין,
אנטשטעלט...

ניט צוצונדן קיין ליכטער
פאַר א בלאָס־גרויעם טאָג,
נעפּל שיטן שטויבגרויען טוי,
וואָס פאַלט אין דער ברייט...

## דער מאָרגן האָט אַלע וואונדער פאַרשלאָסן...

דער מאָרגן האָט אַלע וואונדער פאַרשלאָסן,
פאַרוויקלט אין גרויע, זיידענע דעקן...
דער הימל וועבט זיידנס, לייכט אויבן־אויף,
שעפעלעך שווימען אין שלייערס פאַרהילטע,
בוישן און קנוילן וויקלען זיך אויף...

די זון אַפילו איז אויכעט פאַרוועבט,
נאָר מ'פילט בחוש זי איז נאָנט,
דער ים האָט זיך ווידער מיט הימל באַדעקט,
רוישן זיי סודות אין טיפקייט פון גרונט...

נאָר פייגעלעך פאַרליבטע,
קענען זיך ניט האַלטן,
זינגען שיר השירים
אַריין אין מאָרגן־טוי,
זיינען אָפן מגלה
וואָס ס'שפּילט טיף פאַרבאָרגן,
טריב און פאַרלאַנגען,
און זינען און זאָרגן...

## דער מאָרגען ביים ברעג...

דער מאָרגן ביים ברעג
אין לייכטע סאַנדאַלן,
באָדט אויס די גלידער
אין זילבער וואָס פליסט.

פליט איבער וועלן
פון וואַסער און שאַלן
איבער כוואַליעס פון זאַמד,
מיט אַ ווייס־גרויען שטראַנד...

דער יונגער גוף
פון בלוי־צאַרטן מאָרגן
לייכט עלפּערן־איידל און ליכט,
גלידער געגלעט פון אַ זיד־ווינט
וואָס גליט,
קוקט ער פאַרחידושט, פאַרטיפט...

ליניעס געטאָקטע
פון בלאַס־גרינע פלוטן
פונקען צושטויביגט קרישטאָל,
שטראַלן פאַרגאָלדן
גאָט־גלייכע גלידער,
וואָס וואַקסן,
דערלאַנגען די זון...

אַ לייכטע בריזע
וויקלט פאַרליבט זיך
אַרום שוועבנדע שריט
פון מאָרגן אין מאַי,
שפּינט אויס אַ מאַנטל
פון ראָסע און זילבער,
וואַרפט אים פאַרכישופט
אַרום מאָרגן אין מאַי...

## ווינטער־מאָרגן ביים לייק.

דער טאָג איז צוזונגען אויפן הויכן קול,
דער לייק האָט צומאָרגנס פּרעלודיעס געשפּילט,
קלאַנגען געטעמפּט,
טעמפּאָ פאַרהאַלטן,
ריטם געראָנען,
אין כּישוף דערטראַנקען.

האַרב־גרינע כוואַליעס
קומען פון ווייטן,
טאַנצן אין רייפן
אַ געשלאָסענעם ראָד.
אייז־בראָקן גלאַנצן,
ווייס־בלויע קינדער פון אייזבערג וואָס בלאָנדזשען,
האַלטן זיך אינאיינעם
ציען אַ סטענגע אינמיטן דעם לייק.

זינגט העלער דער טאָג,
צוואַויגן זיך כוואַליעס
און פלעכטן פאַרפירטע
אַ רינגראָד פון פלאַמען,
לייק אירי דערשיטערט,
דער טאָג איז פאַרשכורט,
זינגט זילבערן גלאָקיג
זיין הילעכיג ליד...

# אַ ליכטיגער טאָג.

אַ טאָג וואָס האָט אַלץ איינגעזאַפּט,
ליכט און לעבן,
פאַרלאַנג און דערפילונג...
און באַגערן און בענקשאַפט...
דער קאָפּ איז דערהויבן
און לייכט...

לאָקן צושיטן גילדערנע שטראַלן,
אינמיטן גאַס און אין טײַך,
יעדער בליסק טרעפט גלייך אין האַרץ,
זוכט און טרעפט, און גאַרט...

מאַט־מידע אויגן,
און אַזעלכע פול ליכט,
פאַרשאָטנטע שטערנס
און ליפּן וואָס בליען,
און ציינער אויסגעשאָטן ווי פּערל...

— — — — — — — — — — —

אומעט און צער
פאַרטריפן זייער שיינקייט
אין טונקעלע ווינקלען
און וואַרטן אַליין...

## אַ גרויער טאָג.

דער טאָג קוקט בלאָם און גרוי
אין שויב אריין,
בלאָם און גרוי
דער גרום פון ים...
כוואַליעם רוישן טויב...

דער טאָג איז קאַלט,
האַלט וואך ביים ים...
און פאָלגט אים סתם
און שטיל
און אָן אַ ציל...

נעפּל פאַלן,
שיטן רעגן פון צולאָזענע האָר...
רירן ניט דעם ים,
וואָס גיסט זיך אומבאַרירט...
אכזריות הארטע קווילט,
און פרירט...

אַ ווייכער ווינט,
ניט אַ ציטער...
פון ערגיץ־וואו שיקט ליכט אַ שימער...
אַ מאַטער גרום רייסט זיך
דורך טעמפּער נויט.

— — — — — — — — — —

דער ים איז אומבאַוועגליך.
אומבאַוועגט.

## פארבן פארנאכט...

ערשטע ווערלורן
צואוויקלט די נאכט,
הויבט אָן מיט העלע נואַנסן
בלאסע בלוי מיט זילבערשטרייפן,
רויזן־רויט מיט גאָלדענע זוימען,
לילאַ!
לאַווענדל, גאָלדן־ברוין
וואָס גייט איבער טרעפּן,
צו טיפן, האָלצערן ברוין.

פּלוצים גאָלד! און רויט!
פייערדיק רויט צוגיסט זיך
און ברויזט,
גליט אַריבער אַלע קאָלירן.
דער הימל ברענט...!

ציען זיך פלאַמען
צו אַנדערע הימלען,
זינקען אַלץ טיפער,
גיסן זיך, שווימען,
געווינען וואָלומען,
לאָזן זיך פאַלן,
באַרירן דעם ים.

טרינקען פאַרבן,
טריפן.
ווערן זאַט און שווער,
טונקל־רויט!
וויאָלעט.
ווייכער סאַמעט,
בלוי
וואַקסט אין שוואַרץ,
קלינגט אויס...
נאַכט.

## זון-אונטערגאַנג ביים ים.

אין מעריב-זייט
צינדט דער ים
אַ פייער פון גאָלדן בורשטין.
גליען פלאַמען גאָלדן געל
אַרום בלויען ראַנד
פון טאָג.
פאַרווייען...

טיפע רו
הילט איין דעם טאָג,
וואָס בייגט דעם קאָפּ,
פאַרגייט...

אַ בלאַסער שימער
הענגט אין לופט,
גייט אַקעגן
אַ פריער נאַכט,
פאַרזינקט...

# זון־אונטערגאנג.

קופער גיסט זיך אין פלוטן
אין ווייכן בעט פונ׳ם ים,
דער בלאַסער בלוי אויבן אין רוים
הילט זיך איין אין זיידענעם שוים.

פלאַמען אין ראָז און גרוי,
א שימער וויאָלעט,
ראַנדן אלע פון גאָלד,
כמאַרעס גרויע,
געטונקען אין רויטע וועלורן.

דער ים מילך־מאַטע רו,
צינדט זיך ערטערווייז,
צינדט ליכטער וואָס שפאַנען
מיט אָפשטאַנד
איבער טרעפּן פון זיין רוקן.

טיפע רו דעקט איין און טעמפּט
ליכט און פלאַמען.
בלעטער רוען,
און כוואַליעס.
געלע דאַליעס בליצן שפּיציג אין ליכט.

הימלען ברענען,
דער ים שטייט אין פלאַמען,
די נאַכט אונטער טויערן,
ווייכע פוס־זוילן באַטרעטן א שוועל.
דער ברעג ווערט טונקעלער,
פאַרבן און פלאַמען טיפער...

## די זון גייט אונטער

אַ כאַאָס ברענט איבער אונזערע קעפּ!
רויטע פלאַמען רייסן זיך אין שטיקער,
פלאַכיענדע שייטער
פאַלן ווי צונדער,
צינדן דעם ים.

כוואַליעס לויפן, רויטע פאַזשאַרן
אין אָפענעם חלל אריין,
די ערד גליט,
בעת רחמים ביים הימל.
כאַפּן זיך אונטער אַנדערע ליכטער,
געלע ווי וואַקס.

רייסן שאָטנס פאַרריגעלטע טויערן,
בעטן, באַשווערן די נאַכט,
וואָס שווייגט פאַרטראַכט,
הייסט וואַרטן...

# איין סוד נאָר וויל ניט פאַרגליען

שווערע שטראָמען פליסעדיג גאָלד,
גיסן זיך, גיסן אריין אין דער נאַכט,
דער הימל גליט,
פייערן בלענדן,
צינדן אין פלאַמען
הימל און ערד...

טיפן און טונקל
קומען פון וויטן,
אַ טאָן וויאָלעט
שימערט אין מיסטיש פאַרגליען.

רויטע פאָזשארן
פאַרגיסן הימלישע בלויען,
אין איינצעלנע ווינקלען
סערפעס, סאַפירן,
אַלע אין גינגאָלד
געהויפט אויף אַ באַרג.

וואָלקן קומען
אין מאַנטלען גרויע,
פאַרדעקן מיסטעריעס
אין פליען,
איין סוד נאָר וויל ניט פאַרגליען...
גליט רויט... און גליט גאָלד...

## ס'ווערט נאַכט...

שפּינט זיך בלויקייט,
ציט זיך בלאַסע,
שטיל און ווייט.
טעמפּאָ ווערט לעגאַטאָ,
קלאַנגען, פייערליך לאַנגע.
רעש פאַררוישט,
די גאַס ווערט שטיל.

ווערן שפּיצן שאַרפע איינגעטעמפּט,
ניט צו רייסן דין געוועב,
וואָס וועבט זיך אום אויף הויכע ווענט,
אַרום הייזער גרויע,
קוימענס רויטע,
וואָס ענטפערן אַלע —
שווייגן...

לייכטן גליט אין בלוי.
פון היילן פאַרבאָרגן,
פון ווינקלען פאַרוואונשן,
קריכן אַפיר,
שטיל אָן אַ שאָרך,
טיכער פון טונקל,
פלאַכטעס פון חושך,
פינצטערע קנוילן,
וואָס פלעכטן זיך איין
אין בלאַסער בלוי,
ווערט טונקעלער בלוי,
געדיכטער און טיפער.

— — — — — — — — — — — —

שוואַרצער סאַמעט פון נאַכט...

## אַ לבנה אין גאָלד...

די לבנה האָט היינט פּלוצים
פאַרגאָלדעט איר זילבערנעם בלוי,
לייכט בלאָס־גאָלדן איבער דער נאַכט,
איז די נאַכט ניט געוואוינט צו גאָלדענעם טוי,
שלייערן זיך, בלענדן נאַכטיגע אויגן,
בליקן אַזור'נע פּופּילן דורך פּריזמאַטן
פון גאָלדן בורשטין...

איז גראָד היינט די לבנה
פאַרגאָסן פון חסד,
שטראַלט אים ווייט
איבער הימל און ערד,
איבער פּרעריעס און וועלדער,
איבער דזשונגלען און פעלדער,
איבער יעדער קרעאַטור
באַהעפט מיט איר ליכט...

זיינען ימים פאַרגאָסן
מיט בלאָס־בלויעם גאָלד,
זיינען איינזאַמע שיפן
מיט ווייסע האַרטע קאָנטורן,
מילדער באַלויכטן,
באַשאָטן מיט נאַכטיגן חסד
פון אַ לבנה אין בלאָס־גאָלד אין מאַי...

# ערגיץ קלינגען גלאָקן

ערגיץ קלינגען גלאָקן,
ערגיץ רוישן וועלדער,
רוישן פעלדער,
כוואַליעס רוישן,
אויף אַלע ראַנדן גליִען פאַרבן,
רויט, וויאָלעט און בלאַסע בלוי,
גאָלדן בליסקען, שטאַרבן.

פון ווינקלען ווינקען שאָטנס,
פון ווייטן ווימערט פינצטערניש,
פליגלען וויִען,
די נאַכט איז נאָענט.

אַ שטערן גייט איר אַקעגן,
פינקט איר ליכט אין די אויגן,
וועבט זי טונקעלע שלייערס,
הילט איר ווייכן גוף,
ציִען זיך שלעפן טויזנט אַרשינען,
נאַכטיגע שלייערס וויִען אין לופט...

# די נאכט איז געגאָסן
# פון ליכט...

אַ נאַכט איז געגאָסן
פון ליכט,
אָפּגעדעקט ליניעס
באַהאַלטן דיסקרעטע,
אברים אַלע פאַרוועבטע אין ליכט.

אַ גאָלדענער סערפּ,
אַ גאָלדענער גירטל,
געפּאַסט אַרום היפּטן,
באַרוישטע און שלאַנקע,
פון אַ נאַכט,
געגאָסן אין ליכט...

## געשפענסטער

זילבערן קוואַלן היינט ביי נאַכט,
קלינגען ווייסע זילבערגלאָקן,
רופן, רוישן אין דער נאַכט,
וואַקסן שאָטנס ווייטע וועגן,
ציען צויבער היינט ביי נאַכט...

שרעקן מראות היינט ביי נאַכט,
פייער־אויגן, בלישטשען ציינער,
שלאַנגען גרינען היינט ביי נאַכט,
קרומען גליטשיג־גלאַטע רוקנס,
ווייסטע וואונדער פון דער נאַכט...

קומען רייטער, בלאַנקע שאַבליעס
שלייפן שאַרף אַ גאַנצע נאַכט,
בלויע פלאַמען פלימערן, זוכן,
ניטאָ קיין וועגן היינט ביי נאַכט,

בייזע ווינטן לעשן פלאַמען,
בלינדער חושך היינט ביי נאַכט...

# געצייטן

# פרילינג־באגינען...

שליאכעס און רחבות אין ווייטקייט אין ווייס,
אנטבלעטערטע בוימער, פארטרוקנט געשטרויך,
מאשן און נעצן
פארפלאנטעט און צעאיג,
א דינער געפלעכט
פון פיין פיליגראן.

שטיפעריש ליכט
גלאנצט און פילטרירט
דורך זילבערנע מאשן
פון פיין פיליגראן...

פריינדליכע הייזער,
קאפריזנע צוואווארפן,
איינגעטונקען אין ליכט.
גלאנצן די שויבן
פרייליך און שטוינען
פון נסים און וואונדער,
גאנץ אומגעריכט...

וועגן, שאסייען,
פארמאטערט פון פלאכקייט
ציען זיך, שטייגן
אויף העכערע בערג,
און בערג לייכטן בלוילין
און ציען פון ווייטן
אי וועגן וואס בענקען,
אי פארוויקעלטע שטעגן,
פלאטערנדיגע ווינטן
און פארגליווערטן פראסט.

# משנה עתים.

א טיף־בלויער ים אָפן און בלאַנק,
גיט זיין הסכמה צו ברעכן די קייט,
רינגען צו לייזן, פאַנאַנדער צו לאָזן
אַן ענדלאָזע שורה פון בלוט־יונגע טעג...

קומען כוואַליעס אין בלוי־גרינע טאָגאַס
מיט שוימיגע קרוינען, פונקען־צעשטויביגט
גייען אַלע אַקעגן אַ יונגן פרילינג,
פאַרשייטע רייטן אויף פליגלען פון ווינט.

און שטראַלן שיטן דאָס עכטעסטע גינגאָלד
אין אַלע ווינקלען פון צובענקטער ערד,
אין דער לופט גליען פליטער פון גאָלדשטויב און
עטער
כישוף געוועבטער און ווייסע זייד...

שטויב־ווייכע וואָלקן קומען צופליען,
זיסע שליחים פון ווילדן ים,
דער הימל באַגעגענט געסט באַחנ׳טע,
פלאַנצט זיי אַריין אין בלאָס־יונגן שיין.

און פאַרנומען איז פלאָרא
שיט גאָלד־רעגן, אירים, מאַגנאָליעס און פלידער,
הויכצאַרטן קראָקוס און טולפּן, היאַצינטן
און ווייסע אַקאַציעס, און פּרימעלעך, פּיילעכער,
און ריחות קאָלירן,
שכרות און צויבער פון גאָר דער וועלט...

גאָר די צייט איז עקזאַקט,
וואָרנט, האַלט איין,
דערפילט פאַרגאַפט
ווי אורגעוואַלטן
קומען פאַרפלייצן
קומען צואוואַרפן
קאָנקרעטע, קאָרעקטע קרייזן...

## פרילינג קומט

ערגיץ נאָנט אַ באַרג פאַראַן,
וואָס קוקט פאַרטראַכט צום טאָל,
דאָרט איז פרישער שניי געפאַלן
און ווייס־בלוי בליי־קרישטאָל.

קומט פון דאָרט אַ האַרבער הויך,
שאַרף און זיס ווי יונגער וויין,
פאַלן אַלע ווי באַרוישט,
באַקראַנצן זיך מיט גאָלדן־שיין.

שפינען צויבער איבערנאַכט,
קנאָספן שיטן זיך אין שפּאַן,
מיידליש־צאַרטע גרינען
הענגען פון די קרוינען.

בליטן שיטן זיך פון צווייגן,
גרעזער וויגן זיך אין ווינט,
רוישן קלינגט פאַרשעמט ווי שווייגן,
שווייגן רוישט פאַרשייט...

פון באַרג שוועבט שטיל
אַ ווייסער גרוס,
שאַרף און קיל
און זיס ווי בלוט...

## פרילינג אויפ׳ן שוועל.

שטיינער פיבערן,
בערג שטייען הויל,
די ערד זיצט פארשלייערט
אין חדר מיוחד
און ווארט...

דער ווינט שווער באלאדן
מיט צידה לדרך
שטייט אויפ׳ן שפרונג
ביי זיין גלעזערנער וויג,
לאזט זיך אין וועג...

טעג וואקסן אונטער,
ווערן אלץ גרעסער,
ציילן די שעה׳ן,
פארזוימען די ראנדן
מיט ליכט...

שימערט דער הימל
בלויע דערווארטונג,
בייגט זיך, און רייצט זיך,
פלימערט א שטערן,
און שווייגט...

די זון קומט אלץ נענטער
ווייזט גאלדן איר פנים
טרייבט אונטער זיך גרייטן
און גארט...

## די ערד וואַרט...

אַ וואַרטן און וואַכן איז איבער דער ערד,
אַן אָפן פאַרלאַנגען אין צובענקטן רוים,
אַן אָטעם פול גליען אין יעטוועדן הויך,
אַ ליבע־באַגערן אין יעטוועדן טאָן...

טויזנט פייערן אין איין־איינציגן רויט,
טויזנטער פלאַמען אין איין־איינציגער גלוט,
דער הימל פון טויזנטער וואונדער דערהעלט,
די ערד האָט פאַרשטאַנען,
וואַרט און איז גרייט...

# פרילינג ביים טויער...

גייסטער און געטער,
דערוואכטע דעמאָנען
וועבן און וועקן
וואקסטום און בליען,
נעסטן און נעצן,
צעלטן, פּאַלאַצן
טעמפּלען פון ליכט און פון גרין.

צוגליטע זונען,
צובליטע פאַרלאַנגען,
גייסטערן, רוישן אין רוים,
אָפענע אָרגיעס, פאַנטאַסטיש געקרייצט,
פון קרעאַטור און פון עלעמענט,
קרעאירן, באַשאַפן זיסע קאַפּריזן,
זיסעסטע וואונדער איבער דער וועלט...

מיליאָנען ווייסע חברה
שפּיצן קאַרמאַזין־רויטע ליפּן,
סוויסטשען און פייפן,
פאַרפירן פאַרשייטע קאַראַהאָדן,
באַקכאַנטישע טענץ, ביי אַלע טויערן,
אין אַלע ווינקלען פון וועלט...

# ווען איז ערשטער טוי געפאלן....

ווען איז ערשטער טוי געפאלן?
ווער האָט טראָפּנס אָנגעצונדן
און אויף וואקסן אויסגעהענגט...?
וואָס שפּילן די קאָלירן
ווי מעגליכקייט אין ווערן?
ווער שלייכט זיך אונטערוועגס
דורך הויך־יונגן וואלד
און ווארפט זיך אויף גניעג,
ווען ס'בלויט אין פרי־באַגינען
ערשטער פרילינג־קלאַנג?..

# רעגן

דער הימל איינגעוועבט
אין מאטער גרויער וואָל,
פון פאַרן גיסן פאַסן,
פאַטשן הוילע גלעזערנע נאַסן,
טראָפּן פלאַך
אויף יונגן וואוקס...

טריבן טרייבן
אין די גאַסן,
עפּל צוויטן,
רויטע בליטן
ראָזע איז געבורט...
אַ געראַנגל און געראַטן,
צוזאָג און מקוים ווערן,
ווערן!
יונגער וואוקס!

העקן גרינען,
קוסטן זוימען איין די וועגן,
לאָנקעס האַלטן ווייט...
רייפע קאַניטשינע
האַלט שוין ביי דערפּילונג,
וואַרט אויף ערשטן שניט...

## פרי־פרילינג.

א שימער פון מאט־גאָלד
ציט איבער די הייזער,
פארלאָזענע ביימער,
און טיף־ברוינער ערד.

ס'הערט זיך א ווארטן,
א זוכן און קומען,
א נייע גאולה,
אן אָטמען באפרייט.

א בלוט־יונגער פרילינג
נעמט איבער דעם צעפטער,
די שטאָלצע שליחות,
צו בויען א וועלט.

דער בלוט־יונגער פרילינג,
האָט צארט־שלאנקע גלידער,
עלאסטיש געשפאנט,
צעאיג געהאמערט,
פון הארטן גראניט...

זיין ברוסט טראָגט א פאנצער
פון טויזנט קאָלירן,
צושיטע אין טייכן
איבער דער וועלט,
די קרוין אויף זיין שטערן
פון איידעלסטע שטיינער,
דער בלויעסטער גלעטשער
לייט דאָרטן זיין בלוי...

## מאָרגן־דערוואַכן.

א מאַט־גרויער מאָרגן,
פאַרבן באַדעקט,
מאַכט בלויע הבטחות
דעם ליכטיגן טאָג.
די ערד א געגרייטע
איז מקבל באהבה
ליבע מתנות
פון מאָרגן — פון טאָג.

פאַרטרוקנט געשטרויך,
שטעכיג פאַרוואָרלייזט
שטרעקט אוים אַלע שטענגלען,
קרויזט אויף אַלע בלעטער,
גלידערלעך ווערן פון ריטם באַזעלט,
און ערד־ברוינע בוימער
מיט יונגן געצווייג
גאַרן, געבערן אויף יעטוועדן שטעג...

און פויל־גרינע גראָז
זאַפּט איין אַלע זאַפטן,
פילטער געהיימע ווירקן פאַרבאָרגן,
שטרעקן זיך גלידער,
גלייכן זיך גרעזער,
אָדערלעך שוועלן,
זוכן די זון...

## אלע גרינען ניי געבוירן

אַלע גרינען ניי געבוירן,
אַלע רופן,
אַלע גרינען גלעטן אויגן,
אַלע זוכן.
ניי לעבן האַלט אין ווערן,
בליטן־שטויב באַהאַנגען,
פּירות בליען בלאַס־ראָז צאַרטקייט
קאַרשן קנאָספּן, גלוט־געפאַנגען.
נעלע לייבן־ציינער
לאַכן אין די גרעזער,
פּוצן זיך אין ראָסע־פּערל
צושיט אַרום די הייזער...

# נעפּל.

נעפּל בלאָנדזשען,
ווייסע קלומפּן לייזן זיך,
גייען אַקעגן,
בייגן זיך,
פאַלן טיף
און שטייגן...

וואַקסט אַ וואַלד!
ווייסע שאָטנס וויקלען זיך,
שטויסן זיך און מערן זיך,
פאַלן דעקן צו דער ערד...

ווייסער וואַלד וואַקסט אויס פון ים,
וויגט זיך איבער וואַסער־פלוטן,
שפּרייט זיך איבער ליכט,
וויקלט איין די קלאַנגען,
טעמפּ־געדיכט...

## פארבן ווערן געבוירן...

עטער־בלוי און בלויער זאפט
גיסט זיך אין טייכן איבער דער וועלט,
ערד - און אייל־גרין, ברוין שאטירט,
כאוועז, באזירן
בויען קאלירן אין ווערן.

פאנטאמען, כימערן אנטשוועבן פון טיפן,
פון טיפן פון אייל־גרין און ברוין,
ווערן צושטויביגט,
אנטפליען אין ספערן
פון עטערס און זאפטן אין בלוי...

וויזיעס און מראות געפאסט אין פיגורן
באגעגענען קאלירן אויף האלבן וועג,
באהעפטן זיך אין גליען,
פארגיסן אין בליען
א בלויע וועלט.

# טונקלע טרילער ציטערן...

טונקלע טרילער ציטערן,
פארהאלטן פון די צווייגן,
ענטפערט עס פון הימל־הויך
מיט א טיפבלוי שווייגן...

קלאנגען קומען איינציגווייז
פון פארלוירענע ווייטן,
עפענט זיך א לאנגער שפאלט,
בלויט נאך טיפער פון א וואלד,

וועגן לויפן אויף א טראקט
נאך אנדערע מאטיוון,
דרכים פירן אויף א שליאך
מיט אנדערע קאלירן...

# פרילינגס־מאָרגן.

דער ווינד שפּילט זיך
אין באַשווינגטער יונגקייט,
ווי אין לאָקיגע קעפּ
פון גאָלדענער בלאָנדקייט....

שפּרייטן זיך בלעטער ווייך סענזיבל,
אָפענע מיילער, פּייכטרויטע ליפּן,
לאַשטשען זיך, טוליען יונג און פאַרשעמט...
די זון דערמוטיגט יונגן געצווייג,
וואָס שטרעקט זיך אין הייסע באַגער צום ליכט...

קשאַקעס און קוסטן, שטעכיגע בושן
מילדערן שאַרסטקע, קאָריגע שטריכן,
פאַרגלעטן, באַחנ'ען צופּלאַקערטע פּנימער,
פּלאַנצן זיך אויף אינמיטן פון וועג...

און צוויט, ווי ווייסער געפּאַלענער שניי
און געלער און רויטער מיט אַלע ניואַנסן,
בלויער, וויאָלעטער, פּאַרוואָגעלטער, ווילדער
בליען און גליען, צוקושטע פון ווינט.

און אירים, פּיוואָניעס
טולפּן, געראַניעס
און מאַי־גלעקלעך, גאָלד־לאַק
גאָלד־שיינדעלעך, פּלידער
גאָלד־רעגן, היאַצינטן
און אַלע זיסע צויבער
געבאָוועטע און ווילדע,
פאַרשכורן, פאַרפּירן
אין ווייטעסטער ווייטקייט,
צו געשלאָסענע טויערן,
צום פאַרבאָרגענסטן איך...

# פרילינג־טעג.

יעדער טאָג רויט רענדל־גאָלד,
יעדע נאַכט א חלום אין בלוי,
א הימל אין צניעות
שיט כלה־מתנות,
גלוט־רויטע ליבשאַפט
געוועלטיגט די וועלט.

דער פרילינג פארכישופט
אין זיסער שליחות
נעמט אַלעמען צערטליך ארום,
סיי בוימער, ביי פלאַנצן,
סיי מאַט־גרויע הייזער
צום צערטליכסטן די קרעאַטור...

לייכט אויף א שיינען
אויף אַלעמענס צורה,
בענקען און גליען
דערשיטערט די וועלט...

## פרילינגס־אקאָרדן.

פאַרבן!
ס׳געוועלטיגן פאַרבן.
גרין אויף אַ לייטער פון טויזנטער טרעפּ,
ניואַנסן פון צאַרט־גרין ביז ברוין,
מאַט־גרין און זאַפט־גרין,
ים־גרין און גיפט־גרין,
לאָרבער און אייל־גרין,
ראַפינירטע שטופן,
סובטילע ניואַנסן
גלעטן, היילן, באַרוישן,
רייצן דורשטיגע אויגן.

קלאַנגען!
ס׳געוועלטיגן קלאַנגען,
סקאַלעס אויף סקאַלעס, נאָך גאָרניט געפּאַסט,
מינים אויף מינים, נאָך גאָרניט סאָנדירט,
אָרגל־ברויזן אין וואַוכטן פון ים,
צאַרט געצוויטשער פון קיילעם זיסע,
פייגעלעך פאַרליבטע באַזעסן פון טריב...
רוישן פון ווינטן
אין קאַפּריטשיאָס, פוריאָזאָס
רעבעלן צוואויגטע, צוואוויעט אין רוים...

און גלוטן!
ס׳געוועלטיגן גלוטן!
פלאַקערן פייערן אין הייסע באַגערן,
פלאַמען אין רויט, פאַרגיסן די ספערן,
אַסטאַרטעס שפּרייזט, צולאָזענע האָר,
זייעט ציטערן און צאַרטקייט
און גרימיגע גרויזן
אין אַלע פלוטן פון איר גלוט־עלעמענט...

# פרילינג אין שטאָט.

בריימע גאַסן,
קאָרעקט געשניטן,
גלאַט געגאָסענער שוואַרצער אַספאַלט.
שאָסייען און שטראָזן, ווירעס געשטרעקטע,
פאַר ליניעס און באַנען טראַקטן געגרייטע,
פאַר האַרטע געבאָטן פון טאָג...

וואַנדערן אויף וועגן אַנדערע וואַנדערער,
שיטן שנויים איבער ניכטערנער נויט,
איבער צוועקן פּרעציזע, געאָמעטריש געמאָסטן,
אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען, סימעטריש עקזאַקט.

ווערט פאַרחלום'ט אַספאַלט, נאָכגיביק צעמענט,
טרוקן געהאָלץ שפּראָצט בלאַטווערק און גרין,
קאָלאָנען, געשטיין,
פאַרלאָזן היילן פון שלאָף,
דערוואַכן צו לעבן
אין חסד, אין שאָטן
פון פלאָראַס קאַפּריזן....

וויקלען זיך וועגן,
וואַנדלען זיך ווילי̈ג,
אין פאַרכשופטע שטעגן,
אין פאַרצויבערטע טריט,
אין אַרקאַדן, אַלייען,
פון גאָלד און פון גרין....

שפּינען זיך סודות אין גלאַטיגע גראָטן
מיסטעריעס אין ליכט, אין העלמיטן טאָג,
ווערן פשוטע וועגן
פאַרפלאָנטערטע דרכים,
פאַרבאָרגענע ווינקלען
פאַר מיטאָס און גאָט...

# פרילינג ביים ים

פרילינג צו גאַסט
אויף אַ ווילדן פערד,
אַ בלויער מאָרגן ביים ברעג,
פלאָרא פראַוועט ווידערגעבורט,
דער הימל שפּאַנט בויגנס,
און פעבער פאַרקלערט,
די זון האָט געשפּונען אַ גאָלדענעם נעץ
איינגעפלאָכטן די ערד,
די ערד גיסט זאַפטן אין גאָלדן גרין,
ממש פאַרשכּור'ט די ערד.

פאַרצוויבערטע זינגער באַזעסן פון טריב,
זיצן אין יונגן געצווייג,
טענער און ליבע און פליטער פון גאָלד
און קנאָספּן און טרייבן
און ווינטן וואָס וויען,
וויגן זיך אַלע אין זיסן פאַרלאַנג...

און ציען זיך שטאַרקער
און העכער צום הימל,
און ווייִלן אין ספערן
פון קלאַנגען אין רוים,
און אָרגל־ברויזן,
ריטמען קערניג ־ סאָלידע
און פייערליך רוישן פון ים
פאַראַנקערט אין רוישן אין רוים...

## רעגן.

דער הימל האָט זיך הויך פאַרצויגן,
אַ גרויע מחיצה צווישן אים און דער ערד,
אַ מאַט־גרויע כמאַרע גליטשט זיך געבויגן,
אַ טעמפּע אכזריות גלאָצט אינדיפערענט.
אַ שטויב־פּיינע פייכטקייט פילט אויס דעם רוים
אַ פּיטשנאַסער גלאַנץ פאַרהילט דעם אספאַלט...
פריינדליכע הייזער ווערן פאַרוויינט,
שינדלען און סטריכעס בייגן די קעפּ.
און אַלץ איז באַהאַנגען מיט אומעטיג נאַס
און אַלץ איז דערטראַנקען אין שווערקייט פון נאַס.

נאָר די ערד איז באַהאַרצט,
איז פריש און איז פריי,
טרינקט יעדן טראָפּן,
אין חשובער תמימות,
פּשטות און גרויסקייט
אין יעטוועדן צוג,
און שטרעקט אַלע גלידער,
אַ זיגבילד פון קראַפט
און פילט זיך פאַראייניגט
מיט גאָט — און באַשאַפט....

## זון־אונטערגאנג.

א פייערינגע קויל
אין מילגראמען־רויט,
בלוט־רויט אין בראנדיגן ברען,
מיטן גאנצן פנים
צו טיפברוינער ערד,
צו ברוינער, באַרגיגער ערד...

די זון האָט זיך פייעריג
צוקושט מיט דער ערד,
די ערד האָט זיך
מאכט־פול צוגליט,
א הייסער אָטעם
פון קערניגער ברוסט,
האָט אַלעמענס גלידער באַרירט.

א ווינט־הויך פון זידן
פיעשטשעט און גלעט
אַלעמענס גלידער אין רויש
א וואקסן און ווערן
דערפילט זיך אין רוים
א שפריסן, געבערן
אין יעטוועדער קנאָספּ...

## אַלץ אונטערוועגנס

ס'איז אַלץ אונטערוועגנס,
קולות און ווינטן און ווערן.
און זיך זוכן
און פאַרלירן,
און געפינען.
ס'איז אַ שפּילן מיט באַגערן,
היים און גליסטיק
און פאַרווערן,
ס'לייכטן אומגעאַנטע ליכטער,
ס'ווינקען אומגעאַנטע וואונדער...

# אלע צויבער אין ליכט.

אלע צויבער אין ליכט.
אפילו דער ים,
לייכט עס אין סנאָפּעס צוריק.
אלע צויבער אין ווערק,
אין שפּאַן
מיט ריזן־שריט.

פאַנטאָמען צופירן די הענט
איבער דער וועלט,
מראות האָבן אלע ממשות.
אראבעסקן משונה
און ריינע פאָרמען
אלץ האָט א היים און א הויז...

פארוואונשענע טעמפּלען אינמיטן פון גאַס...
מיר און טויער אָפן
פאַר אלע סודות פון ליכט,
סקאלן און פארבן
מיט זינליכסטע טעמבער,
א קלינגען אין ברויזן,
א רוישן אין קלאַנגען
הארב און שארף,
צארט און שטארק
פארטראָגן אין ווייטקייט,
אין רוים,
פארוויען,
פארוויגן אין טראנס...

# וואַרטן...

א פייכט־קילער מאָרגן ליגט זיך אין שיכטן
אויף וואַקסן און בליען,
די לופט איז סאַמעטן־קיל,
אַ מילד־ווייכע פרישקייט ליגט זיך ווי טויל
אויף אַלע מינים פון גרין...

אַ לייכטער ווינט
שפּיגלט זיך, שפּילט
אין גלאָז־קילער נאַסקייט,
גייט ווייטער — און האָרכט...
אַ שטילע גאַס,
ליגט שטיל און פאַרצויבערט
און וואַרט...

אַ קליינינקע ביימעלע מיט בושיגע בלאַטוועריק,
ממש געבלענדט,
פאַרשוועגדט גאָלדן און צירונג
מיט אייגענע הענט,
שטייט פאַרשעמט,
די פּעכער פאַנאַנדערגעוויקלט,
און וואַרט...

גאַנצע בייטן בלויע קאָסמייען,
אינקאַרנירט די בלויען פון בלויעסטע נעכט,
עפּענען גרייט בליענדע בעכער,
וואַרטן...
ווינד־רויזן! אייגנטאָגס־פּראַכט!
אויף שטעכיגע קוסטן,
האַרט ביים וועג, וואָס אַנטלויפט,
עפּענען אין תאווה צוגליעטע ליפּן.
צוקושטע פון ווינטן,
וואַרטן... וואַרטן...

## גאָלד־שטויב אין מאַי...

גאָלדשטויב פלימערט
אין לופט און אין ליכט,
צושיט זיך גאָלדן אַ שימער,
ליפּעס עפּענען לינדענעם צווייט,
ווייזן פאַרוואונשן לינדן־געבליט,
ליפּעווע ליפּן אין יונגן געצווייג
שלינגען דערהיצטע גאָלדענעם שטויב,
וואָס פלאַטערט אַרום אין די קרוינען.

עמערווייז גיסט זיך גאָלדענער שטויב
אויף חשוב־סעריאָזנע קאַסטאַניעס,
צינדן קאַסטאַניעס אין העלן טאָג ליכט.
בענשן די טעג און די נעכט.

עשן שפּרייטן דריישפּיציגע בלעטער
צו זאַפּן און גיסן גאָלדשטויב אין מאַי,
צווייגן, יונגע באַמוסקלטע אָרעמס
האַלטן געוועבן דריישפּיציגע בלעטער,
צאַרטע געפעסן וואָס שוועבן אין ליכט...

און יונגע דעמבעס, נאָך ווייט פון השגות,
פון עיקר און דאָמב־גבורה
שפּראָצן מיט רויט־גאָלדן גרין,
און סאָסנעס און פיכטן
פאַראָטן מיט בטול
תוך פון אייביגקייטס־גרין,
פאַרהילן זיך האָפעדיג אין נײַ־יונגן גרין.

אַקאַציעס גיסן זיסקייט און זאַפט,
גליציניעס בייטן די בלויען,
און איבער אַלץ און אַלעמען
אַ גאָלדשטויב־געשימער,
אַ פליטער־געפונקל,
אין לופט, אין ליכט און אין רוים....

# דער מאָרגן אין נעצן...

דער מאָרגן פּאַרפּלאָנטעט אין טויזנטער נעצן,
דעקטיכער טויזנט זיינען געגרייט,
טויזנטער גראָזן, גלאַטיגע קילע,
מיט קוועליגע וואַסערן,
ליכטיגע גרינע
זייען און קלערן
די קוועליגע פּלוט,
רוישן באַגערן, וואַרטן אויף גאָט...

טויזנטער אַקערס, טויזנטער לאָנקעס
סאַפּען און דעכען, אָפּן געשפּרייטע,
גאַרן נאָך לוסט.
בלעטריגע וועלדער
אין שאָטנס געהילטע,
חשובע קילע
וואַרפן אַראָפּ שאַלן און טונקל,
זיינען אָפּן מרמז סודות פון תאווה
דעם יונגן צוגליט־פאַרכשופטן טאָג...

און בלומען און בליטן,
עקסטאַטיש צוגליטע
עפענען בעכער וואָס דעקן די ליפּן
רויטע פון גלוט...

איז דער מאָרגן פּאַרפּלאָנטעט
אין טויזנטער נעצן,
דעקטיכער טויזנט זיינען געגרייט...

## אַלע בלעטער קריגן פּייכטע ליפּן...

גועלבליכע כמאַרעס
ווי סטעלניק,
רעגן טריפט,
שמעקט ווי האָניג,
טראָפּנס פּלאַצן,
רונדע שטערנס אויף דער ערד...

דורכזיכטיג קלאָרע
געשליפענע גלאָז...
רעגן־שווערקייט מאַכט אַ וואַרע
רעגן־נאַסקייט שטיפט...

דער ים פּראַוועט יום־טוב,
גלאַנצט אין ליכט,
רעגן־טראָפּן קושן בלעטער,
אַלע קריגן פּייכטע ליפּן...
— — — — — — — — — —
דער אַספּאַלט צויבערט שפּיגלען
אין שוואַרץ...

## דער טאָג איז פֿאַרשיכורט

דער טאָג איז פֿאַרשכורט פון בלויען,
דער ים פֿאַרשפּילט מיט גאָלד און אזור,
כוואַליעס פאַרשייטע,
געבראָכענע קרישטאָלן,
לויפן ארוים פון די בעטן,
פּאַרפּלייצן צולאָזן
אַלע דעם ברעג.

— — — — — — — — — — —

דער ברעג איז געבלענדט.
און געבענשט...

# אינמיטן זומער

א הייסע בריזע איבערן ים
ברענגט פייכטע כוואַליעס הייסע פאַרע,
וואָס באַלאַגערן הימל און ערד.
דער הימל א מאַט־בלויער דעקטוך —
הענגט טיף,
פאַרשטאָקט איבער אונז.
אָן א זכר אויף א שנוי.

דער ים — רואיג, פלעגמאַטיש,
גיסט מילך־אָפּאַלן.
די ערד איז אונטערגעצונדן —
פאַרברענט אירע אינגעווייד,
און אַלע אירע פּירות.

נאַסע, לויע לייליכער פליען אין לופט.
וויקלען זיך ארום מענשליכע גלידער,
ווערן גלידער געפּענטעטע — שווערע....

## תמוז.

א ווייסע גלוט הענגט איבערן נערדליכן ברעג,
פרעסט.
דער ים מילך־מאטער גוס,
בלויע גערונענע גלאָז,
דער הימל
טעמפ,
אין ליכט־געטרענקטע וואָלקן געהילט
בייגט זיך און פאַלט...

די זון שיקט גאָלדענע שטראָמען
דורך דושנע ווייסן פלאָר,
מענטש און קרעאטור עטעמען שווער,
שווייגן...
און אַלע גלידער הענגען געוויכטן.
ציען...

# זומער־נאָכמיטאָג.

דער הימל שיט מאַט־בלוי
איבער דער ערד וואָס גליט,
ס'פּאַלן שלייערס, שאַלן אין ים,
פאַרהילן בוים און בלאַט,
און מענטש און פּלאַנץ,
און הויז...

זיינען מיר וואונדער
מקבל געגרייטע,
הילן זיך הוילע
אין מאַטעווע בלוי,
ציטערן שלייערס
אַרום אונזערע גלידער,
רויטע רויזן
אַרום בלייכע שטערנס
און ליפּן רויטע געוועגדט צו דער זון...

## נעפּל בײַם ברעג..

לאַנגע פּלאַכטעס
פּילציגע נאַסן,
געדיכטע טומאַנעס,
ציען זיך אין פּאַסן,
הויפּן זיך אויף בערג,
בײַם נערדליכן ברעג...

און ווײַט אַוועק
מאָרגן־לײַכטן־שימער,
און ווײַט פאַרוויעט
ליכט און מאָרגן־בלוי,
און בליקן הענגען מאַט
אין גרויעם נעפּל־נאַס,
און אויגן פאַלן צו
אין מאַטן נעפּל־גרוי...

און דער ברעג ליגט פלאַך,
דער ברעג ליגט שטיל,
פון פענטעס שוואַך,
פון פײַכטקייט קיל...
רירט ניט קיין אבר,
רירט ניט קיין גליד,
מיד און פאַרפּלאָנטעט
אין פײַכט־גרויע נעפּלען,
אין ווײַכער מאַסע
גרויע נעפּל־נאַס...

און פאַרבן און קלאַנגען
פאַרשטריקט אין געוועבן,
און כמעט ניט קיין וועג...

## גרוי און באטריבט

דער מאָרגן איז גרויליך באַטריבט,
דער ברעג פּרובט זיך שיילן פון שאָלן,
זינקט לאַנגזאַם פאַרמאַטערט צוריק...
בוימער הילן איין זייער רייפקייט,
דער ים זיין ליכטיג אויג,
אַ שוואַמיגע שווערקייט אויף אַלעמענס צורה,
— גרויליך באַטריבט...
דער הימל הענגט טיף.
איז עס נאָך הימל...?
דאָ און דאָרט אַ געלבליכער שיין,
דער ים שיקט אים הארצלאָז צוריק.

— — — — — — — — — — — — —

גרוי און באַטריבט...

# רעגן.

ווייסע קנוילן
וועבט דער ים,
שלײדערט אַלע זיי אין רוים,
קאַנוועס ווייסע
פּלעכטן זיך,
פֿענטען זיך,
און פּלאָנטען זיך
אין נעצן נעפּל־שוים...

ציען פֿאָרן זיך און רייסן,
שפּאַלט אַ הימל זיך פֿון ווייטן,
צורינט אַ ליכט זיך אונטערוועגס,
צוטיילט אַ רעגן עס
אין פֿאַסן.

קייקלען זיך טראָפּנס
קלאָרע קרישטאָל,
שלינגט זיי דורשטיג די ערד,
פֿאַלן אַנדערע אויף שוואַרצן אַספֿאַלט,
זוכן זיי ערגעץ אַ תּקון...

## געוויטער.

דער ים איז פינצטער, טיף־שווארץ ווי טינט,
דער הימל נידערט אין גרויע גרויזן,
און בליצן נאָך בליצן, פייעריגע שפיזן,
צורייסן די גרוילן, וואָס פאַלן אין שטיקער,
קוילן געצילטע ווי־פייל פון א בויגן,
גרימיגע דונערן, בלענדיגע בליצן,
און פלאַכטעס פון הימל געשליידערט צום גרונט...
קאָכן דערשיטערט די אויבערפלאַך...

פאַרשלאָסענע טריכטערס, עפענען צאַפּנס,
פון גרוי שווארצן גרונט איבער אונז..
גיסן אין פאַסן, פלאַטערנדיגע סטענגעס,
גלאָז־קילע נאַסן, וואָס שטראָמען און פאַטשן,
סיי בלאַט, סיי בוים, סיי בלום,
און וואַלד און גרין,
און פעלד און שטוב און שויב,
און טראַקט, שאָסיי,
און אַלע און אַלץ,
וואָס קומט אקעגן, לויפט פאַרביי,
שטעלט זיך אָפּ,
שטייט.

פאַר א ווײַלע צושטראַלט זיך א ליכט.
פאַרציטערט גרעל אין רוים.
א גרויזאַם הארטע ווייסקייט פליט

ווייט איבער הימל און ים,
אָן אימה פֿאַלט.
הימל און ים געשמאָלצן אין איינס,
פֿאַרשלינגען דעם האָריזאָנט.
נאָך אַלץ פֿאָלגן בליצן, דונערן אָרמאַטן
וואָס ראָלן אין גרים, איבערן גרונט.
פֿאַזשער אין גליען,
צוקן אין רויט
דורך גייסטערהאַפֿט ליכט...

# האגל.

דער הימל שיט שנורן פערל אין גאסן,
וואס פאלן פרעציז
אין לאנגע פאסן
הארט אויף דער ערד.

אלעגרא וויוואטשע אימפראוויזירט.
קורצע פערמאטן,
וואס לויפן און פאלן,
שפרינגען און שפרייטן,
שטרעקן א שניי־דעק איבער דער ערד.

אנדערע פאלן ארוים פונ׳ם ריטם,
טרעפן אויף הארטן געשטיין,
שפאלטן זיך קליינע
אין דינינקע שניטן
אין בלענד־ווייסע טראפנס,
גלעזערנע וואסער־פונקען
ווערן ערגיץ פארזונקען...

## ס׳בייט זיך...

װעלטן גייען אנדערע װעגן,
שטערן און זונען ענדערן מ׳לויף,
אונזער זון גליט רויט צומארגנס,
צינדט אין פלאמען ערד און רוים.

קילע נעכט פון אנונג שװערע,
לייגן שטיל א זאנפטן חותם,
אויף ליכטיג זוניגע טעג,
טעג באפרוכפערט מיט נייעם רושם
נייגן פרי זיך פאר דער נאכט...

ס׳בייט זיך... ס׳בייט זיך...
דער ים האט זיין פנים פארשטעלט...

## האַרבסט קלאַפּט אין טיר...

דאַליעס בליען,
גרויסע, רונדע זונען־בלומען!
רויטע, רונדע זונען־בלעטער,
אין ווייכן סאַמעט איינגעוועבט,
אין ווייכע וועלן איינגעפּרעסט...

אַן ערשטער שפּרונג,
ס'בליצט אַ וואונק,
אַ האַסטיגער פונק
ביי אַ פּלויט.
גאַנצע וועלדער צינדן פייער,
גרינע פעלדער רויט!

דער ווינט גליט!
ראַנקט זיך באַרוישט אַרום מעראַסן,
אַ טייל אַרום פּלויטן אינמיטן די גאַסן.

פּעטוניעס, קאָסמייען
בליען פאַרצווייפלט,
אין רויש פון פאַרגיין,
שווערע זאַפּטיגע פּירות,
רויטלען די באַקן,
און רייפן די פליישן...

רייפקייט אין רויט,
געל און אָראַנזש,
שטרויכן און קוסטן.
פון ווינטן געפלאַנצט
אויף וועגן, אויף שטעגן פאַרוואָגלט,
טראָגן פּירות און נייע זאָמען.

רויטע יאַגדעס, ווילדע ניס
הענגען רייף און האַלטן שריט,
מיט זיין ווילדן ריט
מיטן ערשטן שפּאַן פון האַרבסט
מיטן ערשטן שפּאַן פון האַרבסט.

## אנדערע וואונדער און נייע...

ווינטן קומען, ווינטן קומען
אַלע מיטאַמאָל,
פלאַפערן, פלוידערן פון שנויים
שנויים אָן אַ צאָל...

שלייכן זיך פאַרשייטע אַפיר
פון אונטער גרויע נעפל־דעקן,
זאָגן אויס און וועקן,
דערציילן אָן אַ שיעור...

בייטן זיך צייטן,
שטערן רוקן ווייטער,
שאָטנס ווערן לענגער,
די זון איז אין שפעטע פרימאָרגנס
נאָך אַלץ זייער טיף...

און טעג זיינען נייע,
אַנדערש די הילן,
שאָטנס און שאַלן,
אַנדערש דאָס ליכט,
אַנדערש די בלויקייט
און ראָסעס וואָס פאַלן,
אַנדערע וואונדער און נייע...

## דערוואַרטונג...

דער האַרבסט שטייט גרייט,
אַ קאַפּריז געשפּרייט,
גאָלדן און רויט אויף דער ערד פאַרוויט.
געפּילדער, געיעג אויף יעטוועדן שטעג,
זוכן און וואַרטן אויף יעטוועדן וועג.
פאַר וועמען...?

ווילדער וויין ראַנקט זיך
אין רויטע געבליטן,
גרייט זיך און גליט
אויף יעטוועדן טריט.
פאַר וועמען...?

אין יעדן בלאַט טריפט יעדער בוים
זיין רויטסטע בלוט אין רוים,
פאַר וועמען... ?

קולות רופן, בלאַנדזשען תשובות,
ס'שומעט, רופט פון ערגיץ־וואו,
ווער רופט...?

אומגעזעענע אַקסלען טראָגן פּורפּורנע מאַנטלען
מיט סויבל געברעמט און עפּי,
פאַר וועלכן מלכות...?

שלעפּן לאַנגע וויקלען זיך
אויף מאַרמאָרענע טרעפּן,
רעגן־בויגנס נאַסע
זוימען די טעראַסן,
ווער איז אונטערוועגנס....?

און בשמים און ריחות,
מעטאַלן געשמאָלצן אין גלוט
און דערוואַרטן,
גיסן זיך ווי איילן אין געגרייטע גראַטן,
ווער קומט...?

# פרי־האַרבסט

אַלע בלויען וואַכן,
פאַרטאָגן באַשפּריצטע מיט ראָסע,
פאַרנאַכטן נאַסע,
געטונקען אין ים.

אַלע גאָלדן בליסקען.
צונלאַנצטער שימער,
צולאָזן עמאיל,
אין אַ גילדענעם עמער...

אַלע שאָטנס וואַקסן.
פאַרדאָפּלען אַלץ וואָס פאַראַן.
בוימער און הייזער און פלאַמען
וואַקסן אין צאָל, אין עלאַן,
שאַטירן גאָלדן און בלויען
פאַרטיפן אַלץ וואָס פאַראַן,

אַלע שאָטנס וואַקסן...

## צובערענט א מאָרגן־זון...

צובערענט א מאָרגן־זון ברוין מיינע גלידער,
גליט זי אין יעדן איר קראַפּטיגע גלוט,
שיילן צומאָרגנס זיך אויס אַלע פאַרבן,
זייען קאָלירן בונטקייט אין טאָג...

געדיכטע נעצן, הארבסטיגע שאָטנס,
וועבן נואַנסן אויף יעטוועדן שריט,
א נערדליכער ווינט־שטוים
גלעט הארב יעדן וואונדער,
גליווערט אין פאָרם יעדן קאַפּריז...

# יעדער בוים איז
# פרוכט־באַלאַדן..

יעדער בוים איז פרוכט - באַלאַדן,
זינגען אַלע זאַנגען רייפקייט,
הענגען קעפּ אין שווערער פּראַכט,
פלאַטערליך ברוינע
מיט גאָלדענע שטערן
אויף זייד־ברוינע פליגלען
פראווען, חתונות — מאי
אינמיטן אויגוסט...

# האַרבסט אין פּאַרק.

פּראָספּעקט־פּאַרק קרעאירט קאָמפּאָזיציעס,
פון רויש, פון קלאַנג און בלויער קאָליר,
אינמיטן פון פּאַרק גלאַנצט גלאַטיג אַ שפּיגל,
שפּיגלט געזאַנגען, שיר נאָך שיר...

ווייַנענדיגע ווערבעס נייגן טיף־טרויעריג די קעפּ,
צולאָזן די האָר ביז צו די קנעכל,
ווייַנען דורך די נעכט...
בעריאָזעס און עשן און מעכטיגע דעמבעס
שפּרייטן אויס קלאַנגען פון רויטן בליען,
קאָלירן אין לעצטן פינאַל,
געברענטע אין זאַפט, געגליטע אין זון,
סאַפּען אין לעצטן רויש פון פאַרגליען,
אַ זיסער אָטעם צושפּילט אין ברוסט
פלאַמט אין לעצטן עקסטאַז...

דאַליעס, אַסטערן און לעצטע קאַסמייען,
שטעלן איין זייער גאַנצן לעבן אין קאָן,
בליען און גליען אין פלייִשיגן סאַמעט
גראָד אויף דער שאַרף פון שנויים.

און ווינטן צויבערן טענער פון ווייט
ראַסאַלקעס און נימפן לויפן נאָך נאַקעט,
פאַרכישופטע וויזיעס אין גאָלד־רויט געבלעטער
באַהנ׳טע אין גראַציע און ליבע־געשפּיל...

# א טאָג אין אויגוסט

דער ים איז א מאַטער
פון זוניגע גאָלדן,
שפּאַנט אוים אַלע פּעכער
צו קילן זיין גוף,
שלייערט אין בלויען
גאָלדענע פלוטן,
ווינטיגע פליגלען
דעקן זיי אויף.

דער ים אַליין צוקושטער,
צוגליטער פון זון,
פלעכט פעכער און פליגלען,
צויבערט זיי בונט,
יאָגט גאָלד און קאָליר,
באַזעסן פון לוסט,
הייסט זיי פאַרפּלייצן
א טאָג אין אויגוסט...

# אַ שיף אין זיכט...

מאָרגנס קומען
צוריק־געהאַלטן גרויע,
שטייען לענגער
פאַר דער טיר,
ענג פאַרבונדן מיט דער נאַכט.

אַ רעגן הענגט,
דער האָריזאָנט פאַרשטעלט,
דאָס ליכט דורך אַ זיפּ
לייכט קאַלט — באַטריבט...

דער ברעג ליגט
אומעטיג שטיל
פאַרדריסליך שיילן זיך
פעסטע קאָנטורן.

אַכטער־דעק, דעק,
סירענען שווייגן,
שטומע פיגורן,
אַ שיף אין זיכט....
דער ים בויט אויס
אַ באַרג פון גלאָז,
צוברעכט אים מיט וואוכט
ביים ברעג אַלס אַ גרוס...

# דער ווינט ווייסט...

דער ים איז שאַרסטקע צוגראָבן,
דערשיטערט און מוטנע די טיפֿן,
האַרטע אכזריות אין שטריכן,
ווייכע בלויען צו זוכן...

דער ווינט רייסט
זאַפֿט־גרינע בלעטער
מיט כעס —
ווייל ער ווייס...

— — — — — — — — —

און זאַפֿט רוישט,
און גרין,
ווי וועט בליען
וואָלט זיין אונטערוועגס,
און רייפֿקייט וואָלט ווינקען
פֿון ווייט...
און ס'וואָלטן וועלן
זיך אָפּשטעלן,
אי ליכט, אי צייט...

## דער ים שיקט בערג
## צום ברעג

ס'פליען פליגלען, רוישן, רוישן,
פון! וואנען נעמט זיך רוישן?
וועלדער אלטע, הייליג שטילע,
שיקן פאר זיך טונקעלע שאָטנס

— — — — — — — — — —

פון וואנען נעמט זיך שאָטן?

ס'קערט זיך אָב א זון פון אונז,
ווערט עס נאכט אין אויגן,
נאכט אויף טונקעלער ערד...

— — — — — — — — — —

פון וואנען נעמט זיך נאכט...?

דער ים פילט הארבסט
שיקט בערג צום ברעג

— — — — — — — — — —

פון וואנען נעמט זיך הארבסט...?

# שפעט־זומער.

פון וואנען נעמט זיך מאי
אינמיטן אויגוסט...?
ביימער, בלעטער
פרישע, זאפטיג גרינע,
שטילע קאצן
מיט סטאַפּעס ווייכע
זינגען דורך די נעכט.
פייגעלעך אין פרייע פארטאַנן...
מענטשן זאלבעצווייט
גייען פאַמעליך שפעט א היים
ליבע ווימערט, זיפצט און זינגט.

— — — — — — — — — —

פון וואנען נעמט זיך מאי
אינמיטן אויגוסט...?

# טעג אין אויגוסט.

טעג געוואויגן אין גאָלד,
און בלויען טיפע
ווי טיף אין אָריענט,
און הארב־זים און פריש
די ווינטן פון נאָרד,
און פליגלען צושפּאַנטע
און אַנונג באַשווערט...

פון אזור און פון עטער
געשפינען דאָס ליכט,
און בלוט טונקל־רויט
אין יעדן געוויקס,
און פארבן וואָס רוישן
אַלע אויפן קול...

## האַרבסט־רויש

מיליאָנען ווינדליפּן זוכן באַרוישט
גאָלדנסטע האַרבסטיגע רויט —
פאַרציטערט דאָס בלאַטווערק,
דערשיטערט געצווייג,
וויען, צוואַוויגן זיך,
שיטן זיך אויס,
עטעמען היים
שווערע פאַרפומען אין ליכט,
פאַרהויכן די ליבשאַפט
פון הונדערטער נעכט...

היידן־קרויט ברענט אין וויאָלעטע קאָלירן
איבער פעלדער און סטעפּעס
הונדערטער מייל.
דער ווינד טאַנצט אַ ווילדער
ווּיסטע פיגורן,
דער ים האַלט אים אונטער,
גראָבט טיפער די היילן
און העכער די בערג,
און העל־רויט געטעמפּט
פון טיפע פּורפּורן,
און געלן פאַרבייטן אָראַנזש...

דער ווינט איז געוואַקסן,
פאַרגרעסערט די פּוגן,
שטייט פּלוצים אַ שטורם ביים וואַנט...

# די שליסלען

ס'ברענען פּאַלאַצן אינמיטן וועג
די שליסלען אַלע ביי מיר...
רויטע פלאַמען אין בראַנץ און אין געל,
אַ העלישער פייער אינמיטן וועג.
די שליסלען אַלע ביי מיר...

ריחות און רויך פאַרפולן די לופט
און פאַרן פון ליכט זיינען ענג...
שטאַפּן, מאַטעריע זוכן אַ היים,
די שליסלען ביי מיר אין די הענט...

בראַנדן, פּטירה פאַרן אָנהויב אויפסניי,
די שליסלען אַלע ביי מיר...
פאַרקוילטע פּאַלאַצן, אַ דעקטוך אין גרין —
די שליסלען... די שליסלען...

# פארנאכט אין הארבסט

קילער שטילער פארנאכט,
טאגליכט פאלט,
פון ווייטן גריסט פארטראכט,
אויף זיידן־פליגלען
נאכט...

לאמפן בליצן אויף,
גליען געל א רונדן פונק
ווייך איינגעפאסט
אין בלויען דעמער־רינג...

גרויסע כמארעס
הענגען גרוי און שטאר,
דער ווינט גיט א צייכן,
בלויען הילן — ביזאר,
פאלן ווייך,
גרייכן טיף,
דעקן איין די נאכט...

# שפעט־האַרבסט.

די ים פאַרב פלוימען־בלוי און האַרטע שטאָל,
שאַרף דער האָריזאָנט,
בלויע בערג נידערן צום טאָל,
ווייסע שלאַנגען רינגלען זיך אין פראָנט,
בייסן זיך אין בלויע בערג,
וואָס אַנטלויפן גיפט־געביסן,
שאַרף געלאָדן קעמפט דער ווינט,
באַרעט זיך מיט ים און טיפן,
זונען־שטראַלן שאַרף געשניטן,
ים־געבויטע בערג געביטן...

העכער שטייגט די זון...
בונטן גאָלדן איינס נאָך איינס
טיליגן די ווינטן־שטויסן,
טילדערן גאָלדן האַרבע גרוסן...

פון דערווייט אַ זעגל־פּאַלמער
מאַסטן אויפגעפּלאַנצט
קומט פון צויבערלאַנד —
גייט ווייטער ווי צום טאַנץ...

## ש נ יי

גרוי אַ מחיצה
הויך אין רוים,
אַ נעפּל־מאַסע
וואָלקן־שוים
שיט ווייסע פלאָקן
וואָס פליען צושראָקן,
בלאָנדזשען ווי שטערן,
געפרוירענע טרערן,
ווילד אָנגעטריבן
פון פרעמדן ווילן,
וואָס שטיפט ווי באַזעסן
פון ערנסטע געזעצן
פון שווערקראַפט...
יאָגט שטערן מיריאַדן
וואָס פליען, פאַלן
אין געזעצן פון זיסן קאַפּריז,
האָריזאָנטאַל...

# בענקט זיך שטאַרק
# נאָך ווייסן שניי

בענקט זיך שטאַרק נאָך ווייסן שניי,
נאָך ווייכן, ווייסן שניי...
גרויסע פלאָקן פאַלן שטיל
אָן אויפהער ווייט אין טאָל,
יעדע רונד מיט שפּיצן זעקס,
געהויכטע פון קרישטאָל...

געברענט אמאָל א טיפע וואונד,
געפלאַקערט ווי א ווילדע בלום,
ווי פּיין געוואַקסן בלינד,
און גרוי געווען ווי שרעק,
און טיף געווען ווי צער...

שטיל געפלויגן ווייסער שניי,
ווייך, קיל געפאַלן,
צוגאַנגען שטיל
אויף וואונד און וויי,
געפאַלן שטיל, געפאַלן...

## געפרוירענער טוי...

א פרעמדער צויבער
צושיט זיך אין רוים,
שפּינט אויס אַ נעץ
קרישטאָלענעם טרוים,
ביימער און פלאַנצן
קוסטן, געצווייג
איבערגעצויגן מיט הויכצאַרטן שוים.

געגלייזטע קאַפּריזן פּינקלען אין ליכט.
גליצערן ווי פליטער,
בלישטשען אין שפּריצן
אַ שימער פון כשוף,
אַ ווייסן געזיכט...

דער טאָג רייבט די אויגן,
כמעט ווי פאַרוואונדערט,
— ווערקטאָג איז היינט...
פרעגט אָן ביי דער זון.
די זון פּרובט אַ גלאַנץ טאָן
אויף טראָפּן־בריליאַנטן,
ברעכן זיך שטראַלן,
שפּילן קאָלירן,
שפּינט זיך אַ מעשה'לע אינמיטן דער גאַס...

און ווערקטאָג איז היינט,
אינמיטן דער וואָך.
גאַס קוקט זיך איין
גלויבט ניט אינגאַנצן,
האָט אויך בטחון
ס'וועט סיי ווי פאַרגיין...

# די וועלט איז ווייך פאַרוויעט

די וועלט איז ווייך פאַרוויעט,
ווייט און ווייך די וועגן.
אַלאַבאַסטער־גערונען די הימלען
ווייזן פאַרוואונשענע שטעגן.

און שטראַלן פאַרבאַדן אין וואוילטאָג,
די זון איינגעהילט אין אַ הויך,
קרישטאָלענע שטערן פינקלען אין בליסק,
פאַרצויבערן יעטוועדן שטרויך.

פענצטער פאַרחלומט,
פאַרהילן די אויגן
און שויבן מיט ברעמען
פון זייד....

# דער שניי איז א מילדער.

ווייכע טריט אין ווייסן שניי,
פליען, פאַלן ווייסע שטערן,
פאַלן,
אויף פאַבריקן, אויף הייזער
אויף נאַסער, צואַקערטער ערד.
אויף קוימענס און שולן,
אויף מויערן, פּאַלאַצן,
אויף גלאַנצעריק שוואַרצן אַספאַלט.

אויף קליינינקע הייזער
מיט צובראָכענע סטריכעס,
אויף אַן איינזאַם צובראָכענעם פּלויט,
אויף נאַקעטע ביימער,
פאַרלאָזענע וועגן,
אויף שאַנצעס, פאָלוואַרקעס,
אויף בערג און אויף טאָל...

דער שניי איז א מילדער, א גוטער,
פאַרטראַגט ניט קיין שראַפן,
קיין שאַרפע קאַנטורן,
מאַכט שפּיציגע צאַקן
ווייך און רונד,
טרויעריגע דעכער
פריינדליך און ווייס
פאַרשימלטע שינדלען,
פאַרמאָדערטע וועגן
ליכטיק באַשיינט...

# ווייסער הערמעלין.

דער ים פאַרגרעסערט זיין ממשלה,
בויט אויס זיין גרעניץ ווייט אין רוים,
שיט שטערן ווייסע אויס אין חלל
ווייכע ווי שוים.
פאַלן שטערן ווינציג קליינע
פליען ווי אַ הויך,
פלעכטן מאַשן און געוועבן,
שוועבענדע ווי רויך.
שוועבנדע ווי רויך.

ווערט דאָס טעמפּאָ שפּילעוודיג
דרייט זיך רונד אין ראָד,
ווערט דער ריטם שטיפעריש
טאַנצט אַ קאַראַהאָד,
ווערן אויגן צוגעצויגן
איינגעשפּינט אין שפּיל,
פאַלן בליקן צו דער ערד,
ליגט ווייסער הערמעלין...

# ווייסע שטערן בלאנדזשען...

ווייסע שטערן בלאנדזשען אין רוים,
וועבן געוועבן פון ווייסן שוים,
ווייסע פלאקן פלאטערן צושיט,
צוואוויעט, צעאווינטע פון ווינט.

טוען זיך איבער ווערק־רויטע קוימענס,
אין ווייסן, אין ווייכן ווייס,
און רינוועס און שינדלען
און פענצטער און טירן
הילן אלע זיך איין אין יום טוב'דיק ווייס.

און גאסן, שאסייען
און וועגן און שטעגן,
פארוויען א ווייסע דאס ציל,
און טייכן און זעען,
און איינזאמע טראקטן
האלטן קאמפאניע אין שפיל...

זיינען אלע פאראייניגט
אין א ווייסן פארלאנג.
און אלע פארהילט
אין א ווייכן קלאנג,
און אלע פארצויבערט
אין א ווייסן באהאנג...

## פ א ר ש נ י י ט ...

ווייטע פלעכן אין ווייכן ווייס
ווינטן הארבע געכאָוועט אין אייז,
צובלאָזן אין רוים
מיריאדן קערנדליך ווייסן טרוים...

פירן פארשייט א ווילדן טאנץ,
מיט וועלן און שאלן
אין ווייסן גלאנץ,
ליניעס און בויגנס
רונדן אין ווייס
דעמאָנען רייצן זיך,
גליווערן אייז...

און אלע גאָר נאָנט,
מ'פילט זיי בחוש
קומען פון ווייט
לויפן צוריק,
הילן זיך אוים און הילן זיך איין
אין ווייכע שאלן, ווייסן שיין.

## שניי-גלאנץ

דאָס ווערק ליגט פאַרענדיגט,
די וועלט גליט אין גלאַנץ,
א ווייסע התפעלות אין רוים.
דער הימל שיט ליכט
און אזורן אין בלוי,
די זון לייגט א האַנט צו,
שיט גאָלד-גאָלדן גאָלד,
און שטויב-ווייסער פּריסיק,
שפּיציג און שאַרף,
לעצטע קאַפּריזן
פון מייסטערס וואַרשטאַט.

די וועלט גלאַנצט א נייע
פאַר אַלעמענס אויג,
גיסט ליכט און גיסט ריינקייט
אין יעטוועדן הויך,
און שיינקייט באַשווינגט
נעמט אַלעמען אַרום ·
א בענקשאַפט צו פליען
גאַנץ הויך, גאַנץ אויבן
און ערגיץ-וואו איינזאַם
און שטיל צו פאַרגליען...

# ים און ווינט

# פרילינג פאר דער טיר...

אין ווינטער אויפסניי זיך מישב בסוד מיטן ווינט.
איז ווילינ דער ווינט, איז שטענדיג דערביי,
בוים רוקנס אויף רוקנס, געציקטע ווי וועלף..
שלייפט איברים און כלים,
געשליפענע מעסערס פון פראָסט.
איז גרימיג געגרייט אויפן וועג.

ווילדישע פליגלען פון הונדערטער אָדלערס
צו פולע זעגלען צושפרייט,
א ווילדע טשופרינע פון אייז־ווייסע צאָפּנס,
פליט ער א ווילדער, צו ווילדע סאַטראַפּן,
צו ווייס־בלויע אייזבערג פון נאָרד.

טרייסלט מיט קראַכן שטאָלערנע פּלייצעס,
גליווערט די גראָמן ווי ווייסן גראַניט.
און שפרייזט איבער ימים פון אייביגן אייז,
פליט איבער אייביגע גלעטשערס אין ווייס,
גלעט שאַרסטקע פאַרליבט שפּאַלטן און שפּיצן
פון אייביגע ריזן...

גליטשן לאַווינעס זיך, ווילדע מהומות
פאַרפלייצן די וועלט,
קומען הארבע, פאַרהילטע, בייזע זאַווערוכעס
טראָגן פאַרגליווערטע בשורות.
שפּרייטן זיך שנייען קני־טיף אויף דער ערד,
יאָגן זיך קעלטן אין ווינקלען און וועלטן
און אַלץ ווערט פאַרגליווערט אין ווייסן שרעק.
און ס'ווערט אַלץ דערטראָנקען אין ווינטער, אין
ווייס

און אַלץ ווערט געקאַוועט אין קייטן פון אייז...
און ווינטער שטייט רואיג, און קאַלט און ווייס,
אביסל פאַרוואונדערט פאַרבײַטן זיין צייט,
מאַכט כלומרשט אַן אָנשטעל, ער איז גאָר ניט
אויסן,
א יונגערער ברודער מעג וואַרט אין דרויסן...

## בלוי־שוואַרץ דער גום פון ים.

בלוי־שוואַרץ דער גום פון ים.
וואַסער־שלאַנגען רינגלען רעדער,
וואַסער־ווײַפערן געבערן ווײַסע טויבן,
וואַסער־בערן שלינגען בערג...

שיפן גליטשן זיך אויף רונדע וואַסער־בויגנס,
וואַרפן זיך אויף בלויע שלאַנגען־רוקנס
ווײַסע זוימען אַרום ווײַכע וואַסער־פאַלבן,
ציען לאַנג־געצויגענע שלעפּן,
אין אַלע־מאָל אַ נײַעם וואָרף...

## פאָר־פרילינג ביים ים.

דער ים רוישט אין רו,
שטאַרק און גרוי,
שפּיל און פרייד
פון גרונט באַוועגט...
שימערס אין בלוי,
שטייגן אויף סקאַלעס,
דורך גרינע היכלות,
לייכטן פרום
אויף דער אויבערפלאַך...

אַ יונגער ווינט
פון דרום־זייט,
דרינגט אדורך
ביז צו די גליווערס,
ווערט פאַרשייט,
כאַפּט איבער די מאָס,
קלאַפּט אָן ביים טויער
פון פרילינג...

איז דער ים פאַרגאַפּט
אין ווינטישן פלוג,
לייזט אויף אַלע גאַרטלען
בינדט אויף אַלע גלידער
יאָגט אַ פאַרציקטער אים נאָך...

שפּינט דער ווינט
שוין נייע קאַפּריזן,
צושפּאַנט די זעגלען,
פליט ווייט אַוועק
צו אַן אַנדערן ברעג...

ווערט דאָרט געבוירן אַ יונגער טאָג,
ווערט באַלד דערטראָנקען אין בלוי,
פאַר אַ ווײַלע פאַרגעסט
די זון אָן איר מלכות

שפּילט און שטיפט,
באוואָרפט פאַרליבט
אַ יונגן טאָג,
מיט גאַנצע בונטן גאָלד
אויפן קאָפּ...

## פרילינג ביים ים...

דעם ים פארהילן
בלאס־בלויע שאלן,
אלע געשטיקט מיט בריליאנטן,
ווייכע געוועבן
פארוואָרפן אין פאלבן
און פראנזן לאנגע,
דערלאנגען צום גרונט.
צערטליך פארדעקן
אלע דעם ים
וואָס שווייגט,
פארוויגט אין א סוד...

מאכט־פול און רואיג,
שפרייט זיך זיין ברוסט,
פארוויקלט אין שאלן
מיט בלויע בריליאנטן,
ציט זיך צוזאמען
אין ריטמישן רוישן,
פון קלאנג און בלויער קאָליר...

דער הימל גיסט אויס,
א בלאס־בלויען בויגן,
פארוועבט מיט א ווייסן, ווייכן שטאָף,
וואָס האלט גראָד די מיט,
צווישן ווייסן מוסלין,
און שניי־ווייסער ווייכער וואָל...

וואָגלט א ווינט זיך ווייך פון ווייטן,
שוועבט פארחלומ׳ט און מילד,
שפילט מיט די שאלן צערטליך פארליבט
רוט פאר א ווײַלע און פארשווינדט...

# ווינט.

דער ים האט זיך פארברעמט
מיט א ווייסער סערפענטין,
געצויגן א בולט־בלענדיגן שטריך —
זיין רוקן אין רינגען פון גיפטיגן גרין,
צינדט פייערן גאלדענע,
וואס פלאקערן, בליען...

א ווינט־שטורם וואס פליט פון פאל צו פאל,
פארווייזלט א ווילע ביים ים,
א דיאבאלישער וויכער, מיט גרוי־בלויע פליגלען
צושפריצט די גלוט, צושפריצט די פלוט
אין מיריאדן בלישטשענדיגע פונקען.
און שיט זיי ווי זאמד
אין אויגן וואס זעען,
אין אויגן וואס זוכן,
דער ווינט.

זיין הארשאפט דערמאנט אן זיין מאכט...
מעסט זיין קראפט מיט אלעמען, מיט אלץ
גאר ניט צו גרויס, גאר ניט צו קליין,
געזען אליין
די מעכטיגסטע ריזן פון בערג,
איבער שפאלטן, תהומ'ען זיך שטיפעריש געוואגלט
אין פעלזיגע יאמעס ווייך גערוט,
און פלוצים געשוועבט
איבער פעלדער פוסטע און וועלדער,
איבער טיף־גרינע דזשונגלען,
פארוואקסן געשטרויך,
אויג אין אויג זיך געמאסטן
מיט לייבן, לאמפארטן,
מיט גיפטיגע, גליטשיגע שלאנגען,
מיט אדלערס און סאוועס און גייער־נעפייגל,
מיט מאנסטרען, פאנטאמען,
און אפט נאכגעיאגט א פאטא מארגאנא,

וואָס האָט אין מדבר'ס געלאָקט און פארפירט...
און אַלץ זיך געראַנגלט, מיט אַלעמען געחברט
געבאָרעט אויף לעבן און טויט...

און געזען האָט ער ימים,
אין געוואַלטיגסטער שטילקייט,
אין שטילסטער געוואַלט.
אין אָרקאַנישן ברויזן,
אין דערשיטערנדיגער רו...
און אַלץ געזען און דערזען,
און גאָר ניט צו גרויס, און גאָר ניט צו קליין,
פאַר אים,
פאַר'ן ווינט.

און קומט מיט אַ ליאַרם, מיט אַ מחנה קאַבאַלדן,
וואָס הרימען אין פענצטער, קראַכן אין שויבן,
באַלקן פאַרציטערן אין שרעק...
פאַרשייטע ווייסע חברה שפּיצן די ליפּן,
סווישטשען צולאָזן אַ ווילדן קאַראַהאָד,
האָלצערנע האַמערס וועקן צו חצות
ניגונים און שירים פון צוזונגענע שולן
פאַלן פאַרפירטע אין רויש...

און פליגלען ווי וויכרעס, פינצטערע, בייזע,
דערלאַנגען אין וואָרף נאָנט און ווייט,
ווער ס'שטעלט זיך אַקעגן — אין קייטן געלייגט,
אין קייטן פון אייזן, פון אייז.

דערזעט ער אַ זון...
ווערט רויט-גאָלד פון שטראַלן,
אין שטיקער געשניטן ווערן גאָלדענע בליצן,
בלייך פאַרציטערט, פאַר אַן אייזקאַלטן הויך...
און שפּאַנט, אַ האַר מיט באָרוועסע קנעכל,
איבער אַלע רוקנס פון ים,
צוברויזט זיך דער ים אין טונקעלע אַקאָרדן,
אין פאַרציטערטער לוסט, פאַר אַ ווילדן דעמאָן..

צושפּאַנט זיך אַ בויגן פון הימל אין בלוי
פאַרהילט פון טיולן און וואָלקן,
פליט אונטער אַ וויכער, דערלאַנגט זיי אַ שטויס,
דערוואַכן די כמאַרעס געבערן אויפסניי,
בלויצאַרט גראַציִלע און וואַכטיגע שווערע,
עלעמענט־געלאָדענע שוואַרצע,
ליכטיג־פאַרליבטע און גאָלד־גאָלדן צאַרטע
און כמה קאָלירן, און אַזויפיל פיגורן,
און אַלערליי ריטמען, אין דערזעלביגער צייט...

און באַרירט זיי זיין אָטעם פול קראַפט און פול
צויבער
ווערן ווייסינקע שעפעלעך פינצטערע וועלף...
צושפּאַנען זיך פליגלען אין וויט־וויטע בויגנס
טוען אַלע זיך איבער אין פורפורנע רויט,
און צופליען זיך פליגלען, צושטרעקן זיך בויגנס,
הרימעט דער הימל דונער און בליץ!
רויט־גאָלדענע שווערטער צושניידן זיין שטח,
פאַר אונזערע אויגן געשפּאָלטן אין זיבן...

## דער ווינט ברענגט א גרוס.

א הארב זיסער ווינט
האָט ערגיץ־וואו גלעטשערס געגלעט,
ברענגט אונז פון דאָרטן א גרוס.
אין שנייאיגע שפּאַלטן האָט ער זיכער גערוט,
אצינד איז ער יונג און איז פריש...

און פליט איבער גאסן,
און קלאַפּט אָן אין טירן,
דערמאָנט אז ס'איז ערגיץ־וואו ליכט.
און גריסט אַלע שטראַלן
און קושט אַלע וועלן,
טאַנצט מיטן ים און פאַרשווינדט...

## קאפריזנער ווינט

און דער ווינט קאפריזנע
ווי א יונגער מלך,
האָט זיך ערגיץ פארטראַכט,
דערזען זיין פארשייטקייט,
אביסל פארשעמט זיך,
באַהאַלט זיך און גאַפט...

בעת ס'רוישט דער ים
זיינע ווילדע האַרמאָניעס,
זיין בענקשאַפט צום ברעג,
שיקט ער א פוגע פול אינגלישן טראָץ,
לאַכט זיך פאַנאַנדער א זילבערנער גלאָק,
צוקושט מיט אַן אימפּעט יעדע כוואַליע באַזונדער,
און אַנטלויפט פאַרליבט צו דער זון...

# דער ים ליגט אַ בלאַנקער...

דער ים ליגט אַ בלאַנקער אין בלויער פּראַכט,
דער ווינט גלעט צוגליט אַ גלאַנציקן רוקן,
אַ ריזן־גוף שטרעקט זיך אין עקסטאַטישער גלוט,
ס'לייזן זיך טויזנטער גירטלען פון שוים,
אַ ווילדע חיה קאַרטשעט זיך אין לוסט,
אויף טויזנטער ליפּן פון בלוט און פון רויט
באַווייזט זיך אַ פיינער, אַ שטויב־ווייסער שוים...

באַווייזן זיך פאָרמען אין גלעזערנער פּלאַסטיק
צובליען זיך פאַרבן פון קרישטאָל און פון רויט,
פאַרציטערן קלאַנגען פון טיפן צום ליכט,
פאַרשכורן עקסטאַטיש דאָס אויער, דאָס אויג.

נאָך אַלץ איז דער ווינט
אַ צולאָזענער ווילדער,
צופייטשט און צוקושט
אי געוואַלט אי פאַרלאַנג,
מיט גלוטן באַוואָפנט
פון נאָרד און פון זיד,
פאַרלירט און פאַרשווענדט ער,
צולאָזן פאַרשייט,
הייליגן פייער און אוצרות פון וועלט.

דער ווינט איז אַ שלאַנקער
געקאָוועט אין שטאָל,
זיין קאָפּ איז אַן איידעלער
געגאָסן אין בראָנז,
זיין שריט טאַנצט עלאַסטיש
איבער טויזנטער מייל,
זיין לייכטזיין, זיין ריטם
געגאָסן אין איינס...

## אויפן גרונט פון ים...

בראָנז און בלוי, און גרויער שטאָל,
שמעלצט זיך און זידט אין קאָכיגן ים.
וואולקאנען פארוואָגלט,
פארשלונגען פון אָפּגרונט פון גרונט פונ׳ם ים,
קומען אָפּ דאָרטן היבוט הקבה
שפייען מיט פייער מיט לאווע און פאזשער,
אין זודיגן תהום...

מיריאַדן מאָנסטערס, גרינע סאַלאַמאַנדערס,
עלעמענט-געלאָדן,
צובויערן, צוגראָבן, מיט פייער און פלאַם,
דעם גרונט פונ׳ם ים.

שטארק-שטראָמען ווילדע,
געבוירן פון אָפּגרונט, געשטויסן אין אָפּגרונט,
עלעקטריש געשליידערט
פון טיפקייט צו טיפקייט,
צובושעווען, צוגראָבן דעם גרונט פונ׳ם ים.

און פלאָרא און פוינא באַפעלקערן, פארפלייצן
מיט ביזארע פיגורן,
די טיפן, דעם כאָאָס פון ים,
די קייטן פון בערג, די רינגען פון שראָפּן,
וואָס זיינען באַקאָוועט מיט רויטע קאָראלן.

פיגורן, נפשות, פאַרוואָגלטע מאָנסטערס
טומלען זיך, ווארפן אין גרויזיגע פלוטן.
און מיליאָנען חילות, גליטשיג געווערם,
האַלב פלאַנץ האַלב רעפּטיל,
פאַרזעענישן בונט פיטאָרעסקע,
וועגעטירן ביים שוועל,
ביים אָנהויב,
דעם וועג פון לאַנגע עפּאָכן,
פון טויזנטער יאָרן פאַר זיך...

# דאָס רוישן קומט ווייט און ווייס...

דאָס רוישן קומט ווייט און ווייס
מיט אַ ליאַרם צום ברעג,
טעמפּע, לאַנג־געצויגענע קלאַנגען
פון צולאָזענע סירענען
שניידן דעם וועג...

דערשלאָגן זיך צילבאַוואַוסט
צו שיפן און מאַסטן,
וואָס בלאָנדזשען אומעטיק אין נעפּל־וואַלד
און וואַרטן.
די זון שטראַלט געהאַמעוועט
אויף קרעאַטור און געוועקס.

דער שטילער ווינציגער בראָקן ערד,
דער נערדליכער ברעג,
וואַרט אין תמימות
אויף בשורות,
אויף אַ גרוס
און אויף חסד...

וואַרעמע, פליסיגע זון־גאָלד,
דרינגט דורך בלויע שפּינוועב,
דורך הויכצאַרטע פאָרן
בלויער נעפּל־געוועב...
פאַרבאָרגן לייכטן
שפּינט ליכט און לויטערקייט

דער הימל אָבער,
דער הימל
האָט אויפסניי זיך איינגעבעט אין ים.
ליגן ביידע פאַרטראַכט
אַ גאַנצע נאַכט
אויף דער שמאָלער שאַרפער ליניע
פון האָריזאָנט
און לעשן אים אויס...

# דער ים בענקט...

דער ים האָט זיך פּלוצים פאַנאַנדערגעלאַכט...
קראַכן די פּוגן אין יאָמיגע שפּאַלטן,
עפּענען זיך, שליסן אין שרעק...
אין ווילדן געברויז
איבער טויזנטער סקאַלן פון ים־קלאַוויאַטור,

פאַרציטערן שיפן,
ווי שפּילגעצייג,
דאַמפּער פרעגן ביים קאָמפּאַס,
דער ים טרייבט זיין שפּיל
קענטיג צו ווייט —
הילט אַנדערע צאַרט
ווי מימאָזן אין טויל,
וואַרפט זיי א ווילדער
אין טיפקייט פון גרונט.

אַנדערע זייגען מחוץ פון זיין שליטה,
בילדן, באַשאַפן ווי ער,
א פעבשוואַרצע שלעפּ אונטער שטאָלערנע טריט,
שטריכן מאַרקאַנטע פון ערץ און פון ווערק...
דער ים שיקט באַזעסן זיין בענקשאַפט נאָך זיי...

שליחים לויפן אויף יעדער זייט ברעג,
שטאָל־האַרט און בלוי.
אַלע באַחנ׳ט פון בלויעסטן טרוים,
פון בענקשאַפט פון ים...

## פרימאָרגן.

דער ים איז צומאָרגנס
שווין פול מיט הבטחות,
זיין אָבדעך שפינט שפיל,
זיין ווייטקייט
בענקשאַפט נאָך ווייטקייט,
בלעטער זינגען פאַנאַטיש פון פרייד...
דער ווינט גלעט פאַרליבט
די גלידער אין רויש,
דער טוי אויפן גראָז
ברעכט יעדן טראָפן
אין טויזנט קרישטאָלן.
די זון שיט אויף אַלעמען סנאָפּעס פון גאָלד...

## דער ים ברויזט...

דער ים ברויזט נייע אקאָרדן,
צום ברעג וואָס וואַרט,
טויזנטער טענער,
סקאַלעס נייע אָן א שיעור...
האַרמאָנישע ריטמען
און ניי וואַריאירט,
איינהייטן גאַנצע,
אָרגאַניש פאַרבונדן,
שוועלן און וואַקסן
צו טיפן סאָנאָרן קרעשענדאָ.

ווילדע האַרמאָניעס,
צורוישטע פון ווילדע פאַרלאַנגען,
ברויזן שירים
פון בלוט און באַגער
צום ערשטן סטאַרט —
צום אָנהויב פון ווערן,
צום יונגן פרילינג,
צום זאַפטיגן קוואַל
פון זאַפטיגער לוסט...

# דער ים איז א בייזער...

דער ים איז א בייזער, אין בלינדן כעס,
איז אלץ צוטומלט פון שרעק....
מיר זיינען אלע גאר ניט באהארצט,
און ביימער בייגן געקרוינטע קעפ
טיף צו דער ערד,
באוועגטע הכנעה אין יעטוועדן בלאט...

זאמדן טריבן זייער ליבטיגן ווייס,
פארגיסן גרויקייט איבער'ן ברעג...
בלומען באהנ'טע זייער פארוויינט,
גיסן טראפן טרערן־קרישטאל,
אין אלע אויגן פון יעטוועדער בלום
פונקלען טראפן טרערן־קרישטאל...

בעט זיך גרינס און קרויט, געשטרויך,
פלאטערלעך, פייגעלעך בעטן זיך אויך,
אויף אייגענעם אויפן יעדער באזונדער,
אן אייגענער מין יעדער פאר זיך...

דער הימל שפיגלט דעם ים,
ער איז ניט איינגאנצן דערין,
גרוי מיט א זילבער־קלאנג
הויבט ער זיך העכער פון אים,
און בלויט אויפן ראנד מיט א גלאנץ...

דער האריזאנט פון ים,
אין זיין צארניגן גרים,
אנטפלעקט א צושיידטע ליניע...
— — — — — — — — — — — — —
דער הימל איז ניט דערביי...

## הימל איבערן ים...

דער ים האָט דערזען
אַ ים איבער זיך,
און געוואָרן נבהל ונשתומם...
אַ ים אין רוים,
אַ ים אין חלל,
שטערן שווימען,
אַ לבנה שיט זילבער
אַ זון טונקט זיך אונטער —
דער ים האָט טיף זיך פאַרטראַכט...

און דאָס פנים פאַרשטעלט,
און שלייערס געשפינען,
און נעפּלען געשפינען,
און געוואָרפן איבער דער וועלט.

איז די וועלט געוואָרן געפּענט אין גרוי,
דערטראָנקען אין ים מחשבות,
האָט דער ים זיך פאַרגראָבן
אין זיין גרינסטן טוי,
התבודדות געפּראַוועט,
געזוכט צו דערקענען,
צוואוואָרפן מחיצות,
ווער איז — וואָס איז דער ים איבער אים...?

## זומער־נאָכמיטאָג.

מיליאָנען זילבערנע פּליטער
ווערן אַנטרונען אין ים,
מיליאָנען ווערן געבוירן,
פינקלען, בליצן,
און טונקען זיך אונטער...

מיליאָנען זילבערנע שפּיגלען,
שפּיגלען אַן איינציגן שטראַל,
ציען אים מיט זיך צום גרונט,
שפּיגל־בילד און ווידערקול
בלאָנדזשען אויף דער אויבערפלאַך...

קאָרן־בלומען־בלויען גייסטערן אין ליכט...
די זון וועבט אַ שאַרף אין דער ברייט,
שפּיגלען אין טיפעניש פאַרטיפן די בלויען,
וואָלקן אויפן ראַנד, פאַרשכורט פון זון...

# פארנאכט.

דער ים האָט פאַמעליך אַלע סודות פאַרשלונגען,
הויכט זיי צום הימל אין מיסטישן גליען
הענט פרומע פלעכטן די פינגער אין תפילה...
פייערן צינדן זיך,
לייכטן אין רוים,
און דער ים קרעשענדירט,
טונקעלער אַקאָרדן,
דער הימל אין פלאַמען
פייערליך ווייט...

# פארנאכט ביים ים...

דער ברעג צינדט ליכטער,
וואָס פלימערן אומרואיג,
דאָס שומנע רוישן פון כוואַליעס
דערציילט ניט פעווגע מיסטעריעס...
פון מזרח־זייט שרעקט
טיף־שווארצער תהום...

א וואנדערנדיגער לייכט־טורם,
צושטראַלט א קרייז־רונדן ליכט־בויגן
און ציט אים בהדרגה
איין און אויס...
איין... און אויס...
רעפלעקטאָרן שפּאַלטן דעם ים...

# נאכט אויפן ים...

וויאָלעטע פלאַמען
קלינגען איבערן ראַנד,
וואָס טיפער ווערט טונקעלער,
וואָס העכער גליט רויט...
סקאַרלאַט־רויט.
פאַרשוואומען די נואַנסן,
די לעצטע שורה
אַ בלאַס־געלער טאָן,
פאַרלירט זיך אין בלאַסן בלוי אויבן אָן.

אַ שטערן בלישטשעט איינאיינציג.
אויפן ים שוואַרצע מראות
מיט פלאַמענדיגע אויגן,
צוגליעטע רויטע קוילן,
ברענענדיגע שטערנס אויף טיף־שוואַרצן גרונט.

נאַכט ליגט ווייט איבער׳ן ים.
רוישט ער אַלע סודות אין איר ווייך הארץ.
שטערן האָבן ניט קיין שליטה,
שטראַלן אין חלל אָן אַ ווידערקול...

נאַכט איז איבערן הימל געגאָסן,
באַטאָנען שטערן שטאַרקער דאָס ליכט,
איבער טיף־שוואַרצן גרונד,
אָן אַ שאָטן.

## שטורם.

דער ים גיסט שטאָל,
גרוי־בלוי שטאָל,
פון די טיפן,
אין די טיפן.
דער ים בויט בערג
גרוי־בלויע בערג,
שורות נאָך שורות פון בערג...

ווייסע בערג פון ווייסן גישט,
שטרעקן זיך כוואַליג,
אין לאַנגע קאַמען,
אין בויגנס הויכע
אינמיטן פון ים.
ווייסע בערג, וואָס שפּריצן גישט,
צוואַוויגן תהומ'ען,
ווייכע וויגן, וועליגע בעטן,
פאַר ווילדע דעמאָנען,
געפּאַטשטע פון שטורם,
געפּאַשעטע פון ווינט...

שוואַרצע נאָרעס גראָבט דער ים,
טיפן סכנות, יאַמעס וואָס געניצן שרעק! —
טרייבט אומענדליכע שורות פון בערג
אין תהומות געגרייטע,
אין נאָרעס אָן גרונט...

און חיות ווילדע, צובושעוועט, צופלאָשעט
פון ווילדן צוואַויגטן ים,
קומען פאַרוואָגלט, שטרעקן זיך, בויגן,
קרומען צוהוליעטע גופים,
מיט ווילד־ווייסע קאַמען,
אין הימל אַריין און צוריק...

גרינע קאַסקאַדן, אָפּגרונט־טיפע מהומות,
שנעלן פון תהום אין הימל אַריין,

זודיגע קעסלען פון קאַלטן גרין,
גיסן זיך, שפּריצן אין שטראָמיגע וואוכטן
אין אומצייליגע בעטן —
בעטן זיך איין אין בעט פון׳ם ים.
ווייסע טייוואַלים פון ים־עלעמענט
שטויסן זיך, שטופּן, איינער דעם צווייטן,
רוקן נאָך רוקן, פאַר זיך פאָראויס...
אין דער ווייטער, וויסטער אומענדליכקייט.

און געדיכטע טומאַנעס,
ווייס־גרויע נעפּל,
פּרובן פאַרדעקן,
פּרובן פאַרשטעלן,
דאָס וועליגע גרויזן,
דעם שוימיגן שרעקן
פון צוקאָכטן, זודיגן ים.

אין קנאַפּע סעקונד
געבערט דער ים, מיליאָנען וויפּערן,
נאָטערן, שלאַנגען, משונע רעפּטילן,
וואָס שליידערן גליטשיגע, לאַנגע,
עלאַסטישע גופים
מיט שוים אין די מיילער צום הימל,
בעת ס׳פאַרשלינגט זיי דאָס גרויזן פון ים.

און דער ים בחברותא מיט אַ ווילדן געזעל,
מיט׳ן ברויזיגן שטורם,
דעם אויבערשטן שר פון אַלע וואוכטן,
אַלע ווינטן,
פּראוועט אין אַלע טעמפּלען
פון גרינעם צורוישטן עלעמענט,
אַ ווילדן באַקכאַנאַל, פון גלוט־רויטע אָרגיעס,
ביים אורקוואַל, ביים שורש,
פון ים, פון דער וועלט...

# דער ים רויט...

דער ים האָט צומישט
אַ מאָדנע אַמאַלגאַם,
פון ווייך געריננענעם גלאָז
און מעטאַל...

און פאַרבן נייע דערציילט.
זילבער און קאָרנבלום־בלוי,
באַשיט מיט אַ שימער
ליכט־געטריבט גרוי.

אַליין איז ער שטיל,
און רויט ווי אַ ריז,
וואָס זונט זיך אין וואוילטאָג
פון אייגענער גבורה,
אין פּראַכט פון די זונען
אין זיך און מחוץ...

און יונגע קאָלירן
און רגע־בריליאַנטן,
קומען, פאַרשווינדן
שטיפעריש, שפּילעוודיג,
אין פאַלבן פון דעקטוך,
וואָס שפּרייט זיך מיט גאווה,
איבערן גוף פון אַ ריז,
וואָס ליגט רואיג און רויט...

# בלומעז

# בלומען ביי נאכט.

אצאַלעען, אין טיפן געל,
אין פלאַמענדיג רויט!
און טונקל־גרין, לעדערנע בלעטער
מאַסקע ווי בלוט,
שטרעקן די ליפן צום ליכט!
ברענען טיפן געל און הייסן רויט
אריין אין נאכט...

בלאַסע איריסן הארט ביים וועג,
חלומ'ען בלויע חלומות,
בענקען נאָך הימלישע בלויען,
ביים שטעכיגן אָבהאַנג
הארט ביים וועג
געלאָזן אין נאַכטיגע טויען,
חלומ'ען —
נייע נעכט...
נייע בלויען...

און ענציאַן, בלוי־בלויער ענציאַן
געבאָוועט גאַנץ אויבן,
אין הויכע באַרגיגע לאָנקעס געצויגן,
האָט פּלוצים פאַרבלאָנדזשעט אין טאָל,
קוקט בלוי און פאַרחידושט —
שטויביג דער טאָל...
פרעגט זיך אָן ביי דער נאַכט...

האָרטענזיעס, געראַניעס פון ווייטן פאַרנאַרט,
פון פאַרצויבערטער ווילדקייט,
אין נאָענטער, היימישער ענגקייט,
בליצן, רויט און ווייס
אריין אין נאַכט!
לייכטן חשק און גלוסטן
אין גרעל־הייסע פאַרבן,
טיף אריין אין דער נאַכט...

# גלאַדיאָלן.

גלאַדיאָלן, בלומען־טאָפּאָליעס,
אָפֿענע בעכער, גלאָקן פֿאַרקערטע,
קערן די ראַנדן צום ליכט,
שטערן צו שטערן,
באַגערן קאָלירן,
רייצן, פֿאַרפֿירן.

אַרום שאָטיגע ברוינע טעראַסן,
טוליען זיך ראַנקען גלאָקן אַראָפּ,
גלאָקן־בלומען קלינגען אין רוים.
אָן אַ טאָן,
אין פֿאַרבן...

## דערוואַרטונג.

אַלע רויזן וואַרטן...
בלעטער אָפֿן, לויכטן,
אָטעמען טיף
און האָרכן...
שלאַנקע שטענגל שטרעקן זיך,
האַלטן הויך וואונדער־גבלים,
גרינע קרייטער לאַשטשען זיך,
וויקלען זיך ווייך, פֿאַרליבט,
אין באַנגליקטן פֿאַרלאַנג...

## „ר ײ ז ן“

אין פֿאָלקס־לשון הײסן זײ רײזן,
אַ מין העכערער מין מאַרגעריטן,
קולטיװירט.
צומאָל שױן אפֿילו
אַ בלום אין אַ גאָרטן,
באַשײדן.
און דער גאַנצער נדן ציכטיגע פּשטות
אױסגעלײגט אױפֿן טיש...

העל־געלע שפּיצעלעך, בלעטעלעך,
אָפּט אַ געדאַנק נאָר אין געלן,
סילען זיך, פּערלען אײנס נאָכ׳ן צװײטן
אײנס נאָכ׳ן צװײטן...
לײגן פֿאַנאַנדער זיך, שפּרײטן זיך
שפּרײטן,
װאָרצלען אין טונקלען, טיפֿברױנעם שױם.

פּשטות שטאַרקע קאָװעט,
פּראָסט און ראָבוסט,
אױג און בליק
עקשנות׳דיג צו זיך...

# עמיץ איז נאָך ווייט...

איר ווייסט ניט וואָס איר טוט, זיסע רויזן,
מיין האַרץ איז ערגיץ ווייט...
פול געעפנט יונגע בעכער,
מיין האַרץ איז זייער וואונד...
שליסט אייך ווידער, זיסע גלוטן,
נאָך ניט אייער צייט...
גלאַנץ פון שיינקייט, גלאַנץ פון ליכט,
הילט אייך איין אין ווייסער זייד,
שליסט אייך איין און וואַרט...!
עמיץ איז נאָך ווייט...

## טולפּן.

רויטע טולפּן בויגן זיך ווייך
פאַר יעטוועדער לאַקונג פון ליכט,
רויטע טולפּן, אָפענע בעכער,
גערעטענע, גרייטע,
פאַר יעטוועדער לוסט..

טולפּן רויטע ראַסיג סענזיבל
מיט זינליכסטע זינען
פאַר גאָלדן פון זון,
רויטע טולפּן, אין גלוטן רויט
פאַרציטערט און צאַרט,
און צערטליך דערשיטערט
פאַר יעטוועדן הויך.

בלאַס-גרינע שטענגלען
פון רויטע טולפּן,
גראַציל געבויגן
אין זיסעסטן רויש,
רויטע טולפּן, טריפן רויטע בלוט —
טראָפּנווייז,
איינציגנווייז
זיך ווייסנעגליט
אין רויטער גלוט,
אין פּורפּורענע פּלוטן,
בנשיקה פאַרגליט...

## בלומען אין שטוב.

בלומען, בלומען, בלומען!
אויפן דעסק, רעגאַל, אויפן טיש!
שווערע רויטע קרוינען
בויגן זיך טיף —
פאַר וועמען...?

רויזן, שלאַנקע, יונגע,
קנאָספּיגע וואונדער
פאַרגליען דעם גאַנצן צויבער
אין אומזיניגן עקסטאַז,
אַלץ אין איין אָטעם,
אַלץ אין איין הויך.
פאַר וואָס...?

# רויזן אויף מיין טיש...

רויזן אין ליכטיקן ראָז!
רייפע, צאַרטע, פלייִשיקע בלעטער,
פולע, ווייכע פראַכט,
רייפע, ראָזע רובענס׳שע פרויען...

וואַקסן פאַנאַנדער,
ברייטער און ליכטער,
ראָזעווע פליישן,
טוי אויף די גלידער...

רויזן־גרופן
אין רונדע וואַזן,
בליען, גליען
אויף אַ וועט...
יעדע ראָזער,
פליישיקער יעדע,
זינליכער...
יעדע גליט

איין לעבן־לאַנג. אין ליכט,
פאַר היינט,
פאַר אַצינד,
פאַר אייביק...

## ערשטע טולפּן.

טולפּן זיסע, רויטע כוסות,
קלאַפּט איר ווידער אין מיין טיר?
האָט אייך ווער געפירט צו מיר?
בלויע שטערן פון דער הויך,
גאָלדענע פון זונענלאַנד?
זילבערליכט פון ימים־טובים
צוגעשלאָסן אייער ראַנד...

רויטע גלאָקן, כ'הער אייך קלינגען,
ווי בייגט איר טיף די קרוינען־קעפּ,
ווי שטום פאַרגליט אַ רויטע ליד...
כ'שרעק זיך שיר —
איר ציטערט שטאַרק...
בלאַט נאָך בלאַט ווערט בלאַס ביים ראַנד,
שרעקט איר אייך מיט מיר...?

# ביימער ביי נאַכט...

מיין בעריאָזע אקעגן
האָט צולאָזן צוואוואשענע האָר,
גלאַנצן זיי זיידן,
פאַלן באַשיידן,
פליסן ביז איבער
די קנעכל פון בוים...
און צירן צושויבערט
זיין בלאַס־גרינע קרוין.

שטאַרק־שטאַמיגע קאַסטאַניעס,
פראַווען נאָך אַלץ אַ מין יובל,
בענטש־ליכט געצונדן,
אין בלעטער־גירלאַנדן,
באַלייכטן די וועגן,
איבער די ראַנדן,
הונדערטער מיילן די לענג.

עשן צושפּאַנען געצעלטן פון שאָטן,
זיצן דערינען,
שטריקן בלחש דריישפּיציגע בלעטער,
וועבן זיך אוים
פון דריי־שפּיצן — דריישפּיצן,
פאַרשפּרייט זיך אַ הויכצאַרט־סובטילער געוואַנד,
וואָס מישט זיך מיט מאיען־פאַרנאַכט איבערלאַנד.

און אַנדערע ביימער אפילו פון ווייטן
קומען וואָס נענטער, שטימען די כלים,
מאָדנע געגרייטע, מאָדנע באַוועגט.

## בלומען־רמזים...

העלגרינע שטערנס,
גלות־רויטע קרוינען,
איינגעבויגן און פרום,
שיין ווי קאַלירן,
און העכער ווי הימל,
לייכטן פאַרבאָרגן
און שטום...

שפּילן געוואַלטן
האַרט פאַר מיין טיר,
וואַרפן ווי קוילן
חסד און שיר,
און פירן אויף וועגן,
ווילן צו שטאַלן,
טראָץ צו פאַרפרומען,
קראַפט צו דערהויבן
צו גלות און עקסטאַז...

# קאָלירן.

בוכן, בעריאָזעס,
קאַסטאַניעס און דעמבעס,
פּיכטן, טאָפּאָליעס,
עשן און סאָסנעס,
זיינען אַלע אין גרין,
אַן אַנדער מין גרין...

די ערד נעמט אַ דעקטוך,
פאַרפּוצט זיך אין צירונג,
איבער קערן־און ערד־ברוין
פאַרוואָרפן אַ קאַבריץ,
דער גרונד־טאָן איז זאַפטגרין
מיט בלומען־מאָטיוון.

אַלע קאָלירן...
ווייס און בלוי,
וויאָלעט און ברוין,
און אַלע שאַטירן..
און רויט בראש!
פייעריג רויטער מאָן!
מיט בלעטער רויטע,
וואָס פליען ווי פלאַמען,
שפּילן ווי בלוט...
וואָס בליען, בליצן,
ברענען רויטע פאַרלאַנגען,
אריין אין טאָג,
אין דער נאַכט...

# ווענוס

# וועֶנוּס־געבוירט.

טיף פאַרלוירן, אין לויזע צייטן־רינגגען,
ווען ערשטע רוישן פון קאָסמאָס פאַרקלינגגען,
אין יענע מיסטעריעזע שעה׳ן
פון מעשה בראשית אין רוים
איז דער שאַפונגס־דראַנג נאָך ניט אין צוים
פון אייביגע נאַטור־געזעצן,
טרעפט אַז ער שפּרינגט איבער טרעפּן אויף טרעפּן,
ערופּציעס און ווערן,
היפּערט איבער לאַנגע סקאַלן גראַניטענע צוכט מיט אַמאָל..

אין אַזאַ סופּעריאָרן מאָמענט געבערט
אַ גענעצדיגער תהום ליידיגקייט
כאָאָס און אומענדליכקייט,
דער מענטשן־פּאָטער גרייט זיין מענליכע ריפּ,
באַשטייט זיגרייך דעם האַרטן נסיון
פון קרעאירן אַ מענטשן־מוטער פאַרן מענטשן־דור,
מינערוואַ שפּרינגט מיט חכמה באַוואָפנט, פון יופּיטערס שטערן,
און וועֶנוס, די געטין פון לוסט און פון ליבע
קלויבט אַיִם פאַר איר מוטערליכן שוים
די זילבערנע כוואַליעס פון ים,
דעם גרויסן רעזערוואָאַר פון אייביגע שטראָמען,
דעם שוימיגן בעקן פון אייביגע טויען...

אין ווייטסטן מזרח פון מיטל־לאַנדס־ים
אין בלויעסטן גאָלף, אין קליין־אַזיעס שוים,
פון עגיפּטן פאַרהילט, אויף ציפּערנס ברעג,
איז אַ מאָרגן דערוואַכט, אַן איינציגע זכיה און זכות
אין וועלט און וועלטן־רשות...

פּאַספּאַריזירנדע בעכערס אַלע כוואַליעס,
מיט ליבע געפּולט ביז צום ראַנד,
אין בולט׳ער פאַרקערפּערונג,
אַ מאָרגן געשפּונען פון בלויקייט און גאָלד,
זונען גליען אין גאָלדנסטן רויט,

שיטן שטראַלן פֿאַמעליך — אין טראַנס,
און יעדע כוואַליע, אַ געטליכע מישונג, אַ זילבער אילוזיע
און פֿערלענדיק באַוועגטע דערפֿרישונג..
און אַלע אין זיסן עקסטאַז
באַלייטן ווענוס — אַ וואונדער צום ברעג.

ווענוס דערשיינט.
נאַקעט, ווי אַ בלום. נאַקעט ווי אַ ווייסער שטיין,
פֿון הונדערטער כוואַליעס געטאַקט,
נאַקעט ווי בלענד־ווערק פֿון אייגענעם זיין.
גאָלדענע האָר פֿליסן איבער נאַקן און רוקן,
בלאַנק צוויי זיסע ברוסטן,
וואָס בליען ווי קנאָספּן אויף אַ צווייג,
נאַרציסענע גלידער, דער פּנים ווי לייכטן,
אויגן וואָס האָבן געטרונקען בלויען פֿון הימל און ים,
ליפּן — דער בלענדיגער כוס פֿון רויטן מאָן..

נאָר וואָס געבוירן...
אַ ריח פֿון רויזן פֿאַרשפּרייט זיך אַרום און אַרום,
באַרוישט די זינען.
וואַסער־טראָפּנס פּערלען,
באַשיטן דעם לויכטנדן גוף,
פֿאַרשווינדן אין ים און אין לופֿט.
האָר און הויט הויכן באַרוישט
זאַלציגן אַראָמאַט פֿון קוועליגער פֿלוט...

און זיכער וואָלט אַזוי זי געשימערט,
ביז היינט און אין סוף,
ווען ס'וואָלט ניט צוגלייך מיט איר
באַשאַפֿן געוואָרן ליבשאַפֿט,
איר הייליגע היים פֿון אַנטציקן און געפֿאַרן,
דער דערלויכטענער זין פֿון איר זיין...

אַלע שעה'ן מיט גאָלדענע שטראָמען
גרוסן ווענוס, פֿליען באַנומען,
אַלע שאַרמס, דער זיסעסטער חן
וויקלען ווענוס אַרום,

איידער זי קוקט זיך אום,
ליגט דער ווינד — אַ ווייכע סטענגע
אויסגעהויכט איר צו פיס.

די זון באַדעקט איר פּנים, מיט צווייערליי צאַרטע וואַלן,
דער הימל איז רואיק, שיט מיריאַדן שטראָמען פון ליכט,
וואָס ציטערן, גלעטן יעדע ליניע,
כוואַליען עטעריש אַ מאַנטל
איבער דער געטליכער גנאָד פון איר לייב.

די טיפן פון ים ווערן באַרירט,
און די נייע ערד,
חיות און מאָנסטערס פון ווייסן נאָרדן
און רעפּטילן אפילו, וואָס וועגעטירן,
אומבאַוואוסט אין אַ וואַסער־טראָפּן
דערפילן אַ דראַנג זיך צו דערפילן
אַפילו פאַרן פּרייז פון זייער גאַנצן זיין...
אַלע שטראָמען זיינען דערוואַכט...

ווענוס שליסט די אויגן,
זאַפּט איין פאַרטראַכט
דורך האַלב אָפענע־ליפּן,
דאָס נייע, דאָס ערשטע וואָס זי האָט באַשאַפן.
אַ זיסער שווידער דרינגט דורך יעדער פיבער
פון איר לייב.
די שעה׳ן האָבן זיך אָפּגעשטעלט,
פלעכטן דערווייליע פאַר ווענוס אַ קרוין.
ניט פון גאָלד,
פון אַלע פּריזמאַטן פון ליכט...

## ווענוס דערקלערט וואולקאַן איר ליבע...

ווענוס פליט,
אַ פלאַם אין ליכט,
צינדט דעם אָלימפּ.
מאַרס לאָזט פאַרזשאַווערן בויגן און פייל,
דיאַנאַ אַנטלויפט צורייצט אויף געיעג,
אַפּאָלאָ וואַרפט ווייט די לירע פון זיך,
אַ זיסע אומרו פון לירעס אין בלוט...
מינערוואַ פאַרוואַרפט אַבסטראַקטע עמאָציעס
נידערט אין מוטנע מדרגות.
און אַלמעכטיגער צעוס, איז צוויי מאָל געטראָפן,
פון ווענוס פאַרפירט, פון יונאָ באַדרענגט...

ברענט דער אָלימפּ, אין פלוטיגע פלאַמען,
צוטרייסלט, דערשיטערט פון גרונד,
דאָס זיינען געטער ערגיץ־וואו וואונד...

ווענוס, די זיסע געפאַר, זיצט רואיג און זינט,
פלאַטערט, פלימערט, שפינט
איז שפּילעוודיג מונטער,
באַשאַפט זיך קאַפּריזן,
וואַרפט זיי אַרונטער,
זעט אָדערלעך בלויע,
פאַרטיילט זיי באַזונדער,
זעט הויט וואָס בלענדט ווי ליכט,
אויס שימער געוועבט און אויס טוי...

וואולקאַן ביים שוועל.
מאַכט־פולע גלידער ווי שטאָל.
פלומפּ,
לאָם,
ליפּן געשלאָסן,
שטום,
האָריג דער גוף,
ביזאַר.

אויגן — שווארצע קוילן.
טליען זשאַר.
טוניקע־שלעפּ פאַרקערט,
מיט ערד פאַרשמירט
און מיט ערץ...
דער אַלימפּ עפנט ווייט זיין גאָלדענעם טויער,
בעת ס'שטייט אין ערצענער וואוכט
דער שמיד — דער גאָט פון וועלטן־פייער.

ווענוס זיצט טיף צו יופּיטערס פיס,
שטיל און פאַרשפּילט,
מיט פיגורן, סילועטן
אין הימלישן היכל.
ווערט דערשטוינט, פאַרגאַפט,
כמעט ווי פאַרטרוימט,
רופט אוים מעהר נאָך צו זיך:

דו ביזט זעלטזאַם און פרעמד, דו גרויסער שמיד,
און ניי צו מיר,
ס'מוז זיין זים זיך טוליען צו דיר
רויע ערץ דיין יעדער גליד,
דו רויטער זשאַר,
שיט אוים פונקען, צינדט אָן בליץ,
און ריחות וואָס דרינגען טיף
אין אַלע פאָרן פון מיין זיין.

די שאַרסטקע ריסן פון דיין הויט,
צינדן זיסקייט אין מיין בלוט.
דיין אָטעם — ברען פון האַרץ פון ערד,
דערציילט מיר פון וועלטן, ניי און פאַרבאָרגן
פאַר מיר,
ניט פלוטן פון ליכט פון די הימלען,
ניט יענע פון זאַלציגן ים,
גיב מיר דעם טונקעלן צויבער
דעם סוד פון יענע מיסטעריעס,
וואָס הויכט אין דיינע מדינות, אַ וואולקאַן!

זע — כ'וואַרט, אַ פאַנטאָם פון עטער און שוים,
כדי אויגעלייזט ווערן פון דיר,
אַ ליכטיגער בעכער גאָלדן זעניט,
בייגט אָן זיין ראַנד פאַר די ליפן פון שר.
אַראָמאַט פון זאַלץ און ווייסן עמאַיל
וויקעלט זיך ווייך אַרום הארטן גראַניט.

דו גאָט און שמיד!
דער היילינער שוויים פון ווערק אויף דיין
שטערן,
פערלט טרויבן ווילדן ווין וואָס ברענגען רויש,
פון יענע בערג, וואָס גיסן פייער אויף דיין וואונק,
פון יענע פעלדער וואו אייזן וואַקסט,
פון יענע וועלדער וואָס רוישן שטילקייט,
און רוישן שווייגן אויף דיין פאַרלאַנג,
דער האַמער פון אַרבעט אין דיינע מעכטיגע הענט
שפריצט פונקען גאָלדענעם פריסיק,
שענער און גליאיגער פון שטראַלן פון זון,
דיינע אויגן לייכטן, גלייך פון האַרץ,
שיין ביזטו וואולקאַן און שטאַרק!
און ביזט מיין...!

# וועגוס קרעאַטריקס...

ווען דאָס אויג פון ערשטן הימל,
האָט אַנטפּלעקט זיין גרויס, זיין ליכטיגע בלוי,
ווען ס'האָט דער ערשטער מאָרגן, אין יונגן שוים,
געקליבן די זילבערנע טראָפּנס פון טוי,
ווען בעקנס געלע פון זון, האָבן גאָלדן געגאָסן אין רוים,
ווען פעלזיגע בערג האָבן שאַרסטקע געשיילט זיך
פון כאַאָס און גאַזן אין צוים,
ווען ערשטע פלוטן האָבן גרין זיך געגאָסן
אין אייביגע בעטן פון ימים און טייכן,
ווען די ערד האָט עלעמענט־געלאַדן,
זיך אַלץ געשפּאָלטן און ווידער געשלאָסן —
ווען די ערשטע אייביגקייט איז אָבגעלאָפן
איר ערשטן רינג, —
איז פון כאַאָס און רויטע פאַזשארן, וועגוס אַנטשפּראָסן,
שלייערס און שאַלן פאַלן געלאָזן,
אַ הוילע געוואַנדערט איבער'ן רוים.

פאַרבלאַנדזשעט אַדאָניס, געטליך און ליכטיג,
קרייצט איר דערלויכטענעם וועג,
פאַלן טרערן און ערשטער טרוים,
און יעדער טרערן־טראָפּן־בריליאַנט
האָט פייעריג אַ רויטע אַנעמאָנע קרעאירט,
אונטער שוועבנדע שריט פון ראָזעווע קנעכל
האָבן רויטע ציקלאַמען געבליט,
און בלויע גלאָקן זיינען געהאָנגען אין לופט,
און לאַנג־שטענגליכער איריס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
און קראָקוס יונגער,
לאַווענדל־פאַרביג און שעמעוודיג,
און אָרכידעען גרינע עקזאָטישע היה'לעך,
האָבן טיף זיך געבויגן, טיף צו דער ערד,
אין פאַרציטערטן גלויבן,
אין הייסן שרעק, אין פרומען עקסטאַז,
פאַר וועגוס,
דער אַלגעבערערן,

דער אַלבעשאַפּערן,
דער אַלבעהערשערן,
פון ליבע, פון טריב.

דערוואַכט דער מקור, פאַרציטערן שרשים.
אין אויפרור שוועלן קאַכיגע הייל׳ן,
זוכן שנויים, גאַרן נאָך סדר,
ערד און פייער, און וואַסער און לופט,
שטויסן זיך בלינד,
אַרונטער, אַריבער, אַרויף.
ביז ס׳גענוועלטיגט די פאָרם.
און ס׳ווערן עלעמענטן אין פאָרם געפרעסט.

אונטער טריסקען און קראַכן
קרויזן זיך ערשטע ציינער פון קאַמען,
קרוינען און פלייצעס פון ריזן־געבערג.
נאָרן זיך פלוטן איין אין די ימים,
פאַרגראָבן זיך קוואַלן צופוסנס פון בערג,
און טרייבן די שטראָמען
אין טונקעלע תהום׳ען,
שפּאַלטן שאַרפע שניידן די הייל׳ן.

ברייט־ברוסטיג און זאַפטיג איז פלאָרא,
דעקט אָפּ וואַרעם און ווילִיג איר קערפּערליכקייט,
צוצינדט זיך אויראָרא,
געבערן ווינטן טויזנטער ווינטן,
צוטראָגן די זאָמען, צוטראָגן די זאַפטן,
אויף אַלע גערינגעלטע וועגן
פון פלאָראַס געראָטן און ווערן...

שפּרייט זיך שטיל, אין ערשטן טאָל,
א גרינער קאָבריץ אין וועג,
זאַנגען־באַהאָנגען, זאַפטן־פאַרגאָסן,
א יעטוועדער שטעג.
און פלאָראַס זיסער זוניגער לייב,
באַשווערט און ברכה־געבענשט.
קומען צופליען

טרויבן און בלעטער, פּירות און גרעזער,
לייכטן, פינקלען, לאַכן פאַר פרייד...
שטום גרייט זיך פלאָרא, קלייבט בלומען און זאַנגען,
שטעלט זיי אין ליכט.
און פלעכט פאַרטראַכט,
בונטן פּראַכט,
פון לעבן אַ קראַנץ,
און פליט צו וועמענס געטראָגן פון ווינט,
קניעט זיך איין אין רויט־ברוינער ערד,
אָפענע לאָקן ווי גאָלדענע סנאָפּעס,
פליסן ווי שוים איבער שלייפן און נאַקן,
צו קערניג אָליוור־ברוינע סטאָפּעס אַראָפּ.
און רוישן זינגט אַ תפילה אין רוים..

וועמענס די ליבע,
וועמענס — דער אורקוואַל,
פאַרהויכט אַ שאַל,
אין גליאיגן שוים,
אַ קלאַנג אין אַל —
ליבע אין אַל!

וועמענס זאָגט ליבע! האָבן ווינטן געהוליעט,
ליבע! — האָבן געציטערט די בערג,
ליבע! — האָבן שטראַלן געזונגען,
ליבע! — האָבן ימים געהילעכט,
פון שטערן צו שטערן פלימערן קולות
לייכטן דורך די נעכט...
אין פאַרבן אין פייערן, אין גראָדן און וועגן,
אַלע פון ליבע פאַרצערט.

און פלאָרא פירט אָן איר ממשלה פון בליען,
פון רחבות און לוסט, איבער וואַקסן און ווערן,
פאַרבאָרגענער גלוט, פאַרלאַנגען, באַגערן,
און קיום...
די ערד איז איר קנעכט און איר האַר —
און איבער איר הויך אַ חלל אַ ווייטער,
דין און אומענדליך אין בלויעסטע בויגנס,
— פליט זי און פאַלט — און פילט ווי פאַרלוירן...

בענקט זי און גאַרט — און רופט אויף די שוועסטער
ברייט־ביינינגע פוינאַ, מיט מוסקלען און הערנער
און ציינער געשאַרפטע פאַר רויב..

ווינטן צושפּאַנען טיולענע פליגלען,
לאָזן באַלאָדן זיך באַלד אויפן וועג,
אַנטפּירן מיסטעריעס פאַרבאָרגן אין משכן,
פאַרזייען פאַרשייט זיי אויף יעטוועדן שטעג...
פון מיליאָנען וואונדן בלוטיגט די ערד,
בלוטיגט צעריסן, בלוטיגט און ווערט,
פון יאַמעס און נאָרעס פאַרעט פאַמעלעך
געלבליך אַ מאַסע אומענדליכקייט...
שוועבט אָן אויפהער אַריין אין רוים,
ערד־אינגעווייד שפּריצט היים מינעראַלן,
און גליענדיג ערץ אין שווינדליגער הויך,
און ווידער צוריק אין אַ תהום...
קאַטאַקליזמען דערשיטערן די ערד.
ביז היינט נאָך גיסן קאָכיגע קוואַלן אַ זודיגן גרוס,
פון יענע טעג אין אונזער טאָג.
ביז היינט נאָך פאַרציטערט די ערד
ווען גיגאַנטישע בערג הילעכן וואולקאַניש
זייער סאַלוט אַריין אין היינט.

און פוינאַ שלאָפט אַלץ נאָך אַ פוילע
דרינען אין האַרץ פון דער ערד,
פון געלבלעכע גאַזן אַנטשוועבן דערוויילע,
כל המיני געווערם.
געריגנעלטע, נאַסע, נאָר איינציגע אויגן,
אַ טייל גאָר אָן צונגען און ציינער,
און בעת ערד נעמט דערפילן פוינאַ אין לייב —
ליגן קראָקאָדין, מיניאַטוירן, איכטאָזוירן,
נאָך אַלץ אין ערגיץ אַ ריף...
און ים און יבשה באַפעלקערן דערווייל
שלאַנגען, רעפּטילן אינזעקטן,
וואָס אַנטשוועבן פון גאַזן,
פּאַלאַנגעס רעפּטילן, רעפּטילן...

און ערד ברויזט אָן אויפֿהער,
שטרעקט זיך און ציט זיך ספּאַזמאַטיש צוזאַמען,
ס'קאָרטשען זי אַלץ ערופּטיווע קאָנוואולזיעס,
ס'בייגט זי און שטרעקט זי צום הימל.
זודיגע לאַווע איז אויסגעבראָכן,
ס'קרעכצט די ערד אונטער חבלי לידה
פֿון אַ גרימיגן מאָנסטער,
פֿון פֿוינאַ — מיט גופֿים אָן צאָל,
אַ טויזנט־פֿאַכע הידראַ מיט קעפּ און מיט גלידער,
מיט ביינער און בלוט, און ציינער און ציינער..

אַלע עקן פֿון וועלט מיטאַמאָל
לייזן געקאָוועטע גירטלען פֿון ערד,
ווייסע היילן צולאָזן קרישטאָלן,
שטורעמס רייסן די קייטן אין שטיקער,
בעת פֿוינאַ דערזעט דאָס ליכט פֿון דער וועלט.
טרינקט זי באַגעריג און קוקט און שלינגט,
ערד און פֿייער און וואַסער און לופֿט.
ווי שטאַרק, ווי גוט — פֿילט פֿוינאַ
און אָטעמט אין תאווה איר זיין.
און קודם מקבל די שוועסטער
מיט רויב און מיט חשק.
און הונגערט און לעסטערט
און — זוכט...
האָט פֿלאָראַ די שוועסטער גענומען ביים האַנט
און ערגיץ געפֿירט.
ווענום וועט העלפֿן, האָט שטיל זי געזאָגט
ווענוס די מוטער...

אין וואַלד וואו ס'וואַקסן די שאָטנס,
אין טיפֿן טונקל פֿון פֿאַרבאָרגנסטן מיטאָג,
האָט זיך אין שטילקייט געגלידערט אַ צוג.
אָדלערס און דראַכן און בעסטיעס גאַריגע,
פֿוינישע נייע נפֿשות,
און וואו נאָר ערגיץ אַ מאָנסטער פֿון ים,
און אינזעקטן, רעפּטילן, האָבן אַלע געגרייט זיך אין וועג..
ביים שוועל פֿון ווייסן געצעלט,

אין דער היים פון גרויסן שווייגן,
האָבן אַלע טיף זיך געבויגן, געקלעבט די קעפּ צו דער ערד...

זיינען פון זיך צוגאַנגען ערצענע טויערן
ווייסע היילן
פון נאַכטיגן שטורם,
און געוואַלטיגע בענק פון בלוי־שוואַרצע כּמאַרעס
האָבן אין פלוג דעם הימל פאַרהענגט.

און וועגנוס דאָס ליכט,
און וועגנוס די ליבע,
געוואָרן פאַרטונקלט פון צער,
הונגער, טריב — זכות הקיום!
טראָגן זיך קולות פון הימלען.

— — — — — — — — — — — — — —

הונגער! דונערן די הימלען,
פאַלן בליצן פון טריב,
ווערן! און זיין!
הילעכט פוינא א ווילדע,
און וואַרפט געראַנגל, און שליידערט געצייג,
בליצן און זשאַרן גליען די ערצן,
קאָווען כּלי זיין פאַרן זכות פון דער וועלט —
פאַר ווערן! און זיין!

# צו „טריסטאַן און איזאָלדע“

ממעמקים...!
פון די טיפן...
שוועלן ברויזן,
קלאַנגען לאַנגע בויען גרויזן,
ציטערן און זוכן...
וואַקסן לאַנגזאַם אין דער הויך,
זאַנפטע אָרעמס ציען קרייזן,
ווילן פרום אויף ווייכע וועלן,
בענטשן שטיל לופט און ליכט,
מוטער און מקור...!

אַ ים אין חלום, ווינטן שלאָפן,
סוד און גורל זיינען וואַך...
פינגער פלעכטן זיך אין תמימות, בעטן זיך אַ גאַנצע נאַכט
שוועלן טיפער טונקעלע ברויזן, סוד און גורל זיינען וואַך...

טונקל רוישן טיפע צויבער, גייען האַנט אין האַנט,
פאַלן איין אין פרומע תפילות, שפינען איין אין צויבערלאַנד...
גיב אונז נאַכט דיין ווייכע האַנט
ווייז אונז שטיל דיין סאַמעט־לאַנד
ווייז אונז שטיל דיין סאַמעט־לאַנד...

מוטער און מקור!
בויסט אונזער וויג, ביזט אונזער זיג,
נעם אונז שטיל אויף דיינע קני, הערשערן פון וואונד און וויי,
לאָז אונז טיף פאַרגיין, לאָז אונז שטיל פאַרוויין...!

בלויע פאַסן ווייזן זיך,
גלאַנצט אַן ערשטער בליסק אין ליכט,
שניידט אַ שיף אַ טיפן שניט,
אַ זעלטזאַם גלייכן, טונקלן שליאַך,
דרינגען זיצט די אורגעוואַלט,
די שוועסטער פון דער נאַכט,
דער האַרץ־פריינט פון׳ם טריב...

מוטער פון די טירבן, הערשערן פון מאכט,
וואלטערן פון וועלט־ווערן, קעניגן דו וואכסט,
דו רופסט!
טויט און לעבן אין דיין האנט,
לוסט און לייד און קנאה!
אלע צויבער פון דיין לאנד —
מיר דינען דיר, מיר דינען...

הערשערן פון אלע וועלטן, מיר ליגן טיף צו דיינע קני,
הארנטע פון נאכט־געצעלטן, גלוטן רויטע אויסגעשמידט,
מיר דינען דיר, מיר דינען...

טיפע ברונען אין דיין שויס, צויבער־טראנקען גליען,
לאטאס־בלומען, רויטע גלוטן
מיר דינען דיר — מיר דינען..

קיין וואג ניטא אויף דיינע וועגן,
אלע מאסן נארן,
דיין צוימער־טראנק איז טויט און לעבן,
מיר דינען דיר, מיר גארן....

הימלען רופן אויף דיין רוף, פארציטערן אין אלע וועלטן,
שרפים פאלן ווען דו שטראפסט,
אימה שפרייטסטו אין דיין גלוט,
ליכט און לעבן אין דיין גנאד,
מזבח הייליג אויפן וועג,
כרובים זינגען שירה דיר,
דורות גרייטן, גרייטן...
ממעמקים, אורגעוואלט,
מיר דינען דיר, מיר דינען...
מוטער און מקור...!

# ווערק און קאמף

# שטאָל און אייזן

אַ טיפֿער טאָל, אַן אָפּגרונט, ווייט,
הילט איין, פֿאַרטייטשט גאָטס שטאַרקן וואָרט...

ווילדע און וואוכטיג פֿאַרקנעכטן זיך דורות
צו זוכן, דערגיין דעם סוד פֿון גבורה,
צו אַנטפּלעקן, באַנוצן דעם סוד פֿון געוואַלט,
צו זוכן דאָס ערץ, דאָס האַרץ־בלוט פֿון בערג...

קוקט זיך גאָט איין,
לאָזט ווילדע געווערן,
לאָזט ווירקן און שפּילן
גיגאַנטישע קראַפֿט,
ווייטן פֿאַרנעם....

גרייטן פֿאַמעליך זיך מיטלען, געצייג,
גאָטס וואוכטיגסטע ווערק
ראַנגלען זיך וואוכטיג
מיט מענטשליכער קראַפֿט...

אָדערן, וועגן ווערן געריסן,
ריזן געשפּרענגט,
דורכגעבויערט,
ניט לייכט צו באַצווינגען
גאָטס ערץ אין גאָטס האַרץ...

— — — — — — — — — —

ווילן געוועלטיגט,
ס'געוועלטיגט דער טראָץ!
דאָס האַרץ פֿונ'ם באַרג
גיט איבער דאָס ערץ —
פֿליסנדיג מענטש־בלוט
וואַרעם און שווער,
מישט זיך פֿאַמעליך
מיט געבליטן פֿון באַרג...

## ביים ריווער אָהייאָ

שטאַרקע דורות אין אַלטע צייטן
האָבן געבוירן פון ריזן אַ דור,
אַ באַזונדער לעבן, לשון באַזונדער,
שטאַרק ווי שטאָם,
וואָרצלען און זאפטן טיף אין מקור...

אין אַ טיפן טאָל ביים ריווער אָהייאָ
האָט באַזעצט זיך אַ שבט פון זיי,
מחיצות פון אייזן!
אייגענע גבורה
ווערקט דאָרט פון ריזן אַ דור...

גרויסע בנינים פון שטאָל און פון אייזן
האָבן דאָרט שטאָלערנע צילן,
שטאָלערנע מוסקלען, גיגאַנטישע קראַפט
דרייען דאָרט שטאָלערנע רעדער.

מוחות ,געשטאָלט אין באַגריפן פון אייזן
לענקען מעכאַניש אין האַרטע געזעצן
אַ שטאָלערן ווערק...

אין ריי און אין גליד דעפּילירן סימעטריש
הונדערטער שטיינערנע קוימענס
מיט גאַז־גרינע רויכעס, גרעל־רויטע פלאַמען
וואָס וואַקסן ווי פלאַנצן צום הימל אַרויף.
און אויוונס און שינעס און רעלסן און קראַנעס
און רעזערוואָארן,
און קוילן און ערץ,
און שטיינערן, שטאָלן געצייג
דינען טעמפּ־רעזאָלוט אַן אייזערנעם צוועק,
דורך אייזערנע שלאַנגען, אין שמאָלע זיגזאַגן,
צו גיסן גלוטיגע לאַווע,
אַ ברענענדיגן פּאַזשער,
זיך טאָפּענדיג שטאָל
אין אַן אייביגער קייט,
דורכ'ן טאָג — דורך דער נאַכט...

## אין הארץ פון בארג...

האָט גאָט זיינע אוצרות טיף פארבאהאלטן
וויכטיגסטע אוצרות אין וואוכטיגע בערג,
געטליכע אוצרות אין מדבר צושיט,
אין אייביגע טיפן פון ברויזיגן ים.

די זאפטיגע ערד איז זאט פון זיי,
אוצרות רוישן שטראָמיגע טייכן,
אין טיפן פון תהום פארבאָרגענע זאאטן,
צום טיפסטן פארבאָרגן פאר קנעכט...

האָט גאָט געלאָזט וואקסן אייזן און ערץ,
און הארן־באשאפער
צו דערזעלביגער צייט,
פארמעסט זיך דער גאָט־מענטש
מיט גאָטס גרימיג געצייג
מנצח צו זיין, אונטערצוווארפן
זיין שטארקסטן געהאלט
פאר גאָר דער וועלט...

אין הארץ פונ'ם בארג
ווערט א בנין געבויערט,
מיט יאָמעס און נאָרעס און שאכטן,
און ליכט פון דער וועלט
ווערט אין אייזן געשלאָסן,
וואָס באָרעט באהארצט זיך
מיט חושך און קראפט...

און שטאָלערן געצייג
און אָרעמס פון שטאָל
ראנגלען זיך מוטיג, פארביסן
האמערן קלאפ נאָך קלאפ
פון הארטן געשטיין,
פון פעלזיג געקוואדער
דאָס ערץ —
דאָס הארץ פונם בארג...

# אַ דור פון ריזן...

גרוי גרויזן אויפֿן ברעג פֿון אַ טייך,
מיט וואַסערן טריב און באַטריבט,
טיף פֿאַרגראָבן אַ פֿאַרלוירענער טאָל...
אַ מחנה פֿון קנעכט פֿירט אָן אַ ממשלה,
איבער אַן אייזערנער מחנה
פֿון ווילדע גבורים געהאַלטן אין צוים...

טעמפּע פֿויערן אין אַלע קאָלירן,
פֿון אַלע רויכעס גיפֿטיגע סמים,
און שטיקיגע גאַזן פֿון אַלע מינים,
דערציילן אַ פֿינצטערע מער
פֿון שבעים ושבעה מדורי גהינום.

פֿון אייזערנע קלעשטשעס
צוגליטע אויף רויט,
פֿון שטאָלערנע צוואַנגען
די נעגל געקרימט,
פֿון אייזערנע פּריטשעס
אין יעטוועדער לענג,
פֿון שטאָלערנע קאַמערן
אין יעטוועדער גרויס,

פֿון אויוונס צוגליעט
אין יעטוועדן גראַד,
פֿון מעטאַלענע ריטער
אין יעטוועדער מאָס
פֿון סיסטעמען פֿון גרוילן
אין יעטוועדן מין,
פֿון מעטאָדן פֿון פּיין
אין יעטוועדער שאַרף!

און אַלץ איז באַשימט פֿאַר אַ יונגן דור,
וואָס קומט אַרויס פֿון אַ שטאַם פֿון ריזן
מיט גלידער פֿון אייזן און ערץ —
אַ דור וואָס שרעקט זיך פֿאַר אייגענער קראַפֿט,

אַ דור וועמעס שאָטן ס'פאַרהילט די וועלט
פון ברעג צו ברעג,
אַ דור פאַלט פאַר פחד פאַר אייגענער **גבורה,**
אַ דור וואָס האָט מורא צו צופירן די **הענט!**
אַ דור דערוויילט פון גאָט
צו זיין דער נאמן,
איבער אַלע אוצרות
פון אַלע וועלטן —
אַ דור וואָס אין אים איז
דער טיפסטער יסוד, די שווערסטע אחריות
צו פאַרשפּרייטן דאָס פייער,
די גלוטן פון קראַפט,
דאָס ליכט פון קדושה
פון שיינקייט און טאַט,
פאַרן המשך,
פאַרן קיום פון גאָטס גרויסער וועלט..!

## פענצטער־פוצער

אייף גלייכע ווענט
געזימסן נאקעט
קלעטערט גלאטיג
א יונגער מענטש.
געוואגטע פיגורן,
אקראבאטיק האלב,
האלב טאנץ...

פאר יעדער מאטער שויב,
וואס זיצט אין הויז
און דעקט דאס אויג
שטעלט זיך אפ
ספאנטאן,
א דזשונגל־חיה ראסיג
מיט עלאסטיש־לאנגע
הענט און פיס...

גלאנצט מיט בלאנקע גריפן,
אפגעגנוצטע הייזער־ברילן,
לאזט אריין דאס ליכט...
און ראנקט זיך ווייטער,
העכער אלץ,
פון שטאק צו שטאק,
פון צווייג צו צווייג
בויגיג, אומבאוואוסט,
אין שווינדליגער סכנה
ווי אין פרייער לוסט...

•

## צען מענער אין בלויע בלוזן...

צען מענער אין בלויע בלוזן
רייסן די רעלסן
אויפן טרעק פון מיין גאַס.
צען מענער אין בלויע בלויזן
צושווייסן ענערגיע
פון שטאָל און פון אייזן
צו העכסטער פּאַטענץ...
צען מענער אין בלויע בלוזן
האַמערן אייזערנע נעגל אין אייזן...
טיק... טאַק... טיק... טאַק...

מעטאַלענע קלאַנגען
פון ברוסט און פון שטאָל
קלינגען אויס מיטאַמאָל,
אָדערן מוסקלען,
ברענען אין בראָנז,
די הויט איז קופּערן רויט.

דער פּנים געשניטן
מיט שווערט־שניט פון טאָג,
גופים וואָס פּעדערן אין שפּרונג,
צוויי הענט איבער צוויי
לאָזן אראָפּ
אייזערנע האַמערס
קרייץ איבער קווער,
טאַק... טאַק... טאַק... טאַק..!

צען מענער אין בלויע בלוזן
רייסן די רעלסן
אויפן טרעק פון מיין גאַס...

# נייטאָרנס

קלייניגקע הייבעלעך,
ראָזעווע, ווייכע,
לייכטע ווי פּוך,
יאַקעלעך, מענטעלעך
וואָלענע וואַרימע,
צאַפּלען ווי קליינע
קינדערישע הענטעלעך...

שטויסן גאַנצע,
מיט שפּיצן וואָס טאַנצן,
פון קינדער פאַר קינדער
געגרייט..
וואַרימע בליקן
פון מיידלישע אויגן
גלעטן און קושן
קינדער מלבושים...

— — — — — — — — — —

די אורמוטער גריסט
א דור וואָס קומט...

## מיידלעך אין פאבריקן...

ווייכע שטאָפן, גליטשן זיך
דורך מיידליש ווייכע הענט,
צארטע באַוועגליכע פינגער
צויבערן מלבושים
פאַר עפּעם אַ גוף.
פארטריפן די גאַנצע מיידלישע בענקשאפט,
פארלאַנגען נאָך שיינקייט
און דראַנג נאָך לעבן
אין יעדן שטאָך...

אָפט פלאַקערן אויגן
פון מי און באַגער
ווזיעם בליען אימאזשינער,
פון אַ פרוי...

אַ קילער לייב,
און לייכט ווי שוים,
אין הילן געוויקלט
ווי ווייכע וואָלקן,
גלידער פיינע, עלפערן־מאַטע,
עלאַסטיש און איידל־געשפאַנט.
אַנימאַליש־גראַציל...

בלויע נעכט...
טעראַסן,
שמאָלע וועגן,
ווייסער זאַמד,
פאָנטאַנען,
שטראָמען פון זילבער,
און ער...

## ברעד־ליין אויף טיימס־סקווער

מעטאַל און גלאָז בליסקען קאַלט,
פון פראָסט געשליפן — הארט,
קאָלירן גליווערן גלאַנץ,
וויקלען מעכאַניש פארלאַנגען און צוזאָג
אויף אַ לויפנדיק באַנד,
קאַסקאַדן בונטע ליכט
רוישן אין שטראָמען,
באַלייכטן טיימס־סקווער.

באַלייכטן אַ גרוי־טונקלע גרויזיגע מאַסע
מענטשליכע שאַנד.
אַ געדיכטער בריי באַוועגט זיך אַפּאַטיש
אַ שטויב־גרוי געבויגענע וואַנט...
שטאָלערנער שטריק האַלט סדר אין האַנט.

מאַשינעס, וועהיקל בליצן פארביי
פּאַלאַצן, פּאָרטיערן, רויטער וועלור,
ליווריייען — גאָלדענער שנור,
געצוקערטער שמייכל, דרוקטער פארנייג...

טיימס־סקווער!
פולז פון גיהנם און גאָלד!
באַקכאַנטיש צושפּילטער אָרקאַן!
אין דער סאַמע מיט,
אַ גרויער קנויל — איין קניפּ.

פון צייט צו צייט
רירט זיך אַ קייט,
לייזן זיך אברים,
שטרעקן זיך ציטעריק הענט.
פארשטאַרצטע פינגער געקלעמט
צו פּאַפּירענע בעכערס
ווארימען טרונק...

# מיין נעגער־מיידל.

א שאָטן שוועבט ארום מיין בעט,
גליטשט זיך אַרום ווענט,
פלאַטערט אַרום מיר.
א גוטער גייסט, לייכטע הענט,
תמימות אָן א שיעור,
היט אָפּ מיין רו,
מיין אָפענע טיר...

גלאַנצט אויף א שמייכל
אויף א טונקעלער הויט,
גליט אויף א ליכט
אויף א שווארצער קויל
הערט זיך פון ווייסליכע ליפּן געזאַנג,
פאַראינערליכט פרומקייט יעטוועדער קלאַנג.
פּשטות און ריינקייט ווי מאַסע און ערד,
השגות און וואונשן פון קינדער־לאַנד...

מורא'דיגע קנעכטשאַפט,
זעלטזאַמע חשיבות
האַלטן זיך ביידע די וואָג,
איבערגעגעבן געטריישאַפט,
ליבשאַפט, עניוות
אוודאי נאָך אַנדערע אינסטינקטן, געפילן...
ווער דערגייט דיינע טיפן
נאָענטע, פרעמדע — זעלטזאַמע קרעאַטור...

## באגעגעניש.

אקעגן מיר זיצט
דעם שטערן געצייכנט,
בלייך — פארשפיצט
א זון פון מיין צייט,
א ברודער אין נויט.

ווי לאנג שוין זיצט
אין א שיף אָן רודער
איינער אליין,
געפאנגען פון פיין...

דער צינערנער לעפל
פארגעסן אין האנט,
דער לעצטער ביסן
אין האלז...

דער קעלנער מאכט א בויגן,
מיידט אים אויס
אין רונדן קרייז...

אינמיטן געווימל,
אומגעזען פון העלן געטומל
טרוינט פאטאל, אומבאקימערט
שווארצער שרעק...

כ'וויים ניט ברודער,
מאכסטו ווי דו טראכטסט
כדי פארשטעלן אז לו שלאָפסט?
טוסטו ווי אין שלאָף,
כ'זאל ניט זען ווי דו טראכטסט...?

דו טייל און אָפּקלאנג פון מיין איך,
האלטסט די ריגלען צוגעשלאָסן,
אונטער צער באהאלטסטו דיך
אויגן בלויע, בליי געגאָסן...

ווי גלייך דו זיצסט, געשטרעקט
ווי שטייף דער נאַקן — שטאַר...
און זעסט ניט ווי איך זע
אַ ביינִיג־גרויע האַנט
וואָס נעמט אַרום דיין שטאַרקן האַלז
און וואַרגט...

צו פילסטו ברודער,
ווי מיר ברענט דיין וואונד
געשלאָגן בלינד?
ווי כ׳לייד פון שולד,
וואָס פּאַטום טעמפּ
טרעפט גראָד דיך
ווען איך בין נאָנט?...

# מאסן.

מאסן וויסטע, ווילדע פלוטן,
ווי דונערט אייער טריט!
קלאפן שריט און הענגען קעפ,
כוואליעס מוט און כוואליעס קראפט,
קלינגען אויף א טרעפ...
וויפיל דורות הינטער אייך
וויפיל אייך פאראויס?
וואו וואוינט גאט אין אייער מיט,
בלינדער פאטום טעמפ,
וואו געבויט זיין הויז...?

וואו קאלט און פינצטער קלאפט דער טריט?
ווי גורל שווער און בענקשאפט ווייט,
אן אויפהער ווי די צייט...?
וואו ס'גליט א פלאם אין אויגן־ליכט?
ווען ס'שיינט אמונה תמימות'דיג?
ווען ס'ברענט עקסטאז, ווי רויטע גלוט?
ווען אויפרור פלאמט אין יעדן גליד?
ווען אורמאכט רוישט אין שריט...?

פאטום טעמפ אין דורות־ריינגען
ס'רוישן כוואליעס, מאסן, קעפ
ס'רוישן שריט אין ציל און צייט
מאסן וויסטע, ווילדע פלוטן,
צו וואוינט גאט אין אייער מיט...?

מאסן־מענטשן, פלוטן־מאסן,
חלל וויסטער, פנים איינער!
ס'קלאפן שריט,
ס'פליען קעפ,
ליכט זיינט איר!
מדרגות איר און ציל —
גאט אין אייער מיט!

# מאסן אין גאס

מיליאָנען רוקן, פון הונגער געטריבן,
פארפלייצן דעם שווארצן אספאלט...
מיליאָנען שריט, מיליאָנען טריט
אויף שווארצן ברוק.
טעמפע נויט, אַ טעמפע דרוק,
לאווא פליסט און פרעסט.

ס'טרעטן שריט אַ גרויעם טריט
ארוים אין גאס,
איינציגווייז,
אין מאסן...
איבער בריקן און טראקטן
און גאסן.
ס'שפרייטן שאָסייען וועגן ווי טעלער,
פאר גרויער נויט,
אַ טעמפע דרוק גראָבט.

ס'העפטן זיך בליקן
געקאָוועט אָן שריט,
רוקן נאָך רוקן,
אין ריי און גליד,
אַ קייט.
פלאסטער הילעכט,
ס'גלאנצט דער אספאלט,
גרויע נויט וואקסט אויף,
ווערט גרויס.
גרויער שטויב ברענט,
שפריסט בלוט
און קראפט און מאכט.

מאסן פלוטן, אַ שטראָם דערגרייכט,
באוואוסטזיין און גלוט פון טעמפער וואוכט,
מאכטפול און עלעמענטאר,
ווי בלוט און פאָזשאר.

פֿאַרציטערן טורעמס אין פּאַניִשן שרעק,
וואַנקען פּאַלאַצן פֿאַר אַרבעטער־הענט,
פעסטונגען פֿליען פֿון גוויט געשפּרענגט
אין דער לופֿט.
גרויע נויט פּונקט טעמפּ ווי ווילנס
פֿון מאַן צו מאַן,
און רינגלט פֿון ווילנס אַ קייט...
און רינגלט פֿון מאָרגנס אַ קייט...
פֿאַר אַ מאָרגן...

## נעפל איבער דער מאס...

זעלטזאמע צייכנס,
וואונדער וויסטע
שיקט גאָט אראָפּ צו דער ערד.
בערג און טאָל
און פעלדער פוסטע,
זיינען באַפאַלן
פון פילציגע מראקעס
וואָס פאַלן אין קנוילן
שוועלן די ערד...

— — — — — — — — — —

שטיקן דערוויילע
נאָר זקנים און קינדער...

יונגע הרוגים שטרעקן די גלידער,
מתים פארשיטע, אין חיבוט הקבר
שפּרענגען די קברים...
אברים צוהאַקטע זוכן דעם לייב
וואָס ליגט א דערשטיקטער
אונטער א בארג...
בלוטיגע פינגער שווערן א שבועה...

גאָטס קרעאטור,
געפאַלענע פערד,
צושאָסענע הינט,
און ביידנס ברודער מענטש —
קלייבן טויטע געריפּן,
בויען פון טויטן געביין
א טורעם אין הימל אריין...

זעלטזאמע צייכנס,
וואונדער וויסטע
שיקט גאָט אראָפּ צו דער ערד...

# טאַנק.

אייזערנע קאַלאַסן ריקן מיט וואוכט
אויף אייזערנע רעדער,
ראַזירן גלאַטיק בערג און טאָל,
צומאָלן גראַניטענע סקאַלעס
אויף שאָטער און שטויב מיטאמאָל,
מויערן, שאַנצעס,
שטיין און ביין
זיינען גלייך געמאַכט מיט דער ערד...

יעדע לייוונט
ווייזט יעדן אָוונט,
באַגלייט פון מוזיק
דעם נס פון פּראַגרעס...

בשעתו —
וועלן אייזערנע קאַלאַסן
זיך גליטשן איבער מענטשליכע לייבער.

# גאז־מאסקן.

אַלט און יונג, אין תמימות
אַרבעטן, ווערקן בשלימות,
איבער רואיגע דערפער,
שיט אויס איר ברכה
אַ נייע מלאָכה
אין פרידליכע הענט...

רעקלאַמעס צוטראָגן די בשורה
...גאַז־מאַסקן פאַר טויט־קאַנדידאַטן!
אויסצוצאָלן, אויף ראַטן...

אַלאַרם־גלאָקן וועקן פרידליכע שטעדט,
צו פייערן אַן אַקט פון פּראָגרעס,
גענעראַל־פּראָבן צו פּראָווען,
פאַר אַטאַקעס פון גאַז!

אַלאַרם־סיגנאַלן האַלטן אַ שפּיגל,
פּיקסירט פאַר גאָטס קרעאַטור!
פאַר מענטש און פאַר חיה
פאַר קינד און פאַר קייט
געיאָגט,
אין טויט־שרעק פאַרכאַפּט,
אין אַ קלאַטקע...
ניט צו אַנטרינען,
די שטערנס געצייכנט
פון אַ שלייכנד געשפּענסט,
פון שטיקיגן גאַז,
וואָס דרינגט — דאַנק פּראָגרעס —
אין בלויע שפּיראַלן,
דורך ריסן און שפּאַרעס
פון הויז און געצעלט...
און טוט פאַטאַל
זיין וואַרגנדיג ווערק.
איבער גאָטס קרעאַטור,
איבער חיה און מענטש...

## צ ע פ ע ל י ן.

א זילבערנער פיש שווימט איבער כוואליעס
פון בלוי און פון ליכט.
אן אוואל - שלאנקע חיה,
די פּאשטשע פון גלאנצעדיק זילבער,
ליספּעס רעכט־עקן קאנטיק געניטעוועט,
זילבערנע טאוולען האר־שארף געלייט,
פּלאסן און עק זילבער־געהאמערט.
און אויגן־פענצטער
רויטע רובינען בלויע טירקיזן...
און דרינען אין לייב פון זילבערנעם ריז
לוקסוס־פּאטעלן, געטאוולטע ווענט,
קלוב־צימער, שפּילבענק אייז־קילער, ראדיא,
יעטוועדער לעצט־ראפינירטער קאמפּארט.

א פרידליכע חיה,
געבוים צו דערהויבן לעבן און בליק,
צו אנטפּלעקן א בראקן אומענדליכקייט
פאר טראגישע גרעניצן פון מענשליך דערקענען,
פון מענשליכן זיין...

דערווייל פליט זי לייכט און גראציל,
מענשליכער מח וואגט זיך א שפּאן־ברייט
פון היינט אינם מארגן.

א ריזן־קאלאס הענגט אין לופט, שוועבט אין ליכט,
וואס וועבט מיליאנען איילן
זיידן־שימער אין בלויע טעג,
וואס הויפט מיליאנען קנוילן
פייכט־גרויע נעפּל אין פּאררעגנטע טעג,
וואס געבערט מיליאנען מאנסטערס,
פּארוואגלטע וואלקן,
וואס גלימערט גליווער און פראסט
און טאג און נאכט
דעם ריזן־קאלאס צו פיס.

זיינען אַלעמענס אויגן געשמידט צו דער הויך,
צום ליכט־אינסטרומענט,
ציען אַלעמענס בליקן צום זילבערנעם נס,
וואָס נידערט טיפער אַרונטער,
שיט אויס פול חסד אַ זילבער־רעפלעקס
אויף אַלעמענס פּנים...

פילן זיך אונטן אַלע מענטשן דערהויבן,
ס׳האָבן אַלע אַ חלק דאָרט אויבן,
דאָס בעסטע, דאָס נאָבלסטע —
געניוס און גלויבן
אָן מענטשהייט און מאָסע
דאָרט אויבן אין ליכט אינקאַרנירט...

פון צייט צו צייט דערהויבט זיך אַ זילבערן װוּנדער
און פליט אין פעסטע מאַרשרוטן פון פאָל צו פאָל,
איז מנצח אומענדליכע מרחקים פון אײביקן אײז,
איבער גרויזיג פוסטע מדבריות
פון פענען צובושעוועט,
פליט איבער עקזאָטיש־בונטן אָריענט
אין נאַקעטער נויט,
איבער ציוויליזירט מעכאַנישע טיילן פון ערד,
אומעטום אַ גרוס און באַגריסט,
אַלס שליח פון אַ װעלט
פון אירעאַל־רעאַלער מעטאַדישער גייסטיגקייט,
מיטן רויטן ברען פון ווירקליכקייט און פאַרווירקליכונג,
אַ פלאַמענדיגער סטאַנדאַרד אין מעכטיגע הענט...
שפּרייט אויס מענטשליכער גייסט די פליגלען ווייט,
שפּרייזט אַ שפּאַנברייט אַריין אינם מאָרגן...

אָפטמאָל באַווייזן זיך צענדלינגער,
הונדערטער נייע מאָדעלן,
מעכאַנישע עדות פון קונסטשטיק און קונסטווערק
פון עלאַסטיש־אַקראָבאַטישן מענטשליכן מח...
איז אַ שמחה — אַ פרייד!
זיינען מיר דאָ אונטן אַלע באַרוישט!
בייגט זיך אַ הימל איבער אונזערע קעפּ!

— — — — — — — — — —

און איך טראַכט;
צו זיינען מיר זיך אַלע אין שטילן באַוואוסט,
אַז אונזער אינטעלעקט, אונזער געניוס
איז אַ קנעכט! דינט, דור־דורות
און ביליג פאַרקויפט — פאַר אַ טאָפּ מיט זילבערנע גראַשן —
ביי קנוט און מאַכט.
אַז אונזער גייסט, אונזער געניוס
באַשאַפט אינסטרומענטן,
מיט מעטאַל־האַרט, מעטאַל־שווערע פליגלען
וואָס שוועבן גראַציל אין דער לופט,
כדי צו הענגען איבער אונזערע קעפּ!
און בעת ס'וואַגט זיך אַ שפּאַנברייט
פאָראויס דער מענטשליכער מוח,
וועלן אפשר מיר און אונזער דור
זוכה זיין צו בריזען
איבער אַ רויטן ים פון רויטן בלוט
פאַר אונז געגרייט פון אונזער גלות,
און דער ליכט־אינסטרומענט
הויך אויבן איבער אונזערע קעפּ
וועט טראָגן אין זיין לייב,
אין שפּאַנברייט צוקונפט פאָרויס,
שטאָט לוקסוס, קאָמפאָרט
פאַר אונזער פרידליכן זיג
איבער מענטשליכע גרעניצן,
מענטשליכער ערד־געבונדנקייט, —
פּולווער און בליי, שטיקשטאָפן, באָמבן און גאַזן
און אַלע בלוטיגע מאָרד־געציייגן,
כדי צו צושמעטערן אונזערע קעפּ,
און דאָס צירליך־גראַציעלע ליכט־אינסטרומענט
אַ מאָרד־אינסטרומענט
צו דעם איינציגן צוועק געבויט,
כדי אין שפּאַן־ברייט פראָגרעס פאָרויס
פון מענטשליכן גייסט,
אין אומזיכערער צוקונפט
צו וואַרגן אונז, אונזער יונגן דור,
איינצוברעכן אונזערע מויערן איבער אונזערע קעפּ...!

## גאז־טויט

פארטיפט אין סודות פון זאכן און וועלט,
אין א ווינקל־חדר, אין א שטילן געצעלט,
זיצן און זוכן דעם לעצטן סוד
פון עלעמענט און שטאף,
געלערנטע, פארשער, אונזערע שלוחים,
און זיינען מצליח פאר אונז...

פרידליך זיצען חכמים, זקנים,
דערגייען מיט שארפזין דעם לעצטן וועג.
פארשן און זוכן נאך אייביגע אמת'ן,
נאכ'ן לעצטן תירוץ.
בנעימות'דיג, בהדרגה...
פאכלישע קענטעניש, פיזיאלאגישע ווירקונג,
אויסגעמאסטן,
קאלט, אביעקטיוו, ווי ס'איז פאקט...
און דערגרייכן, דערגרייכן דאס גרויזן אליין...

שלייכט א געשפענסט,
אן פים, אן הענט,
אומפארמיידליך, טויט פון גאז!
פארמלאז, ווייך גרויזן,
אן נעגל, אן קראלן
שלייכט זיך און ווארגט...!
אינטעלעקט שפאנט,
א ברענענדיגע פאן
אין בייניגער האנט,
יאגט טויט און גרויז פארויס..

שלייכט פטירה, אומהיימליך,
ווי גרויל און פארניכט...
זויגט אויף יעדן טראפן פון גרין,
פון בלאט און בוים,
זאנגען גאלדן־געל ווערן ברוין פארברענט.
קארן־בלומען בלויע פארשרפעט אויף רויט,

מעטאלן קופּערצן, פון הויך פון טויט באריירט.
מענטשן־ליפּן, פאַרבלאַט, אַש־גרוי די הויט,
ווייס פון אויגאַפּל בראַנדיגע בלוי,
אינגעווייד ברענען, ס'שטיקן זיך לונגען,
דאָס האַרץ שפּרינגט געוואַלטזאַם צום האַלז...

שטימט.
ביז צום לעצטן.

— — — — — — — — — — — — — — —

שרעקן מאַרשירן אָן שריט,
טויט און גרויל שפּיגלען פאַרגלייזט זיך
אין מענטשליכן אויג...

פאַרפּלאָנטערט דיין רצון, דו גאָט און האַר!
שליחים דיינע דינען צו געצן,
קרייצן די שטאָפּן,
געפּלאָנצט פאַר דיין קיום,
און מישן,
מכשפים פון פאַלשן כשוף,
אַ לעצטן תירוץ פון אַ פאַלשן אמת,
דעם סם המות פון גאז...!
אין דיינע געצעלטן, גאָט און האַר,
זיצן קנעכט!
וואָס פלאַנצן די טומאה
אין דיין משכן!

# ניו־יארק

## ריטם פון שטאָדט

דער באַס פרעסט צעאיגן קיט,
טרעט דעם אַספאַלט טריט נאָך טריט,
שטעלט זיך אָפּ בלאָק נאָך בלאָק.
גאַס געטרעטן פון יאָך, געגלאַנצט פון האַסט.
די ברייטע גאַס ווערט ענג געקלעמט,
וואָס העכער ס'וואַקסן ווענט
אויף יעטוועדער זייט ווערטיקאַל.
און ווערט געשלייפט אין לענג
פון יעטוועדער זייט פון פאַרקער.

בויען זיך בערג הילכיגער שום,
מיט אָפּ־ און צוגום וואָס שטייגט און פאַלט
כוואַליג ארויף און אראָפּ,
און ווערט געטרעטן, גלייך געמאַכט מיט דער ערד,

דו שוועבסט אין רויש אויף פליגלען פון רעש
און שטייגסט באַרג־ארויף באַרג־אראָפּ,
דער פוס זוכט אַ האַלט און פאַלט...

סירענעס צוטיילן דעם טומל אין פלעכן,
סקאַנדירן דעם טעקסט אין שפּיציגע פסוקים,
שטייגן אָפּט פוגן אין שטילע קאַסקאַדן,
די ריטמען געשטייגערט אין הויכע קרעשענדאָס,
וואָס פאַלן אין שטורצן אראָפּ.
און אייזערנע צוגן וואָס ציען זיך שלינג־שלאַנג
און ראַסלען פאַנפאַרן איבער אונזערע קעפּ...

ליכטער בליצן אין אָפּזאָץ פון טעמפּאָ
קאָלירן שפּריצן שימער און ליכט...
רופט רויט אין רוים, אַנטשטייט אַ רוק
וואָס שטעלט אַלץ אָפּ,
דער רעש איז געשמידט צו דער ערד.
און לייכט אויף גרין, הייסט סטאַרט צום ציל,
ווערט שוואונג געפּאַרט מיט לאַסט באַשווערט...

אין „ראש-אויער"-שעה'ן שוועלט דער רויש
געשפּאַנט אין אַן איינציגן שטראָם,
אַלע היבלען זיינען אין לויף.
אַ תוהו ובוהו אין אַלע דימענזיעס.
וועהיקל און באַסעס, סאָבווייען און באַנען,
און מענטש-מאַטעריאַל אין זיי און מחוץ.

אָדערן פון רעש, צום שפּרינגען געפילט,
מעכאַנישע װענע, מענטשליכע נערוון,
צוזאַמענגעשווייסט, אינאיינעם פאַרקניפּט
בילדן אַ קנויל אויף אַ קרייצוועג...

אַ פּלאָנטער פון מאַשן שיילט אויס האַראָפּאַשנע,
באַנען, מאַשינעס, וואָס קרעכצן באַלאָדן מיט לאַסט...
ברויזט אַן אָרקאַן!
הופן, סינקאָפּן קלאַפּן דעם ריטם,
זייגערס שלאָגן, קלינגען גלאָקן,
ריידער דרייען, צונגן לויפן
אויף דערשיטערטע בריקן,
וואָס הענגען ווי וויזיעס אין לופט!

ליניעס שניידן זיך, לויפן אַקעגן,
קאַטאַסטראָפעס הענגען אויף אַ האָר!
די פייער-ווער פילדערט אָרגיעס דיסאָנאַנצן,
דער רעש שטייט שטייף אויף פעדערשטע פיס,
זיכערהייטס-וואַך מיט אייגענע סיגנאַלן,
סאַניטעטס-וועגן טרוּוירינג באַזעצט
לויפן אַקעגן אַן אומזיכער ציל...
לופט-שיפן ראַטערן די לעצטע קאַדענץ...

גייט צו נאַכט אַ זאַכטער שריט,
אויף זוילן פון שווייגן און שאָטנס,
רוישט דער רעש אין ווייכע טריט
און האָרכט...
און טעמפּט זיין קלאַנג און וואָרט...

# ניו־יאָרק

ברוינער בראָקן הארטע ערד,
ענג געקלעמט,
פון ים געפּענט,
כימערישע אינזעל וואָס הענגט אויף אַ האָר,
מיט פּליסיגע מעסערס פון זילבערנע ריווערס
געשניטן אינמיטן פון הארץ...

בויגנס, אַרקאַדן שוועבן אין לופט,
הענגיגע בריקן אין ליכט,
אַנקערן דיין המשך מיט שטאָל און בעטאָן
פון ברעג צו ברעג.
ניטעווען רויע, רווישיגע ריסן צו קוואַליגער גאַנצקייט.

כימערישער ווינקל!
פון פאַנפאַרן באַשווינגט! פון לייכטטורעמס באַלויכטן!
געשטערעקטע חוט השדרה, אין זיך אַליין באַזירט.
דעפענזיווע פעסטונג,
געגרייט פאַר טיטאַנען־אַטאַקעס
פאַר אָנגריפן פון הימל און ים.

דיך האַלזט אַ ים אין מעכטיגע אָרעמס,
צערטליך — און שרעקליך!
מאָנומענטאַלע פּאָרטע פון אַ נייער וועלט!
וועמעס טורעמס ס'שניידן דעם הימל.
מילשטראָמס און פּענען, טראָפּישע טאָרנאַדאָס,
בושעווען מיט אכזריות אַרום דיינע גיגאַנטישע טויערן,
די רויז פון די ווינטן
אַנטפּלעקט אַלע אירע דערנער פאַר דיר!

מענטש און מאַשין און דיין ווילדע נאַטור
ווירקן ספּאָנטאַן בלינד לויט אימפּולז,
לויט געזעצן פאַראַן, ניט פיקסירט.
זיינען שריט דיינע אָפּטמאָל פאַרווירט,
בלאָנדזשען, שטרויכלען,
ווי קינדער וואָס לויפן, אַז זיי קענען ניט גיין.

פון דאַנען פרעמדע פלאַנצן,
גאָטישע קלויסטערס, איטאַליענישע פּאַלאַצן,
פראַנצויזיש מיטל־אַלטער,
פרעמדע עברס אוועקגעשטעלט
אינמיט פון אינגלישער פרישקייט,
פון האַרב־זיסע אָטעמס,
פון קאָלאָסאַלער מוסקולאַטור,
נאַקעט און רואיג,
וואָס זאָגט איינפאַך:
כ'בין.

דו בויסט, אויס פרייד צו בויען,
און וואַרפסט איין, כדי צו בויען אויפסניי,
אויס אייגענעם ריטם אַרויס.
קאָכקעסל גיגאַנטישער!
דיינע שטראָמען און גאַזן
האָבן נאָך ניט געהאַרטעוועט
קיין לעצטע פאָרם פאַר דיר.
פעלקער־מאָזאַאיק!
אין אַלע דיינע לשונות
קלינגט אַן איינציגער וואָרט:
מיר בויען ניי — דאָס נייע...

## וואַלקן־קראַצער

אין לעבעדיקן פלייש
פון פעלזן האַרטע
האָבן שטאָלערנע ריזן
אַנקער געוואָרפן.
אָרגאַנען, איינגעווייד,
אָדערן, לונגען
טיף אין גרונט פון ערד
פאַרזייט...

שטראָמט לעבן פון גרונט,
אין געריפן פון אייזן,
וואָס טרייבט דינאַמיק
פון וואַקסן
צו העכסטן משוגעת...

ווערטיקאַלע שטייגן
אָן אַ פאַרפוץ
ווי רוימישע צאָלן,
פענצטער — נולן־קוואַדראַט.
טאָג־איין, טאָג אויס
וואַקסן זאַכלעכע קאַסטנס,
שורה נאָך שורה,
קנאַפ און שאַרף,
ווי צוועק און באַדאַרף...

גראַניט און מאַרמאָר
הילן ווי הויט
שלאַנקע שטאַטור
פון שטאָלערנע ווענט.

אַ פיין געפלעכט
פאַרזאָרגט מיט בלוט
יעדע ריפ.
וואָס פולזירט,

אין קראַפט קאָמפּרימירט,
אין צענדליגער ליפּטס
אַרויף און אַראָפּ,
אַרויף און אַראָפּ...

אין בלויע נעכט
האַנט אין האַנט
שפּאַנען אייזערנע קינדער
פון פעלזן־געשטיין
אין לאַנגזאַמע שריט
פּאַמעליך צום ים...
און שטעלן זיך אָפּ,
פאַרשיכורט סתם
פון קוואַל פון ים...
קומען אַטלאַנטישע שטורעמס,
טאָקן אַסקעטישע מאָגערקייט,
ווארפן ווינטיגע אָרעמס
אַרום פעלזן־גיגאַנטן,
וואָס שטרעקן די קעפּ
אין די כמאַרעס...

צינערנע בלעטער,
זילבערן ווייסע
דעקן די דעכער
פון טעמפּלען פון זון,
וואָס פאַרטרייבן די זון
פון דער ערד...
דזשונגל־געוועקס,
ווילט־ערופּטיוו,
אַזטעקן־פּיראַמידן
פון בלויע לבנות
טרייבן לבנה און שטערן פאַר זיך...

## ר אָ ק ס י .

א טעמפּל פון א פאַרצייטיגן מלך,
געהאַלטן טונקל און שווער,
קופּערנע טויערן אין אַלטן סטיל,
גאָלדענע סקלעפּיניעס אין געוואָלטער אַנטיקע.
סופיט איז לויטער געשיכטע...

א מעקסיקאַנישער פּאַלאַץ...
טראָפּישע פּלאַנצן,
דושנער אַראָמאַט, איבערהיצטע אַטמאָספערע,
שווינדל־קרייזן, זינען שווינדלען...

געמעלן, בילדער, פּאַטריאַרכאַליש שווערע
גאַנצע גאַלעריען געהויפט...
שווערער, רויטער וועלור,
ווייך און וואַרעם, טייוואָליש דיסקרעט.

ליכט ווי פון מראות
פאַלט פון אימיטירט אַלבאַסטערנע בעכער,
גרעל־גרינע לאַמטערנס, פרומע הענג־לייכטער,
אין ווינקלען־קאַפּליצעס
פאַר פאַרשאָלטענע זינדער.

אָרקעסטער מעכאַניש געצויגן,
גאַלאַ ליווּרירט,
און מוזיק... קלאַסישע, גרויסע !
צוביטן אויף גראָשנס, געשטעלט פאַר באַביט.

אויף דער סצענע פאַרצוקערטע גראַציע,
פאַלשע פרייד, פאַלשע קאָלירן,
דאָס ליכט איז פאַלש, און די ליבע.
פאַלשע מאַגיקער
פאַרטיילן פאַלשע טאַליסמאַנען,
פאַלשע נביאים פאַלשע קמיעות...

## בראָדוויי.

ס'ברענט אין בלוט,
סוד און באַגער.
בענקשאַפט ברענט
נאָך נאַכט און אין סוף,
טיף פאַרבאַהאַלטן
ברענט טונקל אַ זשאַר,
אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל
ברענט רויט אַ פאַרלאַנג...

האָט אַ דור זיך פאַרמאָסטן
צו פאַרטרייבן די נאַכט.
האָט אַ דור זיך פאַרנומען צו פאַרניכטן דעם סוד,
און ליכטער געצונדן אויף אַ ברייטן טראַקט,
און קאָלירן געוואָרפן אויף אַ ווייסן שליאַך...

דראַפּען זיך הבטחות אויף גלייכע ווענט,
בלייכע געריפּן וואָס שרעקן די וועלט,
ביזאַרע סקעלעטן אָן אַ טראָפּן בלוט,
פּאַפּירענע געטער מיט לייש־גאָלד געניטעוועט,
אויגן פון גלאָז מיט אַ פּוסטן גלאַנץ,
מעכאַנישע מוחות, געשטעלט אויף אַ וואַנט.

און צוצויגענע אותיות לויפן אַקעגן,
ווייזן אָן וועגן — ניט קיין וועג,
לויפן אַקעגן ניכטערנע רמזים,
דבורים באַלייכטן אַ ליידיגן תהום.
פאַרדעקן דעם עיקר — פאַרטרייבן די נאַכט,
פאַרניכטן דעם סוד פון וועלטן אין רוים.

מענטשן לויפן אין אַ ים פון ליכט,
און זוכן די נאַכט,
און זוכן דעם סוד,
בלאָנזשען געבלענדט
אין ים פון ליכט,
פאַרלוירן אין זוכן,
פאַרלאָזן פון נאַכט...

## בראָדוויי־פאַנטאָמען

ארום פאַראַמוינט־לבנה נאַכט נאָך נאַכט
טאַנצן פיעראָ'ס פון בראָדוויי...
אירליכטער נארן, שיטן הבטחות פון ליידיגע זעק,
סכעמען, כימערן טאַנצן אַנטזועלטע
געשפּענסטיג־גראָטעסק.
און ליכטער טאַנצן און פאַלשע שטערן,
ס'בלוטיגן קאָלירן פון אַלע פאַרן,
און סלופּעס, פיגורן, און וועגן, וועהיקל
טאַנצן...
גערייצט פון א ליידיגן תהום.

טאַנצן, געפירט פון בלוט און געברויז,
און ווערן פארטויבט, און ווערן געשראָקן,
און ווערן בארוישט, און ווערן פאַרוויגט...
„זייגערס, א נייער מין! שטעלן אָפּ די צייט..!„
„ציגארעטן די בעסטע! פריש פון דער נאָדל!"
„מלאכים אין גהינם! טייוואָלים אין הימל..!"

און צוועלף א זייגער האַלבער־נאַכט.
ווערט דער טאַנץ אַלץ געדיכטער...
בלייכע אנגסט און רויטער פאַרלאַנג,
און אַלע דעמאָנען
טאַנצן פאַרשטאַרצטע ארום א פאַלשן מזבח...
ס'שטרעקן זיך הענט, ס'בייגן זיך גופים,
ליניעס, בויגנס, פאָרמולעס טאַנצן...
מאַגיש באַלויכטן פון צוקנדע ליכטער,
פון מעכאַנישע בליצן,
פון פייערן, וואָס גליווערן פאַר קעלט...

— — — — — — — — — — — — — —

ארום פאַראַמוינט לבנה, נאַכט נאָך נאַכט
טאַנצן פיעראָס פון בראָדוויי...

# ליכט־רעקלאַמעס.

גרויסע אותיות אין גאָלד און אין בלוי,
בלאַנדזשען, גייסטערן אין רוים.
גרויסע אותיות, אויטאָמאַטיש געשטויסן
שרייען רויט! שרייען בלוי!
גרויסע אותיות פון זינען אַראָפּ...
חזר'ן איבער,
שטעלן זיך אָפּ,
בליצן...!
— אַ גרינער רעקאָרד...! אַ רויטער רעקאָרד...!
חזר'ן איבער אַ זינלאָזן תוך,
אַ טויבע טויטקייט הילעכט אין רוים
אַ גרינער רעקאָרד...! אַ בלויער רעקאָרד...!

***

ציפערן,
צאָהלען,
אותיות,
נעמען,
ווערטער,
נומערן,
טיטלען,
צייכנס,
סמנים,
שפּרינגען,
טאַנצען,
שרייען אין רוים, אין פּנים אַריין.
אָהן אַ האַלט, אָהן אַ זין,
אָהן אַ סבה, אָהן אַ יסוד,
אין דער לופט, אויף דער ערד, סיי־וואו.

ווייזן אָן, דערמאָנען, באַשווערן,
רופן, איבערצייגן.
אין אונזערע הענד! מיר פירן אָן,
זיינען אויף דער וואך!
אַלע אין אונזער מאַכט!

## מאנהעטן.

דיין פּלאַן מאַנהעטן פון גורל געצייכענט,
אין גרעניצן קנאַפּע
אויף אייביג פיקסירט אויף דער ערד.
ניט אין רוים.
בויט דיין דור צענדלינג אויף צענדלינג
מאַנהעטנס אין ליכט.

מאַנהעטן,
דו העקטישער קעסל,
פאַר טעכנישע פּרובן
פאַרכשוכטער טאָל פון דערגרייכונג,
פּרובשטיין פאַר אַלץ און דערפילונג,
קאַלעך־אויוון פון אייביגע פייערן
וואָס שטאַלן אין פאָרם
בליצן פון מענטשליכן גייסט,
רייץ פאַר מעטאַלישע פליגלען,
אין דער הויך,
רויש פאַר דינאַמאָ
פון שטאָף און מאַטעריע.

אין טיפקייט פון דיין גרונט
שפּריסט דיין גיגאַנטישע האַרץ
שטאָלערנע בלוט
פאַרן פּולס
פון דער וועלט,
אייזערנער מאָנומענט
פאַר איר קאָנסטרוקטיוון קיום.

דו בויסט!
אויף וואַסער, אויף זאַמד.
אויף באַרג און אויף לופט,
און אין טאָל.
מיט געניאַלישער זיכערקייט
אַלץ געשטעלט אויף איין קאַרט.

דיין דעוויזע —
קאַלאָסן צו בויען פאַר ריזן,
גייט אַפּטמאָל אַריבער
די ליניע פון ציל.
פון דאַנען פאַרצוקערטע אַספּעקטן
אַרום אייזערנע טויערן,
פון דאַנען פאַלשע נביאים
וואָס גיסן וואַסער אין בלוט־רויטן וויין,
מילדערן מאַרקאַנטע שטריכן
פון דייןווילדן קאָפּ
פון קאַמף געטאָקט,
פון האַרט געראַנגל אין טעמפּן טראָץ
קעגן איבערפאַלן ספּאָנטאַנע,
קעגן סאַטאַנישע איבערראַשונגען,
קעגן קלעפּ אומגעלומפּערט,
פון ים
פון לעבן...

## ארום מאנהעטן.

געשטרעקטע קאָנטורן
ציען די קרייזן
הויך צום ליכט.
ריזן אין שטיין,
פארשלאָסענע זיגלען אין שטאָל.

היעראָגליפן פון אייזן געשמידט,
געדעקטער פאָנטאַן
שפריצט שטאָלערנע בלוט
אין ברויזן־עלאַן
אין שטאָלערנע טעג...

בויגנס פון אייזן
געשפאַנטע ווי וואורף,
בריקן־סאָלומנען,
געצויגן אין לופט,
טענקס און הידרוילִיק
מוסקלען מעטאַל,
האמערן ווערק.
פליגלען פון שטאָל
וויען אין וועג...

# מאנהעטן־בריק.

הויך אין רוים, ווייט אין ליכט,
וויגט זיך א דמיון, א ווייטע בריק.
אייזן בעטאָן אין ערד איינגעפלאַנצט,
אייזערנע אנקער אין טיפן פאַרשאַנצט.
שוועבן, וואַקסן מאַסיגע וואַוכטן
מעכטיגע, ברייטע קאָלאָנען
איבער דער ערד — ווערטיקאַל...

רעלסן.
טריאַנגלען שווארצע פון רעלסן.
לאַנגע שורות, אייזערן־מאַסיווע געשטעלן,
דורכגעפלאָכטן –– מיט שטאָלערנע אָדערן־שטריק,
דריימאָל אין צוויי ליניעס געשײנט,
פירן די בריק צום ברעג פון קאַנאַל..

שלאַנגען,
ברייטע, דיקע שלויכן עלאַסטישע שטאָל
דראַפּען זיך אין לויזע דריי־עקן
ארויף און אראָפּ,
רינגלען בויגיגע שטרעקן
צום אנדערן ברעג...

האַלב־קרייזן־שינעס,
געהוילטע סקלעפּיניעס
בויגן זיך, גליטשן
אין ווייכע ליניעס,
אין געוועלבן־ארקאַדן
פון בלוי־שווארצן שטאָל.
מיט אייזערנע פּלייצעס שטיצן,
בלאַנקע געריפּן,
מאַסע און משאות איבער די בריקן.

דיאַגאָנאַלן אין אייזן, קוואַדראַטן אין שטאָל,
מעטאַלענע אָסנאָווע אין דימענזיעס דריי,

אויפגעזעצט פריי
און שטראף געשפאנט פון ברעג צו ברעג.
אין לאנגע אינטערוואלן
לויט באשטימטן מאס־שטאב
שליסן אויף און פארשליסן
אייזערנע קלינעס
דאס רעלסן־געריפ פון דער בריק...

און ראמבן, ראמבאאידן,
רעכט־עקן, טראפעצן
אין לאנגע שפיראלן
עלאסטיש געפעדערט,
און באלקן געגלידערט,
עקזאקט קאנסטרואירט
שטייגט די בריק,
שריט נאך שריט,
מאכטפול געשינט
פאר צוועקן פון צייט און פון ציל...

קייטן.
אייזערנע קייטן
וואס וועגן מיט גאלד,
בלויע רינגען ברייטע
פארבינדן ליידיגע עטאפן
פון קאלאנען ארקאדן,
ניטעוועץ אייזערן אקסל צו אקסל,
קייטלען אין רינגען די בריק.

מיילן־ווייט שוועבט
איבער לופט, איבער וואסער
שטאל און שטיין,
אין ווירעס געשניטן
פון ברעג צו ברעג.
פליען דריי־טיילן, דריי־בריקן
אין דריי־פאכע שיכטן,
געברעמט מיט פארענטשעס
געפלאכטענע שטאל,

מאגיש באלויכטן מיט לאָמפּן שטאפעטן
וואָס באלייטן, באהיטן רעש און רויש,
פאלאנגעס וועהיקל, שורות מאשינעס
קארס, אויטאָבוסן, סאָבווייען, לאסט־וועגן,
אויף דער ערד, אונטער דער ערד
פון אלע זייטן אין אלע ריכטונגען.
— און מענטשן,
וואָס שוועבן מיט —
אָפט הימל־הויך איבער דער בריק —
און פארהאַוועט־פארזאָרגטע,
קאָנקרעטער טייל פון איר מהות,
טרענקען זיך —
ווערן דערטראָנקען אין פארצויבערטע ריטמען
פון יעטוועדער בריק...

און דער ריזן־קארפּט־בוי,
לעצטער אויסדרוק
פון טיף־קאָנסאָלידירטער גבורה
גיט איבער סענזיבל,
א ראַסיגע חיה,
יעדעס וויברירן,
צארטעסטע ציטערן,
מאסיג דערשיטערן,
אטמאָספערע און לעבן איבער דער בריק...

און אלץ אינאיינעם א גיגאנטישער בנין,
אַן ארכיטעקטאָנישער וואונדער,
אַן עסטעטישער מופת פון מענטשליכער קראפט,
פון מענטשליכן בלוט,
פאר מענטשליכן געניום
א מאָנומענט...

# מאנהעטן־בריק איז באוואכט...

מאנהעטן־בריק אונטער וואך,
קוימענס אין צאל שטייען פארגאפט,
טראגן אן עול, שטרעקן זיך שטראף.
היטן די בריק ביי טאג און ביי נאכט.

קוקן זיך איין אויף גאסן ארום,
גאסן קוקן אויף זיי,
עטעמען אוים
מעכטיגע לונגען
פון גופים־פאבריקן
שטאפן און גאזן שעדליך דעם גוף...
ציען זיך שלאנגען
פעכקע וואלן,
גערינגלט, שפריזינעס
צום הימל ארויף...
פרעסן די קוימענס קאנטורן אין לופט,
לייגן א חותם אין ליכט.

כל המיני רונדע צילינדערס,
שטויב־גרויע גלאקן אין שטאל
קלינגען טויב
קלאנגען טעמפ.
טענקס אומגעלומפערט ברייט,
שטאלערנע לייבער,
עלעמענט־געפרעסט,
גלאצן אינדיפערענט...

אין קעסל־שטח פון מאנהעטן־בריק
שטייען בנינים, וויברירן ענערגיע
קאכיגע קראפט,
פרעסן און פרעסן אין אייביגן לויף
פון מאטערי — מאטערי.

מאנהעטן־בריק שוועבט אין דער הויך
איבער גלאנציג־גליטשיגע שפיגלען,

וואָס זאַפּן דעם רויך,
וואָס שלינגען די פאַרבן,
שטראַלן באַנייט זיי
אין גאָלדענע גאַרבן.

שטייען בנינים סטאַטיש פאַרשטיינט
בעת'ן ווייסן ליכטיקן טאָג,
הילן זיך אַלע אין שאַלן פון נאַכט,
צינדן איר לכבוד מיליאָנען נר תמידם
פאַרן טונקעלן שפּאַן פון איר וואָך...

און פּאַלאַצן אין שטיין,
אין ליכטער פאַרצירטע,
שוועבן צום שפּיגל פון מאַנהעטן־בריק,
דער שפּיגל פאַרציטערט,
שפּרייט אויס זיין רעם,
נעמט צו אָבעליסקן אין גילדענע ליכטער
דער הימל־שפּיגל שוואַרצער סאַמעט...
שווייגט טיף און ווייט...

# קרייזלער בילדינג.

א ווייסע וויזיע
הויבט זיך פּאַמעליך,
וויקלט זיך אין טראַנס,
אין וואַריאירטע שפּיראַלן,
צענדלינג אויף צענדלינגער פּלאָרס
אין דער לופט.
ווערט לייכטער וואָס העכער
און ליכטער,
פאַרקלינגט ערגיץ־וואו
אין אַן איינציגן טאָן...
אין די הויכן אויבן
שוועבט א ווייסע פלאַם
דער דאָם...
ווענענס לעצטער פינאַל
ס'וואַרפט אַראָפּ יעדן באַלאַסט
פון ערדן־שווערקייט,
וואָס פליט אין הימל,
א שטערן צו שטערן,
זוכט אויבן א פּלאַץ אין רוים.

דער גרונט־שטיין פון זעלטזאַמען בנין
איז מייקא־שיסט,
מילשטיין, פון גאָט געטאָקט,
טיף אונטער דער ערד.
שטיין און מעטאַל מאַטערי,
סובסטאַנץ פון א פאַנטאַסטישן חלום,
צוזאַמענגעטראָגן פון אַלע מדינות פון דער וועלט.

פון שוועדן שעסטן־גראַניט,
ווייסער גענאָרגישער מאַרמאָר,
פון בעלגיע בלויער,
מעקסיקאָ גיט אָפּ בורשטינענעם אָניקס,
וואָס רעפלעקטירט אין א גאָלדענעם קלאַנג
דאָס גערעקטע ליכט,
דעם זייגער וואָס ווייזט

אין אראבישע ציפערן — צייט.
ניראסטרא און מארמאר די טרעפן,
קעראמיק געארגישער מארמאר — לאוואארן.

טירן.
מזרח און מערב צפון און דרום
האבן אונטער באזונדערער באליכטונג,
אונטער אנדערע קלימאטן,
יארצענדלינגער — יארהונדערטער גאר,
געבאוועט די בוימער
און צוגעטראגן דאס האלץ
פאר יעדן קונסטווערק פון טיר.
בלעטער־דעסענען,
פאר יעדער טיר אן אנדערער,
אין נאטירליכן האלץ־קאלאריט.
א רמז אויף פשטות
פון דער אנדערער זייט פון קרייז.

די סטרוקטור.
לעצטער אויסדרוק פאר צוועק און ציל,
פון היינט פאר היינט,
יעדע טענדענץ פון ארכיטעקטור
און פון פלאסטיק,
פון געדאנק און פון טאט,
פון קאנסטרוקטיווער מעטאדיק
פון אונזער דור,
אין יעדן שטריך פון בוי אפליצירט.

עקסטעריער —
טיפגרינער, נארוועגישער גראניט,
כמעט שווארץ
א טאן שימערנדיג פערלמוטער,
די טויערן פערספעקטיוויסטיש,
א פארלוירענער אפקלאנג פון גאטיק,
שארפע קאנטיגע ליניעס,
איבערלעבנס־גרויס אדלערס אין לויף,
דער שפילעוודיגער צירונג פון בוי,

גיבן איבער טעמפּאָ און ריטם פון אצינד,
פון לעצטער מינוט..

דער פּלאַפּאָן פון לאַבי,
ווייזט אן ארבעטער,
מיט רוקן און לענד,
דער סימבאָל וואָס שלעפּט
שטאָל און שטיין אין הימל אריין,
גלידער, מוסקלען פון א ריז,
וואָס דיריגירט מיט הילף פון געהירן
עלעמענטן אונטער זיין ווילן,
וואָס פירט דעם קאַמף אויף לעבן און טויט,
וואָס וועט קיינמאָל ניט נעמען קיין סוף,
סימבאָל פון נאַטור־קראַפט,
פון פייער און וואַסער און ליכט,
און זייערע קינדער און קנעכט,
עלעקטריציטעט, פּארע און היץ...

און ארבעטער אין מאַסן,
יענע וואָס פיקסירן חלומות אין רעאַלע ווערטן,
יענע וואָס פירן די ליניע פון מייקאַ שיסט
פון טיף אונטער דער ערד,
ביז צום לעצטן אַקאָרד,
יענע וואָס שפּילן די גאַנצע סימפאָניע,
ביז ארויף צום טורעם פון דאַם
און העכער פון אים...

און טיף צו די פיס פון זעלטזאַמען טעמפּל
ליגט —
באַקבאַנטיש פאַנאַנדערגעלייגט
דער יונגסטער וואונדער
פון יונגע יאָרהונדערטער,
ליגט ניו־יאָרק...
וואָלסטריט, בויערי,
דער האַפן, דער ים.
אין מערב־זייט דער פּרעכטיגער האָדסן,
מערקאַנטילע ריטמיק

אויף די זילבערנע ליספּעס פון זיין רוקן.
איסט־ריווער וואָס האַלזט מאַנהעטן,
לאָנג־איילאַנד און ברוקלין און בראָנקס,
און אַלע אינזלען און טייכן,
אַזערעס און פּאַרקן,
וואָס הייסן ניו־יאָרק.

דער דאָם אין זיין וואָלקן־הימל
פילטרירט רעש און באַוועגונג.
לאָזט זיי פאַרגיין אין פאַרלווירענע מיניאַטורן
אין אַלע ריכטונגען
און ערגיץ פאַרקלינגען...

און בליצן מיליאָנען ליכטער ביי נאַכט,
בלישטשען פליטער אויף שוואַרצן געוועב,
פאַרהילן דיסקרעט,
פרעציז געצייכענטן זין און צוועק,
פאַרגיסן זיך שטיל אין אַ געמיינזאַמען שטראָם
צו אַן איינציקן ציל,
פון פאַסצינירנדיגן גלאַנץ
פון טויזנט קאָלירן,
וואָס שפּינען בלאַט נאָך בלאַט,
אַן אָפענער, כימערישער ספר,
וואונדער און לעגענדן
פון טויזנט נעכט פון ניו־יאָרק.

## עמפּיר סטייט

א טורעם פון גלעזערנע טאָוולען,
ראַנדן געשליפן קרישטאָל,
פון סטענגעס געהאַלטן
אויס מאַטן פּלאַטין...
דורך פליגלען און פיילער
געפלאָכטן פון פלאָר צו פלאָר
ביז שווינדליגער הויך...

א בנין וואָס פליט,
ווי ווענעציאַנישע גלאָז,
ווייט ווי ס'איז הויך,
און לייכט ווי פלוג.
סובטילסטע גראַציע,
אין יעדער ליניע,
געפּאָרט מיט ערצענער קראַפט.
און שטראַף געשפּאַנט,
ווי א פּאַנטער צום שפּרונג...

א דזשונגל-חיה,
פרעמד און האַרט,
קאַלט און שטאַרק,
דאָמינירט...
דער העכסטער בוי אויף אונזער פּלאַנעט,
ניט איבער גלויבן און פּאַטאָס
פון היינטיגסטן היינט...

גלעזערנע טאָוולען
לייכטן ווי אויגן.
פּירעקיגע שטערנס דערהעלט,
א מעטאַלן געפּלעכט עלעקטרישע קראַפט,
פילטרירט ממשות'דיג בלוט,
דערנערט א ווילדן געוועקס
אין אַלע פּאָרן פון אָטמענדיגן גוף...
און דריטען ווירקן וועלטן,

און ווילנס פון ווילנס ווערן רעגירט,
אַלע דערמאָנען אין קעסלען געהאַלטן
נסיונות און רייץ אויף נואַנסן געשטימט,
אָפּגעשטעלט אויף אַן איינציקן פאַנטאָם,
אויף גרויער, מאָנאָטאָנער מענטשליכער נויט...

ברייט־מויליקע מאַנסטערס
פירן באַקכאַנאַלן — געטעמפּט,
לאַנגע קאַלאָנען פאַרלאַנגען,
פאַרלאַנגען, קיינמאָל ניט געשטילט.
אויף אומצייליקע טרעפּן געשרויפט,
ווי חיות געררייצט.
און אַלע טרעפּן איבערבאַזעצט,
פרימיטיוויסטע, פרימערסטע צום שטאַרקסטן.
און אויף יעדער טרעפּ זיצט גרוי די נויט,
ווישנו טאַנצט און שטרעקט די הענט...
בעטנדיק,
באַגעריק,
פאַרלאַנגעדיק,
פאַרבענקט,
פרעגנדיק — פרעגנדיק...

## סאָבוויי.

א לאנג־געצויגענער קרעכץ!
ווי פון צוריסענע לייבער.
רעלסן גרילצן, קריצן, יעכצן
אונטערן וואוכטיגן דרוק פון עקספרעס...
סאָפּען׳ וואגאָנען
אונטער ענגע סקלעפּיניעס,
אייזן אן אייזן הרימעט, סאָפּעט, סיטשעט,
א גהינום דיסאָנאנצן
כוואַליעט איבער בלישטשענאיגע רעלסן.

פליט דער צוג איבער בריקן, טונעלן,
אונטער דער ערד,
שטעלט אָפּטמאָל זיך ערגיץ־וואו אָפּ.
קאָלירטע לאָמפּן ווייזן מעכאניש א וועג.

א שווארצער תהום אין לאנגע לאבירינטן,
שלינגט מאשינען־שלאנגען,
נאָס און פארדומפּן, אין געוויקלטן לויף.

אייזערנע שטייגן אין בלוי שווארצן־שטאָל
נעמען איין מאַט־מידע מענטשן,
טאָג־איין טאָג־אויס,
שלינגען, שווארץ־גרויע שטייגן,
מענטש־מאטעריאל, מענטש־מאטעריאל...

תהומות פייכטע אונטער דער ערד.
אפּאטיש זיצן מאַט־מידע מענטשן
גרוי און טעמפּ.
אַלץ איינס,
דער וועג איז לאנג און ענג
אונטער דער ערד...

## דורכ׳ן פענצטער פון סאָבוויי...

איסט־ריווער זילבערט,
דורך שטאָלערנע זיילן
פון ברוקלין־ברידזש...
א ליכט־גרוי כימערישע שלאַנג,
פון שטאָלערנע זיילן אין שטיקער געשניטן.
בליסקען צענדלינגער שלאַנגען
געריגגעלט אין זילבערנעם לויף...

א ווייסער פרימאָרגן אין זיידן
לאָקערט שטריכן פון צעמענט און פון אייזן,
אין טעמפּער וואוכט געפלאַנצט
אויף געבראָכענע ברעגעם פון ריווער.
ליניעס לייזן זיך, ווערן ביזאַר,
צוואוואקסן זיך טענקס, צילינדערס, געצייג,
אומגעלומפּערט אין גרוים און אין ברייט...
פארלירן די מאָס, גליטשן זיך אוים,
פאלן אין טייך...

פארשלינגט זיי דער ריווער,
באהאלט זיי אין טיפקייט פון גרונט.
דערהויבן זיך תושבים פון טיפן,
בליסקען אין כעס, ווימערן אין שרעק
הונדערטער אויגן, גרינע סמאראגדן,
שפּריצן מיט פייער ברענען אין זשאַר,
שווער צו דערגרייכן, ניט צו פארטרייבן
מאסיגע מאָנסטערס, טונקעלע שאָטנס,
איר־רעאל...
און בולט
און שווער...

# רעגן אין גאַס.

שוואַרצער אַספּאַלט
האָט זיך איבערגעצויגן
מיט אַ גרויער, אַ פּאַטש־נאַסער דעק,
דער הימל האָט ערגיץ זיך אונטערגעטונקען,
הענגט גרוי און שטאַר,
צינערן בלעך...

מאַשינעס גליטשן זיך,
אומזיכער, פאַרזיכטיג
איבער געגלאַנצטן גלאָז,
אַ שאַרפסטקע ווינט וויעט, בלאָזט
און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען...

טרויריגע ביימער באַוועגן טרויריג די צווייגן,
מיט טיף דערבארימען אויף זיך אליין,
נאַסע שילדן קוקן באַטריבט נאָך יעדן וואָגן,
זייער פאַרוויינט...

דער גרויער שימער פון שוואַרצן אַספּאַלט
ווערט טונקעלער, טיפער אַלץ,
סמאָלע, שוואַרץ,
אַ גלאַנציגער שפּיגל פון עבן־האַלץ.
ליכטער ציען זיך אויס,
פאַלן אין גאַס,
ווערן נאַס,
צושיטן רעפלעקסן
פון זילבער און גאָלד.

אויטאָס מיט אויגן,
רויטע ווי פייער,
גלימערן, בליצן
איבער שוואַרצן אַספּאַלט,
לויפן — העראָלדן אין פרעמדער שליחות,
אירליכטער בליצן,
אַ פאַרכשופטער וואַלד...

פייערינגע אויגן אין אַלע קאָלירן
פול מיט ידיעות זאָגן, דערציילן
זיינען פאַרהאַוועט, מעכטיג פאַרנומען
צו בלייבן אין טעמפּאָ
צו ריקן אין ריטם
אין ריכטיגער צייט...

אויפן ברעג פון גאַס
סימעטריש פאַרטיילט,
שטייען געלאַסן
גליאיגע לאָמפּן,
קוקן פון אויבן אַראָפּ,
שאַרף אויף דער וואַך,
פאַרשייטע מחבלים
זאָלן האַלטן א פעסטן מאַרשרוט.
כדי דער ריטם פון בליצן און בלינקן,
פון שימערן און בלישטשען,
פון קומען, פאַרשווינדן,
זיך באַווייזן, אַנטלויפן,
זאָל האַלטן סיסטעם און מעטאָד...

## דזשאַנק.

א בית עולם פון חפצים און כלים,
פון טויט מאַטעריאַל.
אָפּגעדינט אין ווערק און אין פליכט
ביז צום לעצטן קלאַפּ פון מעכאַנישן האַרץ.

איבערגעקומען דעם לעצטן שפּרונג
פון ווירקליכקייט,
פון קייטן, ווירוואַרן,
אַריבער די שמאָלע ליניע צום אימאַזשינערן תהום
פון נישט...

— א טויטער הויפן פון טויטע געריפן
גלאַנצט אין ליכט.
וואַרט אויף א גילגול...

## מעטאמאָרפאָזן.

א שוואַרצער שלעפּער, א קעמל־ריז
שפּאַנט איבערן רוקן פון ים,
קאָנטורן געבויגן שאַרפע ווי שפּיז
אינגעווייד — באַרג־אינגעווייד.

ראָב־שוואַרצע קויל, געשיכטעט אין מאַסן,
געקליבענע אוצרות, פון מענטש־בלוט געטרענקט,
הויבט אָן דעם מאַרשרוט פון מעטאַמאָרפאָזן,
איז זיך גאָר ניט באַוואוסט,
ווי לאַנג ס'איז דער וועג און ווי ווייט...
ביז אָן אָנקום פון ערשטן גילגול
צו ערשטער ענדגילטיגקייט פון נויטווענדיגן צוועק.

באַזירטע גאוונות פון מענטשליכן גייסט
פאַר מענטשליכן דינסט,
פאַר דינסט און פאַר קנעכטשאַפט פון מענטש־מאַטעריאַל.

און דאַן...
דער וועג באַרג־אַראָפּ.
אָפּגענוצט, צו נייעם פאַרנוצט.
מענטשליך בלוט צוציינדט די קראַפט,
מענטשליכער גייסט
פאָרמירט די סטרוקטור
צום נייעם גילגול...

און א וועג נאָך א וועג,
א שנוי נאָך א שנוי,
ניט צו אָנטרינען.
דורכגעגאַנגען וועגן און ווייטקייט
אַלע מניעות איבערגעקומען
כדי צו דערלאַנגען אהיים...
אהיים...?

## װערק־טאָג אין גאַס...

װערק־טאָג אין גאַס,
סירענעס צורײַסן די לופֿט,
באַסעס און טעקסיס,
מאַשינעס אין לוקסוס,
הילעכן געװיכטיק
אין שװערע אַקאָרדן,
הופּן, מאָטאָרן,
געראַסל אויף שינעס
פֿון לויפֿנדע קאַרס —
לאַסט־אויטאָס קרעכצן אַסטמאַטיש באַשװערט,
באַלאַסטן און פּרעסן דער גוף פֿון דער גאַס.

בליצן רעקלאַמעס אין גרעלע קאָלירן,
ברענען און בלענדן דאָס אויג פֿון דער גאַס,
און יעטװעדער װינקל פֿון יעטװעדער גאַס
מאַסיק געבאַלט פֿון װערקטאָג געפּרעסט.
און יעטװעדע קרײַצונג צוזאַמענשטױס־בלינד,
פֿון קראַפֿט און פֿון עלעמענט.

און איבער דער גאַס
רדאָטן און נעצן און שטאָלערנע שטריק,
פּולסירן דאָס בלוט אין װערק פֿון דער גאַס,
אין געזעצן געטאָקטע
פֿון שטאָל און פֿון שטײן,
װאָס װיקלען זיך אָפּ
מאַטעמאַטיש פּרעציז,
אין מעכאַנישע ריטמען
פֿון אַ שטאָלערנעם גײַסט.

# לאָמפּן

לאָמפּן פליען אין דער לופט.
בלאָנדזשען אום אין חלל,
לאָמפּן מאַרשירן אין טראָט,
אין ריטמישן שריט,
לאָמפּן שטייען אויף דער וואך,
לויכטן,
באַלייטן אויף וועגן און אומוועגן
לאָמפּן באַלערנען, זיינען מודיע,
לויפן אַקעגן, דערציילן, שיינען, באַשיינען...

לאָמפּן גיבן סיגנאַלן אייזערנע קאָלאָסעס,
וואָס שניידן גרימיגע כוואַליעס
איבער ווייטע אָקעאַנען,
לאָמפּן התראות פאַר לויפנדע באַנען,
פאַר וועג־בויגנס בלויע,
גרינע פאַר שאַכטן,
יעדע קאָליר אַן אייגענע שפּראַך,
אָפט נאָר אַ ווינק, אַ ווינציגער סימן
טויזנטער לעבענס הענגען אויף אַ האָר.

לאָמפּן אין גאַסן, שטראָזן, וואָגזאַלן
אויף לאַנגע, גרויע שאָסייען,
לאָמפּן אין גלאַטיגע, לאַנגע נאַקעטע קאָרידאָרן
פון קראַנקן־הייזער, שפּיטאָלן
שיטן בלייך ליכט אויף בלייכע קראַנקע אָן רו,
אויף פלעגער מידע אין שווערן באַרוף.
לאָמפּן טרייסטער אין שווערע שעה'ן,
לאָמפּן אין הייזער, היימען,
שטילע עדות פון צער און צאָרן,
פון רעכט און אומרעכט
און דעם גאַנצן פלאָנטער וואָס שטייט מחוץ,
לאָמפּן שותפים פון ליכט און פרייד,
לאָמפּן וואָס זיינען טרויעריג,
שעמען זיך, זיינען פאַרשייט.

מיליאָנען מיריאַדן לאָמפּן,
וואָס לויכטן, ברענען, גליען
אין אַלע לשונות,
אין אַלע פאַרבן,
איבער אַלע טיילן פון ערד,
מיט אַלע נאָנטע און ווייטע צילן,
האַרטע, שטרענגע צוועקן,
און אַלע לויכטנדע חלומות
וואָס דערפילן זיך,
ווערן מקוים
אין איין איינציגער נאַכט.

# די זון אין זאַוואָד

אַלטע הייזער, פענצטער בלינד,
אויסגעזועצט צו שטראַלן פון זון,
בלינדע פענצטער טאַפּן נאָך ליכט,
א האָרן־הויט ליגט, א מאַטע שיכט...

געשטרעקטע ווענט, מיט אָדערן־רעלסן
מאַרשירן טעמפּ אין שפּאַן.
צוועק־פאַרשלונגען, זאַך־פאַרבונדן
אין מאָנאָטאָנעם שפּאַן...

שטאָלערנער פּולס קלאַפּט מיט האַסט
אין שטאָלערנע רעדער,
די זון זוכט פאַרעקשנ'ט א וועג...
שטראַלן פינקען אין בלינדע פענצטער
בויערן, שפּינען דינעם געוועב...

זאַכט און פּאַמעליך
רירט זיך באַוועגטקייט
אין פענצטער בלינד
פון הייזער אַלט,
שיילט זיך א שיכט —
גלאַנץ און שטראַלן
פילטרירן דורך פאָרן,
שטאָל־בלוט שוואַרץ
ווערט רויט און לייכט...

# א וואָגזאַל.

סטאַטיש סאָלידע סטרוקטור,
שטיין און ערץ פונדאַמענט.
פּיעדעסטאַלן, פּאָסטאַמענטן — מאָזאַאיק.
שיכטן פלאַך געלייגט,
פעסט באַזירט,
שטייגן, וואַקסן צו ליניעס,
דורכזיכטיג, ראַפּינירט...

ברייטע קוואַדערן האַרטער מאַרמאָר,
וואַרעם און ווייך אין טאָן,
גלאַנציגע, גלאַטיגע ווענט,
שפּיגלונג פון ליכט און פון רוים.
באַוועגונג און ווייטקייט פון אינען פיקסירט.
פאָרמען קנאַפּ, זאַכליך,
פּרעציז רעזערווירט.

אימאַזשינערער שוואונג,
רמזים אויף פלעכן און ווענט,
אין בולט'ע, קלאָרע פאָרמען געגאָסן.
רייכקייט, רחבות דורך פשטות באַטאָנט,
ליכט אָפּגעשטימט, ראַפינירט,
צוועק און ציל,
ווערק און שפּיל,
פאָרם און פונקציע
אַרכיטעקטאָניש פיקסירט...

ברייטע מאַרמאָרענע טרעפּ,
פאַרענטשעס גאָלד־גלאַנציג מעש,
לייכט־קראַפט און ליניעס דיסקרעט,
געהוילטע סקלעפּיניעס
מאָסיג באַשווערט...

שאַלטער, פענצטער, שאַלטער —
אויף דער פּעריפעריע פון האָל.
אין הינטער־גרונט אַמטירט פּערסאָנאַל,

אומבארירט פון א קארטינע
לעבן און ריטמיק פאר זיך.
ענטפערן זאכליך, רואיג
דראנג און דרענגען,
בענקשאפט נאך א שנוי,
פארלאנג צו אנטרינען,
וואונש נאך לעבן און דערפילונג,
א זוכן פון ווייטקייט וואס ווינקט...

אין דער מיט פון האל
שטייט א באלעמער,
עלפנביין־פארביג,
א קרייז אין מארמאר.
ווייזט אן ידיעות
פון ריכטונג און צייט.

קולוארן מיט געוועלבטע ארקאדן,
טונעלן וואס פירן אין וועג.
פאסאזשן און טראקטן,
רעלסן.
לאנגע שלאנגען וואגאנען,
געגלידערט אין בלוי־שווארצן שטאל
לאקן,
זיינען מבטיח פיטארעסקע שנויים,
פארבן און ליכט...

א רונדע קאפולע פון מילכמאט גלאז
ארכיטעקטאניש א וואונדער
געהאלטן אין מעטאלענע רעמען,
שליסט אפ א וואונדער
אוים מעטאל און מארמאר...

## אַ שיף גייט אָפּ.

אַ לאַנגער בוי, דעמבעס געגלידערט,
דער פּיער —
אַ רינג יבשה בייסט זיך איין אין שוועל פון ים.
פליגלען און קייטן, ציען זיך סתם
פאַרעקשנ'ט צו אַ ווייסן פאַנטאָם...

אַ כימערישע הויז —
אין געאיילטן, טיפן האַלצערנעם ברוין,
אַ קאַסטן געקלעבט, אויף דערווייל, איר־רעאַל,
צו לייזן זיך גרייט יעדן מאָמענט
פון ים עלעמענט.
דורך שפּאַרעס ציען שאַרפע ווינטן,
באַפעלקערן לײדיגע ווינקלען
שפּרייטן קעלטן אינמיטן תמוז...

דאָקס —
קאָמפּרימירטע ווירקליכקייט,
סחורות און פּירות פון פרעמדער ווייטקייט
אין גרייפּבאַרער נאָנטקייט,
זאַך געוואָרענע מענטשליכע צילן,
קאָמפּאַקט געוואָרענער מענטשליכער ציען זיך,
צוביטן אויף רוי־מאַטעריאַל...

די לופט גערדיכט,
שטויב־וואָלקן, מענטשליכע נערוון,
הייסע אָטעמס, פּראָסטיגע בליקן,
שווערקייט פון בלייערנער פּיין,
און פאַרמאַליטעטן, נויטווענדיגקייטן,
דורכגעפירט אין האַלבן באַוואוסטזיין,
אין טראַנס...

אוינן איינגעשפּאַרט פון אינען,
איינגעקוקט אין אַ וויטרינע
פון קוועלינן צער,

וואָס ברויזט אין אַלע קאָלירן,
צופייניגטער גליק, און שטורם אין זיך,
אַ געגאָסענע איינהייט
וואָס רייסט זיך פּאַמעליך פאַנאַנדער...

פּערעלעך טריפן, פאַרגיסן די ריסן,
אַ רויטע ווארימע מאַסע
שיט רויטע קאָראַלן אין גאַס,
צובליט... איינציגוויז...
געריננען זאַכט, פאַרבליען שוואַרץ.

מאַסן מענטשן.
די אויגן געשמידט צו אַ ווייסן פאַנטאָם,
אויפן וואַסער אַ וועלט.
מעטאַלהאַרט, אָבגעזונדערט, פרעמד,
קיטעוועט קאַלט
איין עק צום אַנדערן עק וועלט.
און רייסט פאַנאַנדער געגלידערטע קייטן,
צושלייסט — פאַנאַנדערגעריסן
נאָך ווארעם די וואונד, דאָס וואונדער פון ריס...
און אַנטפירט מיט זיך צוגאַנגענע בליקן,
פאַרוואָרצלט, פאַראַנקערט,
געוואַלטזאַם פאַנאַנדערגעריסן...

און נעמט מיט זיך אינקאַרנאַציע
פון בענקען,
אין פיבער־פראָסט פאַרגליווערט,
אין געבאָט פון מאָמענט.
אונטער געשלאָסענע לאָדן דעמאָנען פאַרבאָרגן,
אין טונקעלע קאַמערן, געפרעסטע אין פּיין,
ברעכן מויערן, מחיצות,
פאַרשוועמען, איבערגליען
רייסן זיך צום ליכט, צום נתגלה ווערן...

פליען, שוועבן
ווייסע מעוון
אַרום אַ ווייסן וואונדער־פאַנטאָם...

# אונטערוועגנס.

דער צוג לויפט
אויף א שמאָלן טראַקט.
צווישן צוויי ווירעס
אונטערשטע טיילן פון ווענט...
בלויז,
אומפאַרשעמט —
רעלסן קראַכן,
רעדער דרייען דעם וועג.

זאַפטיגע פּעיזאַזשן
ליגן פאַרטראַכטע,
קערן זיך איבער,
שטרעקן זיך אויס,
ציילן די טעג...

א פאַבריק אין שאַרבן.
חיבוט הקבר.
א שמאָלער טייך גיסט אויס
געלבליכע ברוין
אין מענטשנס דינסט.

קאַרטאָפל־פעלדער.
העקן, קשאַקעס, קוסטן.
א גלאַטע שאָסיי.
גאַזאָלין־סטיישענס.
ברייט־קעפיגע לאָמפּן
קוקן אומגעלומפּערט פלאַך...

געשפּרענגטע בערג.
געהאַקטער שאָטער
געהויפט אויף א באַרג.
שטעטעלעך פאַרלירן זיך
איבערן וועג...
רעקלאַמעס לאַכן פון ליידיגע ווענט...

# אָפּשׁיד פון באָסטאָן.

שווערע וואָלקן הענגען גרויע,
באָסטאָן איינגעזאַפּט פון טויען,
טורעמס פּייכטע,
סילועטן לויזע,
ברעג־דאַמפּער, יאַכטן
טאַנצן באַוועגטע,
אויף רינגען און וועלן
אַרויף און אַראָפּ...
באַסטילן, פאַבריקן,
טורעמס און סטריכעס
ווינקען פון ווייטן קאַלט אַ גרוס...

זעגל־שיפן אַלטע,
איינגעצויגן מאַסטן,
ליגן שטיל אין אַנקער,
צווישן גרוי און קאַלט,
ווי אַ ליכט־קאַפּריז
לייכט פאַרטראַכט,
פאַרשווינדט אין נאַכט
פון ים...

די שיף געגרייט
געלייזט פון ברעג,
האַרט ביים פּלויט
אַן ענג געדרענג,
מענטשן ווינקען,
בענקען —
הויבן קינדער אין דער הויך,
קאָמפּרימירן אין לעצטן מאָמענט
רויטן זאַפט איבערלעבן,
פאַרטריפן פאַרגאַפט, פאַרציקט,
איר־רעאַלן פאַרלאַנג
אין אַלע פיר ריכטונגען פון ווינט...

# אַן אָנקום אין ניו־יאָרק.

דער צוג לויפט אריין
אין אַ בלאָם־בלויען טאָג,
שפּיגל־גלאַט דער ריווער
דאָפּעלט יעדן צויבער,
דעם הימל איבער זיך
און אין דער טיף...

אַן איינזאַמע חורבה
ערגיץ פאַרגעסן
איז ממש באַזעסן,
פון ביזאַרן דאָפּל־לעבן,
קלייניקע הייזער
הויבן זיך, שוועבן,
שיקן די סטריכעס פאָרויס,
קוקן ד'אויגן זיך אויס
דורך מאַטע בלויע געוועבן...

דער ריווער ציט אויף די קורטינע.
אַ שלעפּער, באַלאַדן,
אַ דאַמפּער, מאַשינען,
נאָך איינער,
בליצן אין ליכט.
אַ מעווע, אין איין הימל געבאָדן
פליט הויך צום צווייטן...
אַלע שיפן שפּרייטן ווייסן בליסק.
אַנדערע דעכער ווייסן נעפּל
אין לויזע רינגען אין דער הויך.
ווערק עטעמט פאַרע און רויך.

די ערד שניידט אריין אַ רונדן קרייז,
אַ פעסטע פאָרם איינגראַווירט אין טייך.
מענטשליכע באַוואוינען, טענקס, רעזערוואָארן,
ווייכע וועליגע בערג אין ענגן הינטער־גרונט.

און פאבריקן, פאבריקן, געאָמעטרישע פאָרמען,
פאָרמולעס — כלומרשט קאַפּריזנע צוזייט,
אָפּגעפּאַסט צירליך און קנאַפּ
אויפן ווינציגסטן ברוכטייל פון צייט.
אויף נויטוועדיגן צוועק,
אויף פלוג פון מענטשליכן גייסט.

דער האָדסן שפּיגלט זיך
און אַלץ אַרום אים,
שפּילט די אָוועטיר
צו זיין מאָרגן־סימפאָניע...
אומדערשיטערט ביים וועג
שטייט דער זוים פּאַליזאַדן און האָרכט..
אַ גרופּע מעוון זיצט אויף אַ וועליגן רוקן־ביין,
זיי גליטשען זיך און פליען, בליצן בליסק
אין פלוג.
דאָס בילד פאַרענגט זיך,
ווערט קאָמפּאַקט.
אַרבעט און ווערק
אין ריטמען געהאַקט,
מענטשליכע מוסקלען,
שטאָלערנע בלוט אין שוואונג!

אַלץ נייע מעטאָדן
טרעטן אין קראַפט,
אַלע אופנים וואַריאירן,
אין בילד,
אין וואָרט,
אין אַרבעט,
אין טאַט,
מאַטעריע און באַוועגונג,
בנינים,
רעש און רויש...

## האפן ניו־יאָרק.

שטילקייט...
שוויַיגן...
רויִשן...

מיליאָנען יאָרן
איידער ס'אַנטפּלעקט דער מענטשליכער בליק,
איידער ס'באַרירט, דער מענטשליכער טריט
די אור־באַוועגטקייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן,
בריזען כוואַליעס מיט וואוכט צום ברעג,
צוריַיסן גרינע לייבער אָן פעלזן־שפּיצן אין וועג,
וואָס ברוינען אַריבער אין פּורפּור...
טאָג־איין טאָג־אויס זינקט אַ זון
אין זעלטזאַמסטן רויט,
גליטשט זיך דערשיטערט צום גרונט
פון אומבאַרירטקייט...
אַ לבנה צויבערט נאַכט נאָך נאַכט
זילבערנע בלויען איבער אייביגן רויִשן...
— — — — — — — — — — — — — —

און היינט...
— — — — — — — — — — — — — —

קרייזן, האַלב־קרייזן, קעסלען קאַביגע, גרינע
זידן, פאַרלויפן, פאַרגיסן זיך
האַרט ביים שוועל —
ביים אָנהויב — ביים סוף פון אַטלאַנטיק.
אויף געבויגן־געריִנגלטע ליניעס
קומען זיך כוואַליעס שטורמיש אָקעגן,
שטויסן זיך אָן, געבערן אונטערוועגס נייע.

לויפן יונג־ווילדע קעפּ פאַרשייטע פאַראויס,
אין אַ רגע־קרוין יעדע פון בלענד־וויַיסן שוים...
צוטראָגן האַפּערדיג בשורות פון לאַנד!
לאָזט זיך אַ ליאַרם אין קלאַנגען צום ברעג,
קלינגט ערשטער לאַנד־אַפּיל
אויפן פעדערשטן פראָנט,

גריסט סטאַטיק ווירדיג און פרעמד
אייביגן לויף...

מאָנומענטאַל־מעכטיגע בלאָקס,
שטייען פאַרשטיינטע אין שפּאַן,
גראַנדיאָזנע אָבעליסקן
שטייגן מיט וואוכטיגער שווערקייט
צום הימל.
קאַנטיגע קאַרעקטקייט,
פון ווענט און פענצטער־רעכט־עקן
ווערן ערשט בולט ביים ברעג פון דער בעי.
הארטע צוועקמעסיגקייט,
סאָליד־באַזירטע שיינקייט,
פון הארבן הומאָרלאָזן היינט,
באַווייזן זיך דייטליך
ווען ס'ווערן קלאָר קאָנטורן אין ווייסן ליכט.

באַלעבט זיך געשטיין,
באַוועגט זיך אין העלמיטן טאָג,
שטייט אייביגער לויף שטיל אויף אַ רגע
אויף אָן איינציגן פונקט...
וויקלט זיך הימל אין בלויען,
אויף באַלעבטן געשטיין,
לאָזט זיך אַ זון אונטער מויערן־ריזן
אין גרעל־רויטע בראַנדן פאַרגליען...
שוועבן אלוזיעס פון ווענעדיגס לאַגונען,
ארום עפּאָכן־אַלטע טעמפּלען, פּאַלאַצן
באַשאַפענע אין גלאַנץ,
באַשאַפענע אין ריטמען פון זייער צייט
פאַר אייביגקייט...

פאַלט די נאַכט איבער הארטע הויכע בנינים,
וואָס דראַפּען זיך געשטרעקטע צום וועלטן־בלוי,
וועבן זיך לעגענדעס אין פינצטערע קאָלירן,
פון אש און גרוי...
שלייכן זיך פיגורן, קלעבן אָן ווענט,
ווארפן שאָטנס גרויל און פחד

בליצן מעסערס בלאַנק און שאַרף
בליט רויטע בלוט אין לאַנגע סטענגעס
און טונקעלע גרויזן
און גרויע פאַנטאָמען
און נאַקעטע מענטשליכע נויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ פּיאַטרעסקע רעם נעמט אַרום די בעי,
ציען זיך שטאָט־טיילן, ציען זיך שטעט,
וויקלען זיך רונדן אין ווייטע טעראַסן,
געפּרעסטע אין ליכט.
פון הויך־אויבן צושפּאַנען זיך פּעכער,
ריזן־קאָלאָסן,
בייגן זיך בונטע צום צענטער פון בעי.
און ערגיץ־וואו בלאַנדזשען נאָך איינזאַם אַאַזעס,
טרוקענע, מאַגערע מיט שיטערן גרין.
פּלאַראַ באַווייזט אַן אַנדערע גערעטעניש,
די זיגרייך־מעכאַנישע פון אייזן און שטאָל...

שיקן פאַבריקן פּיילער פאַראויס, קוימענס
/ פאַראויס,
צוואַוואַקסן זיך פאַרעס, צוואַוויקלען זיך גאַזן,
צובליען זיך הויכיגע בלומען־גירלאַנדן,
פאַרוויילן אַ ווײַלע אין ליכט.
און קוימענס קוואַדראַטן, קוימענס שטאַפּעטן,
שטייען שטראַם, אינדיפערענט,
פאַרשטאַרט אין רוים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין פאַרשידענע פונקטן פון האַפן ניו־יאָרק.
שטייען פלאַך־געמויערטע באַפעסטיגטע הייזער,
וואָס ליגן אין שאָטן געהילט.
דראָטן און נעצן פון מעבר לים
ציען עקזאַקט אַהין זייער ציל.
שטרעקן זיך הענט מיסטעריעזע פון אייזן,
פינגערשפּיצן ציען, שפּאַנען, דיריגירן,
אונטער־ערדיש־איבערערדישע
מאַטאַרישע כחות, פון אַלע עקן פון וועלט.
קייבל־סטאַנציעס, ראַדיאָ־צענטראַלן,

נייעסטע נסים פון נייעסטער טעכניק,
איינרעגולירט
אין סיסטעם און מעטאָדן פון האַפן...
עלעקטריציטעט־צענטער
און גאַז־טענקס מיט פּלומפּע צילינדער
ציען עלעמענטאַרע חיונה
אין טיפן גרונט פון דער בעי.

באַסטילן, פעסטונגען מיט בראַנד־רויטע ציגל,
רינגלען אַרום די בעי,
פּולווער־מאַגאַזינען, גרוי אין זייער זיין
רינגלען אַרום די בעי,
שמאָלע שפּאַרעס קוקן טעמפּ, ווי בלינדע
פענצטער,
קאַנאָנען אין מעסיג שווערע קאַליבערס,
אָפּגעשטעלט צום צענטער פון בעי,
זיינען מרמז אַ שוידיגן אינהאַלט
פון ניכטערן־פּאַרצייטיגע אַנאַכראָניזמען.
אַמעריקאַס נייווי לאָזט דעפּילירן,
קריג־שיפן גרויע, געפּאַנצערטע מאָנסטערס,
אייזערנע אָדלערס, הידראָפּלאַנען, צעפּעלינען
אוויאַטיק דעמאָסטרירט קאָנצענטרירטע גבורה
אַרום ברעגעס פון האַפן ניו־יאָרק.

— — — — — — — — — — — — — —

טונקעלע גייסטער געוועלטיגן אין האַפן,
אַ געדיכטע אָסנאָווע פאַרבאַהאַלטענע נעצן,
זיפּן, קאָנטראָלירן פּרעמד מאַטעריאַל.
האָבן זיך ערגיץ־וואו ווינקלען
צוברענט אויף דער ערד,
וואָס שטויסן פון לאַווע פאַרברענטע פון זיך,
האָט זיך ערגיץ־וואו בענקשאַפט צובליט,
איז ערגיץ־וואו רוים געוואָרן צו ענג,
און קלאַפּן הענט, מענטשליכע הענט
אין אייזערנע טויערן פון האַפן,
שטייט סטאַטיו אָף ליבערטי,
וואָרנט ווייט מיט אַ האַנט —
„לאַשאַטע אָני ספּעראַנצאַ...“

— — — — — — — — — — — — — —

אַלע פּרימאָרגן צואַוויקלט דער האַפן,
זיין בונטע, באַלעבטע קורטינע,
ס'ווייזן זיך וועגן, עפענען זיך טויערן,
פרעמדע מדינות און ווירטשאַפט און האַנדל,
זעצן אַ פּוס אויף אַ ווילע אין דער בעי.
אימפּראָוויזירן ביים ברעג אַ מקום מנוחה,
אויף זאַמד־געבויטע פּאַלאַצן...
בוענאָס־איירעס און סטאָקהאָלם,
טאָקיאָ און ריאָ,
אַלעקסאַנדריען, סאַוטהעמפּטאָן,
האָנג־קאָנג, שערבורג,
קרייצן שטראַף געקניפּטע פעדעם
אינמיטן פון האַפן ניו־יאָרק.

און אַלע טאָג, וואָס גאָט שיקט אין לאַנד,
קומען צושווימען ביזאַרע שיפן
פון אַלע ווינקלען פון אַ וויטער וועלט,
באַלאָדן מיט גאָלדענע אוצרות...
און אייל און פעל, און צוקער און תבואה
שטראָמען אין שפּעכליערס־רעזערוואַרן,
אין אָפענע מיילער פון האַפן.
שווימענדיגע בריקן פירן פלאָמבירטע וואַגאָנען
פראַכט־דאַמפּערס קאָוועס און טייען
אין שווערע אַראָמאַטן,
פירות, פּראָדוקטן פון גאָר דער וועלט.
שווימענדיגע וואַגאָנען פּראָדוצירן אייביגע אייזן
צו האַלטן פריש דעם צאַרטן שימער,
פון זיסע, זאַפטיגע פירות,
געבאָוועט אין וויטע מדינות
פאַר רויטע באַגעריגע ליפּן פון האַפן ניו יאָרק.

און וויט אין בונטן אָריענט,
זיצן געבויגן מיליאָנען עלאַסטישע גופים,
מיט גאָלד־ברוינע גלידער,
שפּינען און וועבן, פלעכטן קאָבריצן, פערזער,
פרעסן פון וויץ־עקזאָטישע בלומען
פאַרפיומען און איילן

פארן גאָלדענעם גוף פון האַפן.
און וועבן שאָלן און וועבן זייד און שמידן צירונג,
פאַסן זעלטזאַמע שטיינער,
דזשעד און אמבראַ,
אַמעטיסטן, טירקיזן, טאָפּאַזן, עמעראַלדן
פאַר ווייסן שלאַנקן האַלז פון האַפן ניו יאָרק.

די ברעגעס פון האַפן ליגן אָפּטמאָל אין כשוף,
זײנען פאַרשכורט פון ריטמיק פון האַפן.
פליען מראות אַרום אין רוים,
ווערן פאַרשפּינען פאַנטאָמען,
שווימען פאַרנעפּלט אין אַ פאַרכשופטן טרוים
באַיען שאַרלאַך־רויט קומען מיט גלאָקן
און ליכטער —
צורייסן די פּלאָנטער, קלינגען, לייכטן, וועקן, —
סירענעס מיט אָפענע העלזער ציען
לאַנג־געצויגענע טענער
רופן, זאָגן אָן, וואָרענען.
קאָלגייט־זייגער ווייזט אומדערשיטערט
יעדן ברוכטייל פון צייט.. זייט גרייט!

האָבן ווינטן און שטורעמס זיך צו שטאַרק
געטומעלט,
צובושעוועט דאָס בעט פון דער בעי,
קומען שיפן פּראָלעטן מיט מעכטיגע קראַנען,
גלייכן אויס די זאַמד־בענק,
גלייכן אויס די זאַמד־בערג,
כדי מאַכן די בעי אַ שטענדיג געגרייטע
פאַר׳ן טאָג־ווערק פון האַפן ניו־יאָרק.

און פאַלט די נאַכט איבער ווייטן האַפן,
באַקראַנצן זיך ברעגעס מיט לייכטנדע קרוינען,
ווערט טונקעלער, שוואַרצער די בעי,
לייכט־טורמס גלימערן אין הייסע קאָלירן,
רעפלעקטאָרן צורייסן דעם גרונט פון דער בעי.
עפענען זיך שפּאַלטן, נאַכטיגע פענצטער,
טונקעלע מיסטעריעס, געדיכטע ווירקליכקייט,
פאַרוועבן זיך ביידע אין איינס...

— — — — — — — — — — — — — —

פּעען־פּענצטער באַלײַכטן דעם נאַכטיגן האַפן,
שפּריצן מיט קלאַנגען און מוטנע קאָלירן.
אין טונקעלע רעמען פון נאַכטיגע פענצטער
שטייען כימערן.
פיגורן פאַרכשוכט אין צויבער־געוואַנדן,
מיט צויבערגעזאַנגען, ווי ראָלן פון רענדלעך,
בריליאַנטן געשימער ווי טוי אין פרימאָרגנס
פאַרפולן דעם רוים פון דער בעי...

אויף וועגן און אומוועגן ציען זיך קלאַנגען,
ציען מאַגנעטיש סענזיבלסטע אויערן,
געניום און קונסט,
ווערן נתפעל פון לאָקונג און צויבער
וואָס טרילערט פון גאָלדענע טויבן
אין האַפן ניו־יאָרק...

קומען צושווימען טאָג־איין טאָג־ אויס
ווייסע פּאַלאַצן
מיט קוימענס מיט רויטע לאַמפּאַסן,
פונדאַמענטן פון אײַזן אויף א באַוועגטן גרונט!
שטעט שווימען!
בינשטעק געדיכטע, מיט היימען און היילן
פאַר א דערוויילינגן אינטערוואַל
צווישן לאַנד און לאַנד
אויף א דעמאָנישן גרינעם ים־עלעמענט.

און אין פאַנטאַסטישע היכלות
אויף ווייסע דאַמפּער־פּאַטריציער
זיצן באַשאַפער פון אַבסטראַקטערע וועלטן,
מוזיק, מעטאַפיזיק, און קונסט און וויסענשאַפט,
טעכניק און ספּאָרט,
זײַנען אָנגענומענע געסט אין האַפן ניו־יאָרק.

האָבן פּאַרצייטיגע דורות פון אַלע אומות
דעם זין פון זייער זײַן אין ווערק אינקאַרנירט,
האָט א געניום אין גלות

די עסענץ פון דור אין טאַט קאָמפּרימירט,
האָבן גיגאַנטן אַ שאָטן געוואָרפן,
וואָס שפּאַנט איבער יאָרהונדערטער
צום יונגסטן היינט,
צו היטן דאָס פייער, צו רינגלען די קייט —
לאָזט זיך פון האַפן אַ ווילדער געיעג,
רייסן זיך גאָבעלינען פון פראַנקרייך און בעלגיע,
פּאַר פּחד פון ווענט,
שפּיצן פון בריסל, שאַנטי
ווערן בלייך אונטער גלעזערנעם שוץ,
האָלאַנדס מייסטער, גאַלעריען, בעלוועדערן
זיינען אומזיכער געוואָרן אין נאָבעלע היימען.

און ביים שוועל פון האַפן, קען מען
אָפּטמאָל דערזען
אַ הייליגע, אַ מאָדנע פּראָצעסיע...
קולטורן וואַנדערן! קולטורן צו פוס!
צום טיפסטן דערשטוינט,
צום טיפסטן דערשראָקן
איבערן שוועל פון גאָלדענעם טויער
פון האַפן ניו־יאָרק.

---

און ווייט איבערן האָדסן שפּרייט זיך דער האַפן.
שריט נאָך שריט ווערט אַטמאָספערע
געדיכטער, געדרענגטער,
אַלץ קאָמפּאַקטער שטאָף, מאַטעריע.
דער האַפן באַשרענקט זיך אויף אייגענע גרעניצן:
שעפּט פון אייגענע קוואַלן.

פּאַרכשופטע טאָלן, פּאַרצוויזבערטע בערג
פּולזירן דורך מיליאָנען אָדערן,
בלוט און ווערק
דרייען מיליאָנען רעדער
דעם טעקסט צו האַפן ניו־יאָרק.

דער גיגאַנטישער גוף פון האַפן ניו־יאָרק
שפּאַנט אַרום זיך אַלע כחות,

אַלע אָזערעס־אויגן פון לאַנד
שטראַלן אַ נעץ, קרייץ איבער קווער,
פאַרקניפּן אַ צענטער אַרום האַפן ניו־יאָרק.
לייק איירי, אָנטעריאָ, מישיגען
קלינגען אַריין זייערע נעמען פון קלאַנג,
פרעסן זיי איין מיט פייעריגע אותיות
אין קרייז פונם האַפן.
ברעג־דאַמפער קרייצן דעם האַדסן,
קרייצן דעם האַפן,
באַלאָדן מיט פראַכט און מיט פרוכט,
פון אייגענע מדינות
וואו זומער הערט ניט אויף,
וואו ווינטער קומט ניט אָן,
וואו דער ווייצן בליט דורכן גאַנצן יאָר...

פענסילוועניע־רעיל־ראוד —
מיט אָפשטייג־קוואַרטירן,
צולאָזט אַ רעלסן־נעץ אויפן באַוועגטן עלעמענט פון האַפן.
ריזן־פּאַראָמען פירן אינוועטאַרן און לעבן
פון ברעג צו ברעג,
אין „ניו יאָרק צענטראַל“
פאַרלאָזט זיינע ווייט־פאַרצווייגטע דרכים

פון וואַסער און לאַנד,
שיט אוים זיין אינהאַלט, זיין גאַנצן געהאַלט,
אַרום צענטער פון צענטערס,
אַרום ברעגעס פון האַפן ניו־יאָרק.

און ברעגעס פון האַפן
זיינען פאַרפּלייצט מיט סילועטן.
פון משונ'ע שערן־שניידער געשניטן.
„טראַסט־אויל־קאָמפּאַני“! „סטאַנדאַרט־אויל“! „שעל“!
בולטע רמזים אויף שטאַרק־שטראָמען פון גאָלד
וואָס באַוועגן אין טויזנטער ריכטונגען
דעם גרונט פונ'ם האַפן.
אינדוסטרי און ווירטשאַפט האַמערן דראַמאַטישע ריטמען,
פון אַלע פאָרן פאַרעט וואָכטאָג און ווערק.

געאָמעטרישע פיגורן פֿאָרמעלן, גייסטערן
זעלטזאַמע טענער לויט זעלטזאַמע שליסלען,
אין אַ נייער ריטמיק אַ מעכטיגער טעקסט.
פֿון מינוט צו מינוט קרעשענדירט דאָס טעמפּאָ,
אַ דישען און סאָפּען צישט אין רוים,
פֿאַרצויבערטע מייסטער דרייען פֿאַרבאָרגענע שרויפֿן,
האַמערן אין לויזע בלעטער פֿון אייביגקייטס־פֿאַרמעט
אין טעכנישע היעראָגליפֿן,
אין קאָנסטרוקטיווער פּרעגנאַנץ
אַ ברויזיגן האַמער־געזאַנג.

# אינהאלט

פאָרוואָרט פון חיים ליבערמאַן.

## ווייסע זייד

זייט


ווייסע זייד ........................ 3
פאַרבן ........................ 4
צומאָרגנס ........................ 5
אַלע בלויען שלאָפן ........................ 6
די אויגן פון מיין ליבסטן ........................ 7
וואָלט איך האָבן טויזנט לעבנס ........................ 8
כ'וואַרט ........................ 9
אַליין ........................ 10
מיין שטוב איז פוסט ........................ 11
וואַרטן ........................ 12
טאַנץ ........................ 13
צו ווהיסטלערס „מיידל אין ווייס" ........................ 14
מיר חלומ'ט זיך ........................ 15
אַלע וועלטן שיטן אוצרות ........................ 16
מיינע מדינות ........................ 17
מיין גוטער מלאך, מיין שלעכטער ........................ 18
אַלע מיינע ברכות פאַר אייך... ........................ 19
שלאָפלאָזע נעכט ........................ 20
פיבער ........................ 21
דער קאָפּ ליגט שטייף ........................ 22
כ'קען ניט שלאָפן ........................ 23

| | זייט |
|---|---|
| בעסערונג | 25 |
| ס'גייט מיר בעסער... | 26 |
| מאט | 27 |
| עמיץ איז מיד... | 28 |
| עפּיס פּאַראַן... | 29 |
| פֿאַזשאַרן | 30 |
| פֿאַרשלאָסענע טויערן... | 31 |
| אומעט | 32 |
| אומרו | 33 |
| אַ מאָנאַסטער | 34 |
| לויזע פּעדעם | 35 |
| שטיל לייד | 36 |
| רעמיניסצענצען | 37 |
| פּלאַטערט אַ טאָן | 38 |


## וועלט און מענש


| | |
|---|---|
| מיינע וועגן | 41 |
| לעבן... | 42 |
| טויזנט פייערן העליש גליען | 43 |
| דער וועג באַרג־אַרויף... | 44 |
| זוכן | 45 |
| יסודות | 46 |
| זאַכן דערציילן... | 47 |
| ווער פאַרמעסט זיך... | 48 |
| אַלע טיפן רופן... | 49 |
| מיסטעריען... | 50 |
| האָריזאָנטן | 51 |
| מיר אַלע ציטערן... | 52 |
| עלעמענטן מיר... | 53 |
| ערגיץ וואו | 54 |
| פלאַמען ווייסטע וואַנדערן... | 55 |
| צווישן דור און דור | 56 |
| צייט | 57 |
| פון וואַנען..? | 58 |
| מיליאַנען זונען | 59 |
| אין האַרץ פון נאַכט... | 60 |
| וואָלט איך מיין גוטען מלאך געבעטן... | 61 |
| חסד | 62 |
| ירידה | 63 |
| ווער וועט ענטפערן? | 64 |
| גאָטס הייסער אָטעם... | 65 |

זייט


גלעטשערס רירען זיך ... 66
די ערד איז קראנק ... 67
אין א קליינער רגע ... 70
ווייל איך ווייס ... 71


## טאג און נאכט


טאָג־איין — טאָג־אויס... ... 75
די שייד־וואנט... ... 76
טאָג געבורט ... 77
גאנץ פרי ... 78
אלע הילן פאלן ... 79
שטילער מאָרגן ... 80
א ניט אנטשלאָסנקייט איבערן מאָרגן ... 81
פארטאָג אין פאָרשטאָט ... 82
מאָרגן ביים ברעג ... 83
פרעמד הייגט די זון... ... 84
מאטער מאָרגן ... 85
נעפליגער מאָרגן ... 86
דער מאָרגן האָט אלע וואונדער פארשלאָסן... ... 87
דער מאָרגן ביים ברעג... ... 88
ווינטער־מאָרגן ביים לייק ... 89
א ליכטיגער טאָג ... 90
א גרויער טאָג ... 91
פארבן פארנאכט... ... 92
זון־אונטערגאנג ביים ים ... 93
זון־אונטערגאנג ... 94
די זון גייט אונטער ... 95
איין סוד נאָר וויל ניט פארגליען ... 96
ס'ווערט נאכט... ... 97
א לבנה אין גאָלד... ... 98
ערגעץ קלינגען גלאָקן ... 99
די נאכט איז געגאָסן פון ליכט... ... 100
געשפענסטער ... 101


## געצייטן


פרילינג־באגינען... ... 105
משנת עתים ... 106
פרילינג קומט ... 107
פרילינג אויפ'ן שוועל ... 108
די ערד ווארט ... 109

זייט


פרילינג ביים טויער... 110
ווען איז ערשטער טוי געפאלן... 111
רעגן 112
פרי־פרילינג 113
מאָרגן דערוואכן 114
אלע גרינען ניי געבוירן 115
נעפל 116
פארבן ווערן געבוירן... 117
טונקעלע טרילער ציטערן... 118
פרילינגס־מאָרגן 119
פרילינגס־טעג 120
פרילינגס־אקאָרדן 121
פרילינג אין שטאָט 122
פרילינג ביים ים 123
רוישן 124
צויבער 125
רעגן 126
זון־אונטערגאנג 127
אלץ אונטערוועגס 128
אלע צויבער אין ליכט 129
ווארטן 130
גאָלד־שטויב אין מאי... 131
דער מאָרגן אין נעצן... 132
אלע בלעטער קרילן פייכטע ליפן... 133
דער טאָג איז פארשיכורט 134
אינמיטן זומער 135
תמוז 136
זומער־נאָכמיטאָג 137
נעפל ביים ברעג 138
גרוי און באטריבט 139
רעגן 140
געוויטער 141
האָגל 143
ס'בייט זיך 144
הארבסט קלאפט אין טיר... 145
אנדערע וואונדער און נייע... 146
דערווארטונג... 147
פרי־הארבסט 148
צוברענגט א מאָרגן־זון 149
יעדער בוים איז פרוכט באלאָדן... 150
הארבסט אין פארק 151
א טאָג אין אויגוסט 152
א שיף אין זיכט... 153

זייט
דער ווינט ווייסט... 154
דער ים שיקט בערג צום ברעג 155
שפעט־זומער 156
טעג אין אויגוסט 157
הארבסט־רויש 158
די שליסלען 159
פארנאכט אין הארבסט 160
שפעט־האבסט 161
שניי 162
בענקט זיך שטארק נאך ווייסן שניי 163
געפרוירענער טוי... 164
די וועלט איז ווייך פארוויעט 165
דער שניי איז א מילדער 166
ווייסער הערמעלין 167
ווייסע שטערן בלאנדזשען... 168
פארשנייט... 169
שניי־גלאנץ 170

## ים און ווינט

פרילינג פאר דער טיר... 173
בלוי־שווארץ דער גום פון ים 174
פאר־פרילינג ביים ים 175
פרילינג ביים ים... 177
ווינט 178
דער ווינט ברענגט א גרוס 181
קאפריזנער ווינט 182
דער ים ליגט א בלאנקער 183
אויפן גרונט פון ים 184
דאס רוישן קומט ווייט און ווייס 185
דער ים בענקט 186
פרימארגן 187
דער ים ברויזט... 188
דער ים איז א בייזער... 189
הימל איבערן ים... 190
זומער נאכמיטאג 191
פארנאכט 192
פארנאכט ביים ים... 193
נאכט אויפן ים... 194
שטורם 195
דער ים רוט... 197

## בלומען


זייט

בלומען ביי נאכט ........ 201
גלאדיאלן ........ 202
דערוואַרטונג ........ 203
„רייזן" ........ 204
עמיץ איז נאך ווייט... ........ 205
טולפּן ........ 206
בלומען אין שטוב ........ 207
רויזן אויף מיין טיש... ........ 208
ערשטע טולפּן ........ 209
ביימער ביי נאכט... ........ 210
בלומען־רמזים... ........ 211
קאַלירן ........ 212


## װענוס


װענוס־געבורט ........ 215
װענוס דערקלערט װאולקאן איר ליבע... ........ 218
װענוס קרעאַטריקס... ........ 221
צו „טריסטאן און איזאלדע" ........ 227


## װערק און קאַמף


שטאַל און אייזן ........ 231
ביים ריווער אַהייאַ ........ 232
אין האַרץ פון באַרג... ........ 233
א דור פון דיזן... ........ 234
פענצטער־פּוצער ........ 236
צען מענער אין בלויע בלוזן... ........ 237
נייטאָרנס ........ 238
מיידלאך אין פאַבריקן... ........ 239
ברעדליין אויף טיימס־סקווער ........ 240
מיין נעגער־מיידל ........ 241
באַגעגניש ........ 242
מאַסן ........ 244
מאַסן אין גאַס ........ 245
נעפּל איבער דער מאַס... ........ 247
טאַנק ........ 248
גאַז־מאַסקן ........ 249
צעפּעלין ........ 250
גאַז־טויט ........ 253

## ניו־יאָרק


| | זייט |
|---|---|
| ריטם פון שטאָדט | 257 |
| ניו־יאָרק | 259 |
| וואָלקן־קראַצער | 261 |
| ראָקסי | 263 |
| בראָדוויי | 264 |
| בראָדוויי־פאַנטאָמען | 265 |
| ליכט־רעקלאַמעס | 266 |
| מאַנהעטן | 267 |
| ארום מאַנהעטן | 269 |
| מאַנהעטן־בריק | 270 |
| מאַנהעטן־בריק איז באוואכט... | 273 |
| קרייזלער בילדינג | 275 |
| עמפּאיר סטייט | 279 |
| סאָבוויי | 281 |
| דורכ'ן פענצטער פון סאָבוויי | 282 |
| דעגן אין גאַס | 283 |
| דזשאָנק | 285 |
| מעטאַמאָרפאָזן | 286 |
| ווערק־טאָג אין גאַס | 287 |
| לאָמפּן | 288 |
| די זון אין זאוואָד | 290 |
| א וואָגזאַל | 291 |
| א שיף גייט אָפּ | 293 |
| אונטערוועגנס | 295 |
| אָפּשיד פון באָסטאָן | 296 |
| אָן אָנקום אין ניו־יאָרק | 297 |
| האַפן ניו־יאָרק | 299 |

ARS — 55, rue de Rivoli, PARIS

# וויכטיגע דרוקפעלער

| זייט | שורה | אנשטאָט | זאָל הייסן |
|---|---|---|---|
| 19 | 7 פון אונטן | איך האָב | איר האָט |
| 37 | 5 פון אויבן | ליגט | ליגן |
| 37 | 15 פון אויבן | אהן | און |
| 43 | 1 פון אונטן | וואס | וואָס |
| 62 | 6 פון אויבן | וואס | וואָס |
| 69 | 6 פון אונטן | שיי | שיין |
| 85 | 6 פון אונטן | לאזט | לאָזט |
| 117 | 5 פון אונטן | אָן | אין |
| 145 | 1 פון אונטן | דאַרף אויסגעשטראָכן ווערן | |
| 158 | 12 פון אונטן | הוינדערטער | הונדערטער |
| 167 | 9 פון או בן | דאַרף אויסגעשטראָכן ווערן | |
| 168 | 5 פון אויבן | צואווינטע | צואוויגטע |
| 184 | 6 פון אויבן | היבוט הקבץ | חיבוט הקבר |
| 189 | 5 פון אונטן | האָריזאנט | האָריזאָנט |
| 195 | 14 פון אונטן | געפאָשעטע | געפאַטשטע |
| 196 | 16 פון אונטן | סעקונד | סעקונדן |
| 204 | 1 פון אויבן | רייזן | דייזן |
| 204 | 2 פון אויבן | רייזן | דייזן |
| 216 | 3 פון אונטן | גרוסן | גריסן |
| 224 | 6 פון אונטן | מיניאָטוירן | מינאָטוירן |
| 228 | 1 פון אויבן | טירבן | טריבן |
| 228 | 12 פון אונטן | צוימער | צויבער |
| 234 | 8 פון אויבן | פו ערן | פייערן |
| 237 | 5 פון אויבן | בלויזן | בלוזן |
| 242 | 7 פון אונטן | לו | דו |
| 248 | 4 פון אונטן | פדאָגרעם | פראָגרעם |
| 281 | 10 פון אויבן | בלישטשענאיגע | בלישטשענדיגע |
| 293 | 12 פון אונטן | ציען זיך | ווילן |
| 305 | 7 פון אויבן | צויבערגעזאנגן | צויבערגעזאנגען |
| 306 | 7 פון אונטן | פאַרצוינבערטע | פאַרצויבערטע |
| 312 | 10 פון אויבן | א מאנאסטער | מאָנסטער |
| 313 | 9 פון אונטן | ערגטץ | ערגיץ |
| 314 | 20 פון אונטן | קרילן | קריגן |
| 316 | 5 פון אויבן | רייזן | דייזן |
| 316 | 15 פון אונטן | דיזן | ריזן |
| 317 | 12 פון אונטן | דעגן | רעגן |